STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00189

TSVEY VELTN

David Bergelson

Permanent preservation of this book was made possible by
Sharen N. Rozen
in honor of
her grandparents, Ida & Max Goldberg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד בערגעלסאָן

צווי וועלטן

דוד בערגעלסאָן

צוויי וועלטן

(קאַפּיטלען פון אַ גרעסערער דערציילונג)

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון פריינט
ז. זאַכאַריע, אין ליכטיקן אָנדענק פֿון
זיין פֿאָטער **משה לייבוש זלאָטשעווער**
זיין מוטער **שרה**
(פֿון דאָברין ביי דער ווייסל)

זיינע שוועסטער **מלכה, טויבע, פייגע** — פֿון
מלאַווע, מיט זייערע מענער, קינדער און קינדס־
קינדער, וואָס זיינען שוידערלעך אומגעקומען צו־
זאַמען מיט די זעקס מיליאָן פֿון פֿאָלק ישראל.
תנצב״ה.

זאַקי זאַכאַריע (זלאָטשאָווער)

סקאַרסדייל, נ. י.

DAVID BERGELSON

ZWEI WELTN

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND
189 Secnd Avenue, New York, N. Y.

PRINTED IN U.S.A.
1953

ערשטער קאַפּיטל

.1

דעם גאַנצן פּלאַנטער האָט אָנגעאַרבעט דער שי־קאַגער פּראָפעסאָר פון אַגראָ־קולטור קאַלמענס — אַ קורצפּיסיקער, אַ בחוריש־עלנטער, אַ צופרידענער, אַ גוטהאַרציקער און פּונקט אַזאַ פּראָסטלעכער מיט מענטשן, ווי פּראָסטלעך ער האָט אויסגעזען מיט זיין היפּשן פּנים און מיט דער קורצער גראָוולעכער באָרד.

און ווידער . . . אַרויספלייגן דאָ אויף אים אפילו די מינדסטע שולד איז גאָר ניט שייך. אַוודאי האָט ער עס געמיינט צו גוטן. ווי אַן אַגראָנאָם און עקאָנאָמיסט האָט ער גוט געוואוסט, אַז ביים איבערפּלאַנצן ביימער פון איין באַרג אויפן צווייטן מוז מען אינזינען האָבן דעם כּלל: ניט אַלע ווערלן אויפן נייעם אָרט זיך אָננעמען. ער האָט אָבער גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אַ טראַכט צו געבן, אַז דאָס אייגענע איז מיט מענטשן.

אַ מזג־טוב — דאָס קען מען בפירוש אויף אים זאָגן. נאָר אָפּגעלעבט האָט ער ניט ווייניק צייט אין אַ סביבה, וואָס האָט אים דערוויטערט פון אַלערליי טועכצן פאַרן כּלל און אפילו פון חתונה האָבן, ווי גלייך אין אָט־דעם ענין פון פאַמיליען־לעבן וואָלט שוין אויך ליגן עפּעס אַ מין געזעלשאַפטלעך טועכץ. דער אמת איז, אַז אַ בחור איז ער פאַרבליבן איבער אַ מעשה מיט ניט קיין געלונגענער יוגנט־ליבע אין דער קליי־נער שטאָט אויף דער רוסיש־פּרייסישער גרענעץ, פון־

קאַפּיטלען פון אַ גרעסערער זאַך, פאַרעפנטלעכט אין די זאַמלביכער „היימלאַנד״, מאָסקווע, 1947־1948.

וואַנען זיינע עלטערן זיינען מיט אים אַמאָל אַריבערגע־פאָרן קיין אַמעריקע. אַ יאָר צוואַנציק כסדר האָט ער איין־אַליין געגעסן זיינע מיטאָגס און זיינע וועטשערעס אין יענע שיקאַגער רעסטאָראַנען, וואָס זיינען פונקט אַנגעמאָסטן פאַר זיין בייטל, און אויף דער עלטער האָט זיך אים פאַרוואָלט אָפּטאָן עפּעס אַ גוטע זאַך ניט נאָר פון אייגענע נוצן וועגן. אַנדערע אין זיין שטאַנד האָבן אין אַזוינע פאַלן יוצא געווען מיט ווערן וועגעטאַריער. נאָר אים האָט זיך טאַקע באמת פאַרוואָלט אָפּטאָן אויף דער עלטער עפּעס מער וויכטיקס, — ווער וויל עס דען אָוועקגיין פון דער וועלט גאָר אינגאַנצן אָן מעשים־טובים?

גראָד האָט פּאַסירט, אַז דווקא אויפן צווייטן יאָר פונעם דעמלטיקן גרויסן קריזיס אין אַמעריקע האָט דעם פּראָפעסאָר גענומען קוועטשן זיין אָפּגעשפּאָרט קניפּל, און אין האַרצן ביי אים האָט זיך ממש באַזעצט דער ווילן צו מאַכן אַ לענגערע רייזע: זיך לאָזן דורך מערב־אייראָפּע קיין רוסלאַנד, וואו אים האָט אינטע־רעסירט די אַגראַ־עקאָנאָמיק אין באַדינגונגען פון קאָ־לעקטיוויזאַציע, און אויף צוריקוועגס שוין אַ קוק געבן, וואָס אַזוינס שטעלט מיט זיך פאָר אָט דאָס ביראָבי־דזשאַן, וואָס מען האָט דאָרט אויסגעטיילט פאַר יידן. און אפשר, ווער ווייסט? . . . אפשר וועט ער דערצו נאָך עפּעס קענען דאָרט אויפטאָן. דאָס איז פאַר אים געווען שיער ניט אַ מין רייזע צוריק צו זיין ניט געלוב־געוועט יוגנט־ליבע, צוריק צו יידן אינעם געבורט־לאַנד, וואָס האָט אויף אייביק געלאָזט אין אים אַ בענקשאַפט, כאָטש פון יידן בכלל איז ער די גאַנצע צייט געווען אָפּגעריסן.

ווי מיט דער־אַ נסיעה וואָלט ער אויפן איך־און־פופציקסטן יאָר פון זיין לעבן זיך אַליין באַלוינט דער־

פאַר, וואָס קיין באַזונדערע הנאה האָט ער, בעצם, זינט ער געדענקט זיך, פון גאָרניט געהאַט, — אַזאַ געפיל איז געווען ביים פּראָפעסאָר, ווען, אַריבערגעפאָרן דעם אָקעאַן, האָט ער אין פאַרשיידענע אייראָפּייאישע לענדער זיך אַרומגעשאַרט איבער אַגראַר־אינסטיטוטן און באַזונדערס, ווען פאַר זיין אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד האָט ער אַ פּאָר וואָכן זיך אָפּגערוט אין דער שטילער איטאַליענישער שווייץ. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס לעבן אין אייראָפּע איז געווען גאָר אַן אַ פאַרגלייך ביליקער ווי אין אַמעריקע, דער פּראָפעסאָר האָט פון זיין אָפּגעשפּאָרט קניפּל נאָך ניט געהאַט אויסגעגעבן אפילו קיין האַלב פון דער סומע, וואָס ער האָט גערעכנט, און דאָס האָט שוין אַוודאי ניט געקענט קאַליע מאַכן דעם פּראָפעסאָרס רואיק געמיט, בעת ער האָט נאָכדעם זיך אַוועקגעלאָזט פון דאָרט קיין מאָסקווע, כדי אויסצופירן זיין פאַרטראַכטע פּראָגראַם פּינקטלעך, אָן שום איילעניש און אָן יעדן מינדסטן טומל — אַ שטילער גאַסט, אַ דורכפאָרער און ניט מער.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויפצוהייבן אַרום זיך אַ טומל ליגט בכלל ניט אינעם פּראָפעסאָרס טבע. ער איז, דעם אמת געזאָגט, געווען אַן אַלטער, שטילער בחור, אָן שום פּרעטענזיעס, און האָט זייער גוט געדענקט, אַז ביי יעדער נסיעה זיינער, וואוהין ער זאָל זי ניט מאַכן, האָט ער ניט וועמען אָנצוזאָגן די טעלעגראַפישע בשורה:

— יעדו, וואָסטרעטשייטיע (איך פאָר, באַגעגנט מיך!).

דאַרף זיך אָבער גראָד טרעפן, אַז אין מאָסקווע זאָל דער פּראָפעסאָר קאַלמענס זיך דערוויסן דורך זיינעם אַן אַמאָליקן בן־עיר, אַז דער גורם פון זיין ניט געלונגענער יוגנט־ליבע חוהלע וואָרטמאַן — יענע זעל־

בע חוהלע וואָרטמאַן, וועמענס יוגנט־געשטאַלט ער טראָגט נאָך עד היום אַרום ביי זיך אין האַרצן — איז נאָך געזונט און שטאַרק. זי האָט געהאַט זייער אַ פּיי־נעם מאַן, נאָר ער איז איר צוריק מיט אַ יאָר פינף גע־שטאָרבן, און — וואָס איז טשיקאַווער פון אַלץ — אינ־איינעם מיט איר אונטערוואַקסנדיק ייִנגל געפינט זי זיך גראָד אין בירָאבידזשאַן ביי איר זון, דעם יונגן אַגראָנאָם, וואָס איז דאָרט אַ דירעקטאָר אין אַ ראַט־ווירט.

איין קלייניקייט! . . . זי לעבט און איז געזונט און שטאַרק.

דער פּראָפעסאָר האָט באַנייס אַ קאָן דערפילט, אַז ער מאַכט אַ רייזע צוריק אין זיין יוגנט אַריין.

.2

געבראַכט האָט אים אין דער בירָאבידזשאַנער געגנט דער טראַנס־סיבירער עקספּרעס, און טאַקע מיט אַ באַמערקונג וועגן אָט־דעם עקספּרעס הייבן זיך אָן אינעם פּראָפעסאָרס בירָאבידזשאַנער טאָג־ביכעלע די ערשטע פּאָר שורות:

„אַ צוג, וואָס פּאַלט אַרויס פונעם ,גראַפיק׳ — וואָס מער ער פּאַרשפּעטיקט אויף די שלייפן פון יאַב־לאָנער באַרג־רוקן, אַלץ מער יאָגט ער.“

אין אַ זוניקן סעפּטעמבער־פרימאָרגן האָט אים דער פלוצים אָנגעלאָפענער עקספּרעס אַרויסגעוואָרפן פון זיך אויף דער קליינער סטאַנציע אָבלוטשיע — אים אַרויסגעוואָרפן אינאיינעם מיט פיל אַנדערע דורכפאָ־רער, פאַר וועלכע עס איז דאָ, אויף דער ערשטער באַן־סטאַנציע פון דער ייִדישער געגנט, געווען טשיקאַווע אַ קוק צו געבן אויף די ייִדישע אותיות פון דער שילד, וואָס אויפן קליינעם הילצערנעם וואָקזאַל. אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירן האָט אָבער דער צוג באַלד צוריק אַריינגע־

כאַפּט צו זיך אין די וואַגאָנעס און איז מיט זיי געשווינד אַוועק ווייטער קיין כאַבאַראָווסק און קיין וולאַדיוואָס־טאָק. אויפֿן ערשטן אויגנבליק איז דעריבער אויסגע־קומען, אַז דעם פּראָפעסאָר האָט מען דאָ פֿאַרגעסן אָדער פּשוט פֿאַרלוירן.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ זעלטן לויטערער און שטראַלנדיקער, און דער פּראָפעסאָר, וואָס האָט אויף די סיבירער שטרעקעס זיך געגעבן אַנגעזען מיט רעגנ־דיקער וויסטעניש און אין סאַמע צפונדיקן פּונקט, אַרום דער סטאַנציע יעראָפּיי פּאַוולאָוויטש, זיך שוין אפילו געהאַט אָנגעליטן אַביסל פון עסעדיקער אָסיען־קעלט — דער פּראָפעסאָר האָט דאָ גלייך דערפילט די בייע ליבע וואַרעם, און זיינע אויגן זיינען זיך ביי אים צע־לאָפן פון ניט גלייבן, אַז ער איז פּלוצים באַנייס „אַריינ־געפֿאָרן אין זומער אַריין" און דערצו נאָך אין אַזאַ זו־מער, וואָס וועט זיך, משמעות, נאָך ציען און ציען. די לופט איז געווען גרינג און שמעקעוודיק, ווי אין אָנ־הייב מאַי, און דער הימל, עפּעס צו אַ נייער און אי־בערגעבלאָוטער, האָט, אַראָפּקוקנדיק אויף די בערג, געצוואונגען צו פֿאַרגעסן, אַז אַ הימל איז אייגנטלעך פֿאַראַן אויך דאָרט, פון וואַנען דו קומסט אַהער.

דער פּראָפעסאָר, לויטן אויסזען אַ פּראָסטאַק — פּראָסט אין אַלע זיינע באַוועגונגען — איז געווען אָנ־געטאָן אין גאַנץ טשיקאַווע וואַרעמע קליידער — כאָטש לאָז זיך אין זיי צום נאָרד־פּאָל. אויף זיינע קורצע פעסטע פיס איז ער געשטאַנען לעבן זיינע פעקלעך אין עק ליידיקער פּלאַטפאָרם, וואו דער צוג האָט אים אי־בערגעלאָזט, און נייגיריק, ווי אַ פויערל, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעפֿאָרן אויף דער וועלט, האָט ער פֿאַרוואונדערט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, אַריינ־געשמעקט אין זיך די לופט און דערביי אַזש אַביסל

געשמייכלט — אַזוי שטאַרק איז אים דאָ אַלץ געפעלן.
נאָך די סיבירער קאַרליק־ביימער האָבן אים דאָ אויסגעזען ריזיק הויך די צעוואַקסענע דעמבעס און יאַסען־ביימער מיט זייערע געדיכטע צווייגן און שווערע זאַפטיקע בלעטער. ווי ברייט־ברוסטיקע אונטערפּי־רערינס, האָבן די ביימער יום־טובדיק און פריילעך זיך אויפגעהויבן אויפן בערגל אין בײדע זייטן פונעם קליי־נעם הילצערנעם וואָקזאַל. אַרומגערינגלט האָט זיי אַ פּרעכטיקע געבענטשטקייט פון אַרטיקע געוויקסן. טונקל־גרין, ווי ביי קיפּאַריסן, האָבן די שפּיצן פון שורות טאָפּאָלן אַרויסגעקוקט פונעם נאָענטן טאָל און געצוואונגען זיך וואונדערן: ווי קומען גאָר אַהער טאָ־פּאָלן? אינעם טאָל האָט זיך געוואָלט קוקן אַלץ טיפער און טיפער מיט אומבאַשיידענער דערוואַרטעניש — אַ טאָל צווישן בערג, וואָס בלאָווקייט פאַלט אויף זיי, ווי טוי. דער וועג, וואָס האָט אַהין געפירט, האָט אויס־געזען פונווייטנס באַדעקט מיט קאַלכווייסן שטויב, ווי אין אָריענט. און ווייל דעם פּראָפעסאָר זיינען נאָך גע־לעגן אין טעם די פּאָר וואָכן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דער בערגיקער איטאַליענישער שווייץ, האָט זיך אים דעריבער געדאַכט, אַז באַלד וועט ער אויך דאָ, ווי אויף די דאַרטיקע קאַלך־וויסע וועגן, דערזען אָנקומען פונעם טאָל אַ קליין אָנגעלאָדן אייזעלע מיט אַ מענטשן, וואָס טרייבט עס אונטער — נאָך אַ רגע און מען וועט דאַכט זיך, דערהערן, ווי ניט געאיילט אין דער אַרו־מיקער בערגיקער שטילקייט קלינגט אויפן אייזלס האַלדז דאָס גלעקעלע און זאָגט צו רו — רו אָן אַ ברעג.
איינלעבנדיק זיך אין דער שטילער רו, וואָס ני־דערט דאָ אויף אים אַראָפּ, און פאַרחידושט מיט אַלץ, וואָס ער זעט דאָ, דערפילנדיק, אַז די אַרומיקע וואַלד־גרינע פּרעכטיקייטן — הויכע, העכערע און נאָך הע־

כערע — זיינען צו גרויס, ער זאָל זיי מיטאַמאָל באַנעמען מיטן אויג, האָט דער פּראָפעסאָר שוין גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אָנעם שמייכל, וואָס שוועבט נאָך אַלץ אויף זיינע פולע ראָזע באַקן און אַרום זיין גראָבלעכער נאָז. ערשט איצט האָט ער באַמערקט, אַז ער איז שוין דאָ מער ניט איינער אַליין.

אין אַ ברעזענטענעם פאַר־כאַלאַט, וואָס האָט אויף זיך אַ סך פלעקן פון שמאַראָווידלע און פון דזשעגעכץ, איז פון דער הויכער הילצערנער וואַקזאַל־געביידע אַרויסגעקומען אַ מענטש מיט אַ שוואַרצער פאַרפּלאָנטערטער באָרד און מיט אַ פאַרעלטערטער זשאַווערנדיקער ביקס אויף די פּלייצעס. פּאַמעלעך האָט דער מענטש גענומען אַראָפּשפּאַנען פון די הילצערנע לייטער־טרעפּלעך, וואָס פירן אַראָפּ־צו צו דער פּלאַטפאָרם. נאָר דערזען דעם גאַסט מיט זיינע פּעקלעך, האָט ער אינמיטן לייטער זיך אָפּגעשטעלט און פון אונטערן פאַרקנייטשטן שטערן אַ קוק געגעבן אויף אים מיט אַ לאַנגן קאַלטן בליק, ווי אויף עפּעס ניט קיין לעבעדיקס, ניט קייןווירקלעכס און ניט קיין היגס. דאָ באַלד אַ הוסט געגעבן און אַ זוך געטאָן אַן אָרט אויף אויסצושפּייען, האָט דער מענטש באַשעפּטיקט אַוועקגעשפּאַנט ערגעץ־וואו לענגאויס דער באַן־ליניע. ער וואָלט זיך מער ניט געוועזן אומגעקוקט, ווען דער פּראָפעסאָר זאָל אים ניט געוועזן אַ רוף טאָן.

דער מענטש איז שטיין געבליבן מיטן פּנים אַהין, וואוהין ער גייט.

— אַ? — האָט געפרעגט מיט אַ בייזלעך קול, וואָס וואָרנט: „הייעט מיך ניט" . . .

— הערט נאָר . . . איר זייט אַ ייד?

— אַ שיינע מעשה! . . . ניין, אַ טערק בין איך, נו?

דער „נו?“ איז געווען אַן אונטערטרייבנדיקער און האָט באַדאַרפט באַטייטן: „וואָס וועט איר זאָגן?“ צוגעקומען נעענטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און נאָך אַלץ ניט קיין קוק געגעבן אויפן פּראָפעסאָר, האָט ער צוגעגעבן, ווי אַ געפּרואווטער:

— איר ווילט דאָך, אַוודאי, איך זאָל אייך אַוועקטראָגן אייערע פּעקלעך, איז ע... גוט, מאַכט עס גיכער.

— אַ היגער? — האָט מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל געפרעגט דער פּראָפעסאָר.

— אַ היגער, אַ היגער, — האָט ער באַקומען נאָך אַ מער אונטערטרייבנדיקן ענטפער. — איך בין אַ סטרוזש אין אַרטעל, דאָ אין וואַלד.

— וואו אין וואַלד?

— אָט דאָ ניט ווייט.

דער ייד האָט זיך פאַרטראַכט:

— מיר מאַכן דאָ סקיפּידאַר מאַכן מיר... און איר ווער וועט זיין?

— איך? איך בין אַהער געקומען...

— דאָס זע איך.

— איך מיין... — בפירוש פון באַשיידנקייט האָט דער פּראָפעסאָר זיך אַזש פאַרדרייטלט, — איך מיין, אפשר וועל איך דאָ עפּעס אויפטאָן.

— איר זייט ניט דער נייער וועטעריִנאַר?

— פאַרוואָס מיינט איר?

— עפּעס האָב איך געהערט: אויף דער פּרואווסטאַנציע וואַרט מען אויף אַ נייעם וועטעריִנאַר.

— ניין. איך הייס פּראָפעסאָר קאַלמענס.

— אַזוי גאָר!

געדולדיק האָט דער סטרוזש גענומען איינמאַסטיִען אויף זיינע אַקסלען דעם גאַסטס פּעקלעך.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, — האָט ער גע־

פרעגט זייער שטיל און פאַרטראַכט אַראָפּקוקנדיק צו זייַנע שטיוול, — וואָס פאָרן עס אַהער אַזוי פיל פראָ־פעסאָרן ?

שיר ניט דערפילט אין די ווערטער עפּעס ווי אַ מין שטאָך, איז דער גאַסט אָפּגעקומען מיט אַ שמייכל. טאַקע דעם אמת געזאָגט : ווי אַזוי האָט ער באַדאַרפט טייטשן דעם יידנס פראַגע ?

קיין שום פּראָפעסאָרן האָט ער, יעדנפאַלס, ניט געטראָפן אין דער נייער הילצערנער שטוב באַרג־אַרויף אין אָנהייב וואַלד, וואו דער סטרוזש האָט אָפּגעלייגט זייַנע פעקלעך, וואָס מיט די פיל אויסלענדישע יאַרליק־לעך. ווען ניט די שמאָלע געלעגער־בעטלעך, וואָס זייַנען דאָרט געשטאַנען צו דריי און צו פיר אין יעדן צימער, וואָלט מען בכלל געקענט מיינען, אַז די שטוב שטייט דאָ פוסט.

און דאָך . . .

אָט־די נייע הילצערנע שטוב דאָ אין וואַלד, אין אָנהייב ידישער געגנט.

אָט־די נייע שטוב, וואָס האָט נאָך געשמעקט מיטן שאַרפן ריח פון פרישן צעדערבוים, און די מענטשן, וואָס האָבן צו פאַרנאַכט־צו זיך אומגעקערט צו איר פון דער אַרבעט, און אַליין דער פאַרנאַכט מיט דער אומ־געהויער גרויסער פאַרגייענדיקער זון, וואָס ווי נידע־ריק זי לאָזט זיך אין מערב ניט אַראָפּ, קען זיך זיך נאָך אַלץ ניט אויסלעשן און ווערט בלויז רויטער און רויטער, פונקט ווי די אָפּשייַנען פון די ברענענדיקע וועלדער, וואָס צעפלאַקערן זיך אַקעגן נאַכט ערגעץ אין מזרח און קענען זיך אַליין ניט אויסלעשן, און ניטאָ דאָרט, ווער עס זאָל זיי לעשן, — דאָס אַלץ איז נאָכדעם אויף לאַנג פאַרבליבן ביים פּראָפעסאָר אין זכרון ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז אי ווירקלעך אי וואונדערלעך

אומווירקלעך און רודערט אויף די געפילן מער אידער דעם פאַרשטאַנד, ווייל אַלץ אינאיינעם איז עס אומגע־ווײנלעך ניי, כמעט אומגלייבלעך, עס איז דער קלאַנג פון די ווערטער „יידישע געגנט".

ווי צו אַ הימלעך ליבער אכסניה אויפן סאַמע ראַנד ביים אַריינטרעטן אין אַ לעבן, וואָס איז שוין שיער ניט אומשטערבלעך, — אַזאַ געפיל איז ביים פּראָפע־סאָר פאַרבליבן צו אַט־דער שטוב, ריחות אומבאַ־קאַנטע און פרישע, ווי פון אַ נייער וועלט, ריחות, וואָס דערמאָנען אַז אינגבער צי אין זאַפּראַן, האָבן דורך די אומעטום ברייט־צעעפנטע פענצטער גע־פלאָסן און געפלאָסן אינווייניק אין שטוב אַריין, און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס שמעקט אַזוי די געדעמפּט־רויטע שיין פון דער זון, וואָס זעצט זיך שוין אַזוי לאַנג און קען נאָך אַלץ ניט פאַרגיין, און גרינגער און גרינ־גער איז אַלץ געוואָרן דעם פּראָפעסאָר אַריינצוּאָטעמען אין זיך די לופט מיט אָט די ריחות, און אויסגעקומען איז אים דעריבער, אַז אויך די מענטשן, וואָס זאַמלען זיך דאָ אָן נאָך דער אַרבעט, פילן זיך אַלע אַזוי גרינג, ווי ער, באַפרייט פון עפעס אַ מין הויפּט־שווערקייט, וואָס איז ביי אים, דעם פּראָפעסאָר, ערגעץ טיף אין מוח שטענדיק געווען געבונדן מיטן באַגריף „לעבן". שוין צוגעוואוינט, הפנים, צו דורכפאַרנדיקע געסט, פירן זיי זיך אויף אַזוי, ווי אים, דעם פּראָפעסאָר, וואָלטן זיי צווישן זיך ניט באַמערקט, אָדער גלייך ער וואָלט אין זייערע אויגן ממש גאָרניט ניט אויסגעמאַכט. מיד־לעך פון נאָך דער אַרבעט, רעדן זיי צווישן זיך וועגן גאַנץ פּראָסטע נויטן — וועגן באַזעצן דאָ דערוואַרטע טאַטע־מאַמע, ווייב־און־קינדער, וואָס דאַרפן היינט־מאָרגן אַהער אָנקומען, און נאָך וועגן מער פּראָסטע זאַכן: וועגן צוגרייטן אַן אָרט פאַר אויסגעגראַבענע

קאַרטאָפּליעס, וועגן גרעט, וואָס מען מוז עס שוין אויס־וואַשן, מען קען שוין ווייטער ניט . . . נאָר דאָס אַלץ האָט פּאַרט עפּעס אַ באַנטע שייכות צו דער בייקייט, מיט וועלכער עס קלינגען די ווערטער „יידישע געגנט“, און טאַקע דערפאַר, הפּנים, דערגייען צום פּראָפעסאָר אָט־די פּראָסטע ווערטער זייערע שיר ניט ווי עפּעס אַ מין שיפר וועגן דעם, וואָס אָט... יידן... וויפל איז שוין, אַז זיי פּאָרן און פּאָרן... און אָט זיינען אפשר אָט די פּראָסטע מענטשן די ערשטע פון יענע, וואָס האָבן שוין פאַרענדיקט די נסיעה — זיי זיינען שוין געקומען... אַזוי, משמעות, שיינט עס צו זיין... דאָך, ווען דער פּראָ־פעסאָר פרעגט ביי זיי, צי האָבן זיי ניט ביי זיך אַ מאַפּע פון דער געגנט — די מאַפּע, וואָס ער פירט מיט זיך, האַלט ער פאַר פאַרעלטערט, — קנייטשן זיי מיט די אַקסלען:

— אַ מאַפּע? צו וואָס דאַרפן מיר דאָ אַ מאַפּע?

דאָס האָט כמעט ווי געהייסן: „מיר פאַרגלויבן זיך אַן אַ מאַפּע, ווער וועט אונדז דאָ אָפּנאַרן?“

צווישן אָט־די מענטשן האָט דער פּראָפעסאָר זיך שוין אפילו געפילט עפּעס צו גראָבלעך מיט די שווערע פּושקעס אַמעריקאַנער קאָנסערוון, וואָס ער האָט אין אָוונט געגומען אויפמאַכן. און טאַקע דערפאַר אפשר, איז ער אַזוי שעמעוודיק־פרייַנטלעך צוגעשטאַנען צו די אַרומיקע:

— מאַכן אַ מזומן, — האָט ער זיך דערמאָנט אַן אַ פּאָר ווערטער, וואָס זיינען געבליבן ביי אים פאַרהיט נאָך פון די קינדער־יאָרן, — זעצט זיך צו, איך בעט אייך!

ווייניקער ווי אַלע האָט זיך געלאָזט בעטן דער סטרוזש, וואָס האָט דעם פּראָפעסאָר געבראַכט אַהער די פּעקלעך. נאָר פאַרזוכט פון דער ערשטער פּושקע,

איז ער דאָ גלייך געבליבן זיצן מיט אַ ביטערלעך־פאַר־קרימט און גאַנץ פאַרחידושט פּנים.

— איז דאָס אינגאַנצן איז עס ? — האָט ער גע־פרעגט.

און אויסגעקומען איז, ווי מיט דעם וואָלט ער זאָגן : „דאָס איז דער טעם פון אַמעריקע ? אַבי איך האָב געמיינט ווער ווייסט וואָס !"

וואָס אַזוינס, האָט ער געמיינט, איז דער טעם פון אַמעריקע — דאָס האָט ביי אים דער גאַסט בשום אופן ניט געקענט דערגיין. בכלל אָבער איז ביים פּראָפע־סאָר געבליבן דער איינדרוק, אַז אָט די יידן, כאָטש זיי ציען דאָ אויף חזירים, פילן זיי דאָך אינעם וואָרט „אַמעריקע" עפּעס אַ טעם פון טרייפס. פונדאַנען האָט ער געקאָנט פאָרן ווייטער מיט דער באַן. נאָר מיט באַ־נען איז ער אין זיין לעבן געענוג זיך אָנגעפאָרן. ווי אַ מענטש אַ פּינקטלעכער, צוגעוואוינט אויסצונוצן יע־דע שעה לויט אַ פאָראויס אָנגעצייכנטער פּראָגראַם, האָט ער אין יענעם אָוונט נאָך באַוויזן זיך צונויפצריידן מיט איינעם אַ יעגער פונעם נאָענטן טייגע־ישוב און מיט זיין הילף געדונגען דאָרט צווי קליינע רייט־פערד־לעך — איינס פאַר זיך, דאָס צווייטע פאַרן יעגער דעם וועג־פירער. בריוו, מען זאָל אים דאָ קומען צו הילף, האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך פון מאָסקווע.

די נאַכט אויפן האַרטן געלעגער דאָ אין דער נייער הילצערנער שטוב צווישן אָנגעהאָרעוועטע מענטשן, וואָס שלאָפן מיט אַ געזונטן און געשמאַקן שלאָף, איז דער פּראָפעסאָר איבערגעשלאָפן אויפגערודערט גרינג, ווי אַ מין יעקב אבינו, וואָס קערט זיך אום פון לבנען צוריק צו זיך אין ביבל־לאַנד, ממש ווי ער וואָלט אָנ־שפּאַרן דעם קאָפּ אויף יענעם זעלבן האַרטן שטיין, און ביי שאַריען אויף טאָג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אין אַ

צושטאַנד פון אַ יונג געוואָרענעם, וואָס איילט זיך אַהין, וואו אים שטייט פאָר עפּעס אויפצוטאָן. אַהין, וואו ערגעץ־וואו געפינט זיך יענע, וועמענס יוגנטלעכע געשטאַלט ער האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט אַרומצוטראָגן ביי זיך אין האַרצן.

אָנגעלאָדן אויף די פערדלעך אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך, האָט ער אינאיינעם מיטן יעגער דעם וועג־פירער זיך אָוועקגעלאָזט טיפער אין דער געגנט. באַשעפטיקט, נאָר אָן שום איילעניש, נאָך ניט אינגאַנצן איינגעלעבט זיך אינעם פולן שלום, וואָס שטעלט זיך דאָ איין צווישן זיין האַרץ און זיין פאַרשטאַנד, האָט דער פּראָפעסאָר, ווי פילנדיק אויף זיך די ברכה פון אוראַלטע אָבות, פאַרלאָזט דאָ זיין ערשטע סטאַנציע.

עס איז ווידער געווען אַ וואַרעמער שטראַלנדיקער גאַנצפרי. איבערגעבלאָזטע שטיקער הימל האָבן זיך געוואַלגערט אויף די צעקרימטע רוקנס פון באַנטע, ווייטערע און נאָך ווייטערע בערג און זיך געריכערט אויף זיי אַזוי ביי און פריש, ווי אַרום זיי וואָלט מען נאָרוואָס האָבן אָפּגעזונגען דעם פּסוק:

„און עס איז געווען נאַכט, און עס איז געווען מאָרגן — דער טאָג דער ערשטער!“

עקזאָטיש און ניי־אַנטפּלעקט האָט דאָס אַלץ אויסגעזען דעם פּראָפעסאָר, ווען, רייטנדיק אויפן פערדל, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין ערשטן נאָענטן טאָל. קיין אויסגעפאָרענער וועג, ווי אים האָט זיך נעכטן אויסגעוויזן, איז דאָרט ניט געווען. קיין אָנגעלאָדן אייזעלע האָט דאָרט קיינער ניט אונטערגעטריבן. ניט פילנדיק דעם שמייכל אויפן אייגענעם פּנים, האָט דער פּראָפעסאָר געטראַכט וועגן דער קליינער שטאָט אויף דער רוסיש־פּריסישער גרענעץ, פונוואַנען זיינע על־טערן זיינען מיט אים אין זיינע ערשטע יונג־בחורישע

יאָרן אַריבערגעפאָרן קיין אַמעריקע. אין יענער קליי־נער שטאָט האָט ער קינדווייז געלערנט אין חומש די מעשה מיט בלעמס איזעלע, נאָך איידער ער האָט אַן איזעלע אין לעבן געזען, און פונדאַנען, הפנים, נעמט זיך עס: ווי נאָר ער איז אָנגעקומען אין אָט־דער געגנט, וואָס איז אויסגעטיילט פאַר יידן, איז אים גלייך אַרויפגעקומען אויפן זינען דאָס איזעלע, ווי עפּעס אַ מין אַלטער סימבאָל פון יידישער אויסלייזונג — אַן איזעלע, וואָס קניט אונטער בלעמען, קוועטשט אים צו אַ פוס צו דער וואַנט און לאָזט ניט, ער זאָל שעלטן יידן . . .

צו טראַכטן וועגן אָט־דעם איזעלע האָבן דעם פּראָפעסאָר אַביסל געשטערט די גאַנץ־וואָכעדיקע קלעפּ פון העק, וואָס האָבן זיך צו אים אַלץ דערטראָגן פון אַרום דער שטוב, וועלכע ער האָט פאַרלאָזט, און ער האָט, דעם אמת געזאָגט, געוואָלט, וואָס גיכער זיך דער־ווייטערן פון זיי.

דער וועג — אויב דאָס קען מען אָנרופן וועג — איז געלעגן אין דער נידער צווישן געקרייזלט פאַר־וואַקסענע סאָפּקעס, צופוסנס פון וועלדער, וואָס שטייגן מיט טעראַסעס צו אַלץ העכערע און העכערע פאַר־בלאָווטע בערג, און די רוקנס ביי אָט די בערג — נאָ־קעטע, צעקרימטע און געפלעקטע — האָבן פונווייטנס גערייצט דאָס אויג, ווי דער וועלטס אַ סוד, נאָר די אויגן ביים איינקוקן זיך אַהין זיינען בלויז פאַרבלענדזשעט געוואָרן פון זון און שאָטן, וואָס שפּילן דאָרט גאַנץ אויבן אין אייביקע באַהעלטערלעך — נעכטן אַזוי, היינט אַזוי, מאָרגן אַזוי.

דער פרימאָרגנדיקער הימל האָט אַלץ מער און מער צעהעלט זיינע קלאָרע לויכטיקייטן, ווי ער וואָלט מאַדנע גרינג זיי אַרויסגעקריגן, אָט די לויכטיקייטן,

פון אַ קוואַל, וואָס איז גאַרניט אויסצושעפּן. אַלץ אַרום האָט אָקאָרשט באַנייס אָנגעפּילט דעם פּראָפעסאָר מיטן געפיל, אַז, אימשטיינס־געזאָגט— ווען איז עס אָקאָרשט געווען? „אָדם האָט געבוירן שתן, שת האָט גע־בוירן אנושן . . . " דער מענטש אויף דער וועלט איז, איגנטלעך, נאָך יונג — נאָך אפילו רעכט ניט באַוויזן אויף דער ערד זיך אַרומצוקוקן, שוין אָפּגערעדט פון פעלקער און, בתוכם, פון יידן. אָט זעט ער דאָך: ס'איז דאָ־אָ אָקאָרשט רעכט צייט עפּעס אויפצוטאָן . . .

.3

דער פּראָפעסאָר און זיין פירער, דער יעגער, האָבן געריטן באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף צווישן אַ גרויסן יום־טוב פון וועלקונג.

אַוועק איז שוין אַזוי אַ וואָך מיט לויכטיקע מזרח־דיקע טעג — אַ זוניק־שטראַלנדיקע וואָך.

אין ראַשיק־שרייענדיקע קאָלירן פון פייערדיקער הייסער וועלקונג זיינען געווען אָנגעטאָן די וועלדער אויף די בערג־שיפּועים — ניט צו וויסן גאָר, וואוהין טראָגן זיי דאָס אַלץ העכער און העכער אָט דעם באַ־פּוצטן יום־טוב זייערן. לעפּיש און שווער אָנגעוואַל־גערט איז דער פּראָפעסאָר געזעסן אויף זיין פערדל. פון הויכן דאָ־און־דאָרט האָט מען אויף אַ גוואַלדיקן מרחק אַרויסגעזען באַוואָקסענע פלאַכן און פאַרוואָסערטע טאָלן, און דער פּראָפעסאָר האָט זיך אַהין איינגעקוקט און איינגעקוקט, און אַלץ, וואָס ער האָט אַרום זיך גע־זען, איז ערגעץ טיף אין אים שוין געווען געבונדן מיט יענער, וואָס איז אים פון יוגנט אָן אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן און וואוינט דאָ ערגעץ אינאיינעם מיט איר אונטערוואַקסנדיק יינגל ביי איר עלטערן זון דעם אַג־ראָנאָם.

— חוהלע וואָרטמאַן . . . זי איז נאָך איצט אויך

חוהלע . . . — אַזוי האָט אים וועגן איר געזאָגט אין מאָסקווע זיינער אַ בן־עיר, — שוין אַן אַנדער שייַנקייט, אָבער נאָך . . . דער פּראָפעסאָר קען ניט פאַרגעסן, ווי יענער האָט זיך באַראַטן מיט זיינע בײדע הענט, מיט וואָס צו פאַרענדיקן אָט־דעם „נאָך“, און האָט אויס־געלאָזט מיט אַ פול מויל: — ממש אַ פרוי! זי איז אַ ביאַלאַג . . .

פון דעם איז ביים פּראָפעסאָר געבליבן דער איינ־דרוק, אַז זי האָט געמוזט ווערן, ווי פלעגט מען עס אַמאָל זאָגן, אַביסעלע „פאַלנע“, שוין ניט אַזאַ רוחניות, ווי זי איז געווען. מיט אירע שוואַרצע לויכטנדיקע אויגן און מיטן קוים־קוים שפּעליאָוון צינגעלע, וואָס האָט איר אַזוי שטאַרק געפּאַסט, אַז געדאַכט האָט זיך: דווקא אין דעם ליגט סיי איר חן, סיי איר באַזונדער קלוגע נשמהדיקייט. און נשמהדיקייט — דאָס האָט דער פּראָ־פעסאָר געהאַט אַ סימן אין זיך — נשמהדיקייט ווערט מיט די יאָרן ניט אויסגעוועפּט, ניין . . . און דאָס אַלץ האָט אים אָנגעפילט מיט גוטמוטיקער רואיקייט און גע־וועקט אַן אויפהער זיין פאַרלאַנג צו זוכן דאָ מיטן אויג אַן אָרט, וואו ער וואָלט, אַלס פאַכמאַן, געקענט עפּעס אויפטאָן.

הויכע גרעזער, דורכגעמישט מיט ווילדע בלומען און בלימלעך, זיינען, ווי אַ שפע פון פאַרלאָזטע אי־בערגעשטאַנענע תבואות, געוואָקסן אין ביידע זייטן פון שמאָלע און ברייטע טייכן. לענגאויס די ברעגן פון איי־נעם אַ טייך האָבן שורות טאָפּאָלן זיך געצויגן מיט אַלצ־נייע אינטערוואַלן, אַקוראַט ווי פאַרצייטנס וואָלט זיי מיט חשבון האָבן געפלאַנצט דאָ עמעצנס אַ גאַנץ גע־ניטע האַנט. אָפּגעשטעלט דאָס פערדל, האָט דער פּראָ־פעסאָר שיער ניט מיט אַ שמייכל אויפן פנים געמוזט פאַרשרייבן אין זיין קליינעם טאָג־ביכעלע אַ פּאָר שורות

וועגן אָט־דער „חכמה פון דער נאַטור". ווי קליינע זונעלעך אויף דער ערד, האָבן וואַסערן און וואַסערלעך געשטראַלט פּונוויטנס, גאָר אָן אַן עק און אָן אַ סוף, און דער כסדרדיקער געמורמל זייערער אינאיינעם מיטן געדאַנק, אַז ווי פּאַמעלעך ער רייט ניט, דערנעענטערט ער זיך דאָך צום ווייטן ראַטווירט, וואו חוהלע וואַרט־מאַן געפינט זיך, — דאָס אַלץ האָט גאַנצע טעג זיך אָפּ־געררופן אינעם פּראָפעסאָרס האַרץ ווי אַ געזאַנג וועגן נאָכאַמאָל אַ לעבן אָט איצט, נאָך זיינע פינף צענדליק אָפּגעיאָרידעוועטע יאָרן. און דאָס אַלץ האָט אַרויסגע־רופן ביי אים עפּעס זייער דינע באַרואיקנדיקע געדאַנ־קען — געדאַנקען וועגן זיך, וועגן „איר" און וועגן די מענטשן, וואָס קומען אַהער מיט יונגן געדולדיקן באַ־גער צו באַלעבן אָט־די שטרעקעס, און ווי שטייט דאָרט ביי אָט די מענטשן אין אַלטן ספר זייערן:

„אחרי בלותי היתה לי עדנה" (נאָך מיין עלטער איז געקומען אויף מיר יוגנט).

פון רעכטס און לינקס האָט אַלעמאָל, ווי אַן אינדזל, אַרויסגעקוקט צו אים אַ נייע נד־ונדנדיקע היימלעכקייט, און געדאַכט האָט זיך אים, אַז אין שפּיל פון זון און שאָטן צווישן דער פּרעכטיקייט פון צעצווייגטע ביי־מער און ביימלעך וועט דאָרט דאָס אויג אָט־אָט דער־זען קאָנטורן פון קליינע און גרויסע ווייס־וועגטיקע גע־ביידעס — אַ גאַנצן ישוב מיט אַ גאַנץ אייגנאַרטיק לעבן און מיט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן סטיל, צוגעפּאַסט צו דער שפע פון די דערבייאיקע סובטראָפּישע געוויקסן, צו דער אַרומיקער שטראַלנדיקער ליכטיקייט און צו דעם איבערגעבלאָזטן יום־טוב פון די נאָענטע פיל מאָל גע־דרייטע און געשלענגלטע טייך־וואַסערן.

אַזעלכע ישובים זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען ניט מער, ווי דעם פּראָפעסאָרס אַ פאַנטאַסטישער קוק אין

די ווייטע יאָרן אַריין. נעכטיקן אין וועג איז אים מערסטנטייל אויסגעקומען אינאיינעם מיט יעגערס אין זייערע וואַלד־ביידלעך אָדער אין קליינע טייגע־דערפֿלעך.

צווישן געהילץ־פֿאַרגרייטער אין אַ וואַלד, וואו אים איז איינמאָל אויסגעקומען זיך אָפּשטעלן אויף ביינאַכט, האָט ער געטראָפֿן אויך יידן — דער עיקר אַזעלכע, וואָס האָבן פֿריער, ווי אים האָט אויסגעזען, נאָך קיינמאָל אַזאַ אַרבעט ניט געטאָן. די מער געניטע צווישן זיי זיינען געווען דריי בחורימלעך פֿון אַ גאַנץ ווייטלעכן קאָלווירט, און דער ייִנגסטער פֿון זיי — אַ חברה־מאַן פֿון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן מיט גלאַט־צוגעקעמטע האָר, וואָס גלאַנצן אַזש פֿון שוואַרצקייט, — איז ביז שפּעט פֿאַרנאַכט געווען פֿאַרנומען מיט פֿאַנאַנדערשטעלן אויף מאָרגן די בריגאַדעס און איז נאָך אַלץ פֿון נאָך דער אַרבעט אַרומגעגאַנגען נאַקעט ביזן גאַרטל, כאָטש דער צופֿאַלנדיקער אָוונט האָט זיך אויסגעגעבן אַ גאַנץ קאַלטלעכער. דאָס קומענדיקע בייַנאַכטיקע פֿרעסטל האָט זיך געפֿילט אין דער שאַרפֿער הימל־רויטקייט, וואָס פֿילט אָן צווישן דיביימער די לופֿט און פֿאַלט אויפֿן בחורלס שטרענג געטאָקטן, כמעט נאָך קינדערשן פּנים און באַפֿאַרבט אין רויטלעכן מעש די בוילעטע מוסקולן אויף זיין יונגן קרעפֿטיקן קערפּער. עפּעס אַן אינווייניקסט געפֿיל, וואָס האָט גאָר קיין באַשיידונג ניט, האָט געצוואונגען דעם פּראָפֿעסאָר נאָכצוקוקן אַט דעם וואוילן יאַטל, ווי ער ענטפֿערט יעדן איינעם זייער מיושבדיק, ניט געאיילט און גלעט אַלץ מיט איינער אַ האַנט די גלאַנציק־שוואַרצע האָר אויפֿן קאָפּ, ווי געטראַכט וואָלט ער דערביי וועגן עפּעס אַנדערש. ער רעדט ניט אויס קיין איבעריק וואָרט, און גיי טרעף, ווען און פֿונוואַנען האָט אַזאַ־אַ יידיש ייִנגל

זיך געגומען אַהער אין דער טייגע, און ווער זיינען געווען זיינע פריערדיקע דורות, און פונוואַנען קומט צו אים אַט־די רואיקע מיושבדיקייט. אַ געפּיל שיער ניט פון רחמנות האָבן אַרויסגערופן צו זיך די יידן, וואָס האָבן שוין געוויס אַזעלכע קינדער, ווי ער, און רופן אים צו זיך, ער זאָל אָפּשאַצן, וויפל יעדערער פון זיי האָט פאַרן טאָג פאַרדינט:

— שימל, אָנו, גיב נאָר אַ קוק.

— קום שוין אַמאָל צו מיר, שימל.

ביי זיינע צוויי חברים לעבן דעם צעלייגטן פייער האָט דער פּראָפעסאָר זיך דערוואוסט, אַז זיי — אַלע דריי יונגע בחורימלעך — זיינען פון אַ וויטלעכן ישוב — אַזש פון דער סטאַנציע וואָלאָטשייעווקע, — אַז געווען זיינען זיי דאָרט פריער אַ קאָמיוגישע קאָמונע. דאָס הייסט: דורכאויס יינגלעך און מיידלעך. נאָר איצט האָבן דאָרט די עלטערע יינגלעך און מיידלעך שוין חתונה געהאַט, ווער מיט וועמען, און זיי זיינען שוין אַ קאָלווירט, און מען לעבט. — ווי לעבט מען? — ווי אין אַנדערע קאָלווירטן. — ווי קומען זיי אַזש אַהער? — פשוט, געווען אין קאָלווירט אַ פאַרזאַמלונג: „ווער וועט גיין אויף האָלץ פאַרגרייטן?” איז גיין האָבן דאָך אייניקע באַדאַרפט, און פאַרדינען פאַרדינט מען דערביי ניט שלעכט. — צי איז ניט פאַראַן קיין וואַלד נעענטער צו זייער קאָלווירט? — אָ־אָ! . . . באַלד אויפן אַקעגנדיקן בערגיקן ברעג פון דער טונגוסקע, נאָר זייער גוטער וואַלד, טשעפּעט מען אים ניט דערווייל. מען דאַרף פריער אויסבויען דאָרט אַ פאַבריק, וועט זי געבן דאָס בעסטע מעבל פאַרן גאַנצן מזרח, אַזוי רעכנט מען.

— אַזוי רעכנט מען?

ביים פּראָפעסאָר האָט אָנגעהויבן ווערן מער ממשותדיק זיין געדאַנק, אַז אפשר וועט ער דאָ קענען

עפּעס אויפטאָן.

פון זיין גראָבער משונה־פאַרביקער זשילעט, וואָס האָט מיט אירע פיל טאַשעלעך אויסגעזען, ווי אָנגע־גאָסן מיט אומפאַרשטענדלעכער אַמעריקאַנער חכמה, האָט ער אַרויסבאַקומען אַ פאַרגרעסער־גלאָז, פּאַמע־לעך פאַנאַנדערגעלייגט די מאַפּע פון דער געגנט, וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט, און אינאיינעם מיט די צוויי בחורימלעך גענומען אַריינקוקן אין איר און אויפזוכן דעם קאָלווירט, וואָס לעבן דער טונגוסקע.

— אָט איז ער, — האָט איינער פון די צוויי בחורימ־לעך געפּאַקט אויף דער מאַפּע דאָס אָרט, וואו זיין קאָל־ווירט געפינט זיך. — נו, יאָ, פריער איז טאַקע דאָרט געווען אַ מעטעאָראָלאָגישע סטאַנציע: איין הויז מיט אַ סאַראַי און שוין.

נאָר דער פּראָפעסאָר האָט גאָר געקוקט ניט אַהין, וואוהין מען וויזט אים אָן מיט אַ פינגער, נאָר צו אַ פּינטעלע, וואָס איז דאָרט דערביי געווען אַרומגעצייכנט מיט אַ רויטן בלייער — דאָרט האָט זיך געפונען דער ראַטווירט, וואו ביי איר זון דעם אַגראָנאָם האָט גע־לעבט חוהלע וואָרטמאַן.

— און ווי ווייט איז פון אייך אַהער־אָ? — האָט זיך נאָכגעפרעגט דער פּראָפעסאָר.

— איר דאַרפט אין ראַטווירט?

די צוויי בחורימלעך האָבן זיך דורכגעקוקט און גענומען זוכן עמעצן צווישן די מענטשן, וואָס וואַרע־מען זיך אָדער קאָכן עפּעס ביים גרויסן צעלייגטן פייער. נאָך אַלץ באַקעט ביזן גאַרטל איז דאָרט מיטן רוקן אַהער און מיטן פּנים צום פייער געשטאַנען דאָס שוואַרץ־חנעוודיקע יאַטל און האָט מיט אַ היפּש טאַשן־מעסערל אויסגעשניצט עפּעס פון אַ קליין שטיקל האָלץ.

— שימל! — האָט אים אַ רוף געגעבן איינער פון

די בחורימלעך, — קום נאָר אַהער.

אַ צי געגעבן קינדערש מיט די נאַקעטע אַקסלען, ווי אויף אָפּצואוואָרפן פון זיך, אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו עלטערס פון אים, האָט שימל, ניט אויפהערנדיק צו שניצן, אַ מאַך געגעבן:

— איי, לאָז צורו!

דאָך, ער האָט זיך אומגעקוקט און געגעבן אַהער אַ שפּאַן. זיין אײדל און מאָט פּנים, פול מיט יונגער דרימלדיקער שיינקייט, האָט ביים דערנעענטערן זיך צוערשט אַרויסגערופן ביים פּראָפעסאָר עפּעס סתם אַ בענקשאַפט, דערנאָך זיך אָפּגערופן אינעם פּראָפעסאָרס האַרצן מיט אַ טיאַך, וואָס האָט אים אויף אַ רגע גע־מאַכט פאַרגעסן, אַז ער איז שוין אַן עלטערער מענטש — ער האָט זיך כמעט דערשראָקן פאַר אָט־דעם פּנים, און צי דערפאַר, וואָס פון זיין מוח איז נאָך בשעת־מעשה ניט געהאַט פאַרשוואונדן דער געדאַנק וועגן דעם ראַטווירט, וואו חוהלע וואָרטמאַן געפינט זיך, צי איבער וועלכע־ניט־איז אַנדערע סיבות, נאָר אינעם יינגלס שוואַרצע לויכטנדיקע אויגן און די נאָך שוואַר־צערע לאַנגע אַרויפגעבויגענע וויעס, וואָס רירן זיך שיער ניט אָן אין שטערן, אין דעם באַזונדערן מאָגנע־דיקן חן, וואָס שוועבט אַרום די יונגע נאָז־לעפּלעך, אינעם טונקעלן טאָן פון דער הויט און אפילו אין דער שטאַרקער פאַרברוינטקייט, וואָס וועט, דאַכט זיך, ווי טונקל־ברוינע פודער, זיך אָנהייבן אַראָפּשיטן פון די דינע לאַנגע פינגער, ווי נאָר זיי וועלן ווידעראַמאָל אָנ־הייבן שניצן מיטן מעסער, — אין דעם אַלץ האָט דער פּראָפעסאָר דערזען עפּעס זייער נאָענטס צו חוהלע וואָרטמאַן אין דער יוגנט און צו דער באַזונדערער שאַרפקייט, מיט וועלכער איר שיינקייט איז צו אים שטענדיק דערגאַנגען, — אַ שאַרפקייט ווי פון אַ חלף.

פונעם פּראָפעסאָרס ברוסט האָבן זיך דערביי אָזש אָנ־
געהויבן אַרויסרייסן אַ פּאָר קרעכצן, און ער האָט איי־
ליק עפּעס אַ מורמל געטאָן, כדי מען זאָל פון אים אָט
די קרעכצן ניט דערהערן.

ניין, דער פּראָפעסאָר איז, פונדעסטוועגן, געווען
צו אַ סאָלידער און געזעצטער מענטש, ער זאָל דאָ
אויפן אָרט זיך נעמען דערפרעגן, צי האָט ער קיין
טעות ניט. זיינע אויסבאַהאַלטענע געפילן צו חוהלען
וואָרטמאַן האָט ער מיט פאַרעקשנטן געדולד געטראָגן
אין זיך אין פאַרלויף פון אַזוי פיל יאָרן און איז גע־
ווען גרייט דאָס צו טאָן אויך ווייטער. שוין אָפּגערעדט,
וואָס אָט דעם אונטערוואַקסנדיקן יינגל, — אויב ער
איז ווירקלעך דער, פאַר וועמען דער פּראָפעסאָר נעמט
אים אָן, — טאָר מען ניט געבן קיין שום גרונט פאַר
געדאַנקען, וואָס קענען וואַרפן אפילו דעם מינדסטן
שאָטן אויף דער מוטערס ווירקלעך זויבערע יונג־
מיידלשע יאָרן.

שעהן זיינען געלאָפן טיף אין דער נאַכט אַריין.
אַרום צעלייגטן פייער אין וואַלד זיינען אַלע שוין לאַנג
געשלאָפן, נאָר דער פּראָפעסאָר איז דאָרט נאָך אַלץ
געזעסן און געזעסן, ווי איינער, וואָס האָט שוין גאָר
אינגאַנצן אויפגעהערט באַמערקן, צי די צייט רוקט
זיך צי ניין. דער פולער שלום, וואָס האָט זיך דאָ איינ־
געשטעלט צווישן זיין האַרץ און זיין פאַרשטאַנד, איז
איצט, ווי נאָך קיינמאָל ניט, אַריינגעדרונגען טיף אין
זיין געמיט, און ער האָט זיך געפילט אַזוי, ווי גלייך
די צייט האָט שוין מער אויף אים קיין שליטה ניט.

וואַרעמענדיק זיך דאָ ביים ביינאַכטיקן שייטער,
האָט ער, פאַרגעסנדיק, אַז ער וואַרעמט זיך, געזען אין
געדאַנק אַ פאַבריק, וואָס גיט מעבל פאַרן גאַנצן ווייטן
מזרח. די פאַבריק וועט אויסוואַקסן אויפן בערגיק־

היזכן ברעג פון דער טונגוסקע, פונקט קעגן דעם קאָל־ווירט פון דער געוועזענער קאַמיוגישער קאָמונע. און דאָרט לעבן דער פאַבריק וועט אפשר וואוינען ער און חוהלע וואָרטמאַן. אינאיינעם מיט אים האָט ווי געטראַכט וועגן דעם דער פלאַם פונעם צעלייגטן פייער און פון אונטער זיינע פלייצעס אַריינגעקוקט צו די שורות, וואָס ער שרייבט אַריין צו זיך אין טאָג־ביכעלע:

„אַלע מאַשינעס וועלן געבראַכט ווערן פון אַמעריקע. אינאיינעם מיט די מאַשינעס וועלן פון דאָרט קומען אַרבעטסלאָזע מייסטערס און ספּעציאַליסטן. דער קריזיס איז דאָרט גענוג גרויס און וועט זיי אונטערשטופּן. פיל מעבל־פאַבריקן האָבן דאָרט אויפגעהערט צו אַרבעטן. איינע פון זיי וועט מען קענען אָפּקויפן ביליק, ווי זי שטייט און גייט.

„די מעבל־פאַבריק אויפן בערגיקן ברעג טייך און דער קאָלווירט אויפן נידעריקן ברעג וועלן זיין איין באַלעבאַטישקייט. דאָס איז אין גייסט פון די מענטשן דאָ אין לאַנד, וואו מען שטרעבט אָפּצואווישן די גרעניצן צווישן דאָרף און שטאָט".

ניט אויפהערנדיק אויף קיין איין רגע צו פילן די נאָענטקייט פונעם שוואַרץ־חנעוודיקן שימלען, וואָס שלאָפט דאָ דערביי לעבן די איבעריקע צוויי בחורים־לעך, האָט דער פּראָפעסאָר נאָך אַלץ עפּעס פאַרשריבן מיט זיין מסוכן־שווערער האַנטשריפט. נאָר זיך צווינגען צו טאָן וואָס־ניט־איז גיכער, ווי ער טוט, איז ניט געלעגן אין זיין טבע. ער איז, ווי ער אַליין האָט פון תמיד אָן גערעכנט, געווען איינער פון יענע, וואָס עפּעס גוטס אין לעבן גיט זיך זיי איין ווייט ניט גרינג און ניט געשווינד. אַזאַ איז זיין גורל. פיל שווערער און פאַמעלעכער, ווי אַנדערע, האָט ער דערשפּאַנט צום שטאַפּל פון אַ פּראָפעסאָר, נאָר אין לעצטן סך־הכל האָט ער

גאָרניט ניט פאַרשפּעטיקט און איז צופרידן, וואָס אָט: צו איין־און־פופציק יאָר איז ער פּיזיש גאָר אָן אַן ערך קרעפטיקער ווי אַנדערע אין זיין עלטער. זיין יוגנט־טעם איז כמעט ניט אויסגעוועפּט, און אויף קיין האָר איז ניט געמינערט געוואָרן דאָס שטאַרקע געפיל צו חוהלע וואָרטמאַן, וואָס האָט אויף שריט־און־טריט באַגלייט זיין לעבן. איצט געפינט ער זיך שוין אַזוי נאָענט פון איר, נאָר איילן איילט ער ניט. גאָר אַנדערש וועט ער אויסזען אין אירע אויגן, אויב ער וועט זיך אָראָפּכאַפּן צו איר, ווען ביי אים וועט שוין זיין מער־ווייניקער קאָנקרעטיזירט דער פּלאַן פון זיין אויפטו דאָ אין דער געגנט.

ווי אַ העלן פלעק אויף דער גרויער וואָך פון זיין לעבן — געגליכן צום שייטער, וואָס האָט באַלויכטן די וואַלד־פינצטערניש, — אַזוי האָט דער פּראָפעסאָר געזען פאַר זיך יענע נאַכט אין פאַרלויף פון אַלע פינף וואָכן, וואָס ער האָט דאָ געפּטרט אויף אויסצוזיין כמעט אין אַלע נייע און אַלטע ישובים און אויף צו באַזוכן אויך דעם רייקאָם. אַזוי איז יענע נאַכט געבליבן אין זיין זכרון נאָך אויך אויף דער זעקסטער וואָך, ווען אַביסל מיד און אַביסל פאַרקילט און פאַרקאַטערט, האָט ער זיך ענדלעך דערקליבן צום קאָלווירט אויפן ברעג פון דער טונגוסקע.

עס איז שוין געווען אַ גאַנץ קילער פאַרנאַכט אין מיטן אָקטאָבער, ווען דער פּראָפעסאָר האָט אינאיינעם מיטן באַגלייטער דעם יעגער זיך אַראָפּגעלאָזט אַהין פון די בערג. דאָס קליינע אָפּגעפּאַלענע פערדל האָט אויסגעזען טרויעריקלעך און פאַרמאַטערט פון נאָך אַוועקלייגן אַזוי פיל כוחות אויף צו דערטראָגן אים אַהער.

אויך איצט, ביים אַראָפּלאָזן זיך פונעם לעצטן

שטאַרק שיפּועדיקן באַרג, האָט דער פּראָפעסאָר געריטן שווער אָנגעוואַלגערט און לעפיש, ווי ער וואָלט באַ־שטיין בלויז פון קליידער, אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי. צו אָנגעפּעלצט, פאַרבונדן און פאַרוויקלט מיט אַלע זיינע מיטגעבראַכטע שאַרפעס און שאַרפעלעך, האָט ער, קנייטשנדיק די אויגן, געזען, ווי די גרויס געוואָרענע זון ווייט אַקעגן הייבט אָן זיך גרייטן צו איר פאַרגיין און פאַרגיסט מיט פּעטע אָראַנזשעווע שיינען דעם גאַנצן פלאַך, וואָס אין דער נידער, און רויט, ווי בלוט, ווערט דאָרט, ווי אַ געמויזעכץ־ריטשקעלע, אַלע וואַ־סערלעך, וואָס זיינען פאַנאַנדערגעפליושקעט אין קליינע קאַליוזשקעלעך אַרום דעם קאַלווירט און דערגרייכן ביז צו די ווייטע וועלדער אין האָריזאָנט. וועגן דעם, אַז דאָ איז צוריק מיט אַ פּאָר חדשים געווען אַ פאַר־פלייצונג, האָט דער פּראָפעסאָר זיך דערוואוסט נאָך אין וועג.

אין דער נידער, ביים ברעג פון דער טונגוסקע האָבן אין עטלעכע לאַנגע שורות זיך געצויגן פאַרענ־דיקטע און נאָך ניט אינגאַנצן פאַרענדיקטע הילצערנע הייזער, זיך געלופטערט ווי נחס תיבה נאָכן מבול און מיט דער אָפּגעשפּיגלטער רויטקייט, וואָס אין זייערע נייע פענצטער, האָט אַרויסגערופן צו זיך אַ געפיל ווי צו עפּעס זייער פרישס און יום־טובדיקס.

ער האָט נאָך גאָר אפילו קיין פעסטן נאָמען ניט געהאַט — אָט דער נייער ישוב, וואָס האָט אויפן ני־דעריקן ברעג טייך דערוויל נאָך געליטן פון פאַרפליי־צונג און פון צופיל פייכטקייט. דערציילט האָבן, וואו אַ שויב, וואו אַ שוועל, וואו אַ פענצטער, וואו אַ שטאַל און וואו אַ צוגעשלאָגן לייסטל:

— מיר זיינען אַלט דריי יאָר.

4.

דינע רויכלעך פון אַ דריי־פּיר שטוב־קוימענס האָבן תחילת אָונגט זיך געשנירלט צום הימל־צו, ווי זיי וואָלטן דאָרט פאַרשריבן דעם ישובס אָן אָפּגעאַרבעטן טאָג. זיי האָבן אַריינגעפירט דעם פּראָפעסאָר אין טעות — דער טאָג איז דאָ געווען געענדיקט, די אַרבעט — ניט.

אין לינקן עק ישוב לעבן די פּי־שטאַלן האָט מען אַלץ געפּאָמפּעט דאָס וואַסער פון די סילאָס־גריבער, וואָס זיינען פאַרטרונקען געוואָרן מיט דער פאַרפלייצונג. די וואַכטעס האָבן זיך דאָרט געביטן ביי דער שיין פון דער לבנה, וואָס איז אַרויס פון צווישן די אַקעגנדיקע בערג אַזוי העל און ליכטיק, ווי גלייך אַט־אַט קריגט זי דאָ אַלע מעלות פון אַ זון און וועט נעמען וואַרעמען די ערד און ניט דערלאָזן, עס זאָל אויף ביינאַכט נעמען אַ פרעסטל.

— צו די פּאָמפּעס האָט זיך אַקאָרשט געשטעלט אַ פרישע בריגאַדע פון ניין מיידלעך און זעקס ייִנגלעך, און מיינע צוויי מיידלעך אויך אינמיטן, — אַזוי האָט, אַראָפּנעמענדיק פון זיך די שאַל און אָנצינדנדיק אַ לאָמפּ, דערציילט דעם פּראָפעסאָר די באַלעבאָסטע פון דער נייער שטוב, וואו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ פרוי פון אַ יאָר פופציק.

— אַ ברירה האָט מען? — האָט זי געזאָגט, אַוועקגייענדיק אין קיך נאָך אַ שוועבעלע, — די פאַרפלייצונג האָט ביי אונדז צורעכט געמאַכט העכער אַ האַלב גערעטעניש און צוויי דריטל פונעם אָנגעקאָסעטן היי. אויב מען וועט היינט־מאָרגן ניט פאַרגרייטן קיין סילאָס, איז כאָטש נעם לייג אויס וואו אַ רינד אין קאָלווירט און קוילע עס אַוועק.

דאָס האָט זי זיך נאָרוואָס אומגעקערט פונעם לינקן

עק ישוב, וואוהין זי איז געהאַט אַועקגעלאָפן אַנזאָגן די מיידלעך אירע און דעם פאַרזיצער פונעם קאָלווירט, אַז ביי איר האָט זיך אָפּגעשטעלט עפּעס איינער אַ גאַסט און אַז זי ווייסט ניט, וואָס זאָל זי מיט אים טאָן.

אַז זי האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז זי איז ממש אַ טונקעלע און אַז אויב פון איר אָטעמט שטאַרק מיט עפּעס בלאָנדס, קומט עס נאָר דערפון, וואָס אירע העלע אויגן באַשטייען כמעט פון העלע קוים פאַרגרינטע ווייסלעכער און זעען נאָך דער־צו אויס, ווי זיי שמייכלען נאָכדעם, ווי זיי האָבן פריער זיך גוט־גוט אויסגעוויינט. עפּעס ביז גאָר העלס איז געווען אויך אין איר קול — אַזאַ ברוסטיק באַרואיקנ־דיק קול קען מען הערן נאָר פון בלאָנדע.

— זאָגט שוין איר אַליין! — האָט זי, דערוויסנ־דיק זיך, אַז דער גאַסט איז פון אַמעריקע, ממש ווי געגאַפט.

זי האָט, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, געהייסן הינדל, און איר געשוועסטערקינד האָט אויך געהייסן הינדל. ביידן האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָך איין באָ־בען, וואָס ליגט שוין לאַנג אין יאַרמאָלינעץ אויפן בית־עולם. היינט איז דען ניט אַ טשיקאַווע זאַך, וואָס די אָרעמע באָבע הינדל, נעבעך, שפּאַרט אָן מיט איין איי־ניקל דאָ הינטער כאַבאַראָווסק און מיטן צווייטן אייניקל — אַזש ערגעץ אין מילוואָקי, וואָס לעבן שיקאַגאָ?

נאָך אויף אַרויסצוזאָגן די געפילן, וואָס אַט די „טשי־קאַווע זאַך" רופט אין איר אַרויס, האָט זי ניט געהאַט קיין שום אַנדערע ווערטער, אַחוץ „זאָגט שוין איר אַליין", און צום פּראָפעסאָר איז דאָס קנאַפּ דערגאַנגען. ער האָט ראשית־כל געפונען פאַר נייטיק איר צו דער־ציילן, אַז ווען זי איז ניט געווען אין שטוב, איז אַהער זייער ראַשיק אַריינגעלאָפן איינער אַ יונגערמאַן, אַ כאַפּ

געגעבן אַ ביקס דאָ־אָ אין צווייטן צימער, אַרויסגעלאָפן שוואַליאָם אין דרויסן און באַלד האָט זיך דערהערט פון דאָרט אַ שאָס.

— אַך, ס'איז גאָרניט, — האָט דערויף אַ מאַך געטאָן די באַלעבאָסטע, — ס'איז אבראַשע זלאַטקין. טאַקע דאָ אין צימער וואוינט ער. דאָס האָט ער שוין, מסתמא, געשאָסן אַ פּאַזאַן. זיי לויפן דאָ אַרום אַלע פאַר־נאַכט, ווי די הינער, און ער, אַז ער דערזעט אַ פּאַזאַן, איז ער ניט ביי זיך אין די הענט . . .

און זי האָט דערציילט דעם גאַסט, אַז סך־הכל איז ער גאָר אַ „כודאָזשניק" — אָט דער אַבראַשע זלאַטקין און „דווקא אַ איזוועסטני", אַז „שרייבן, אַזוי זאָגט מען, שרייבט מען וועגן אים עפּעס זייער געהויבן," אַז „אַראָפּ־געקומען איז ער אַהער אונדז באַמאָלן," נאָר אַז דאָ איז געוועזן די פאַרפּלייצונג, האָט ער פאַרוואָרפן זיין מאָלעריי און „ווערט פאַרפאַלן אינאיינעם מיט די קיב־דער גאַנצענע טעג ביי דער אַרבעט."

— אַ רוח! — האָט זי וועגן אים געזאָגט, — גע־זונט — אַן אייזן . . . אָט הענגט דאָ זיין מאַשינעריע . . . דאָס מאַכט ער דאָ אַלע טאָג זיינע גומעלאַסטיקעס . . . נאָר איצט וועט ער עטלעכע טעג ניט זיין — מען האָט אים געשיקט נאָך עפּעס קיין כאַבאַראָווסק.

נאָך האָט זי געזאָגט, ניט קוקנדיק צום גאַסט, נאָר צום פרישן טישטעך, וואָס זי פאַרשפּרייט פון זיין כבוד וועגן אויפן טיש:

— רופט מיך ניט באַלעבאָסטע, ווייל די אמתע באַלעבאָסטעס פון אָט דער שטוב זיינען גאָר מיינע צוויי מיידלעך. זיי האָבן מיך ערשט היינטיקן זומער אַרויסגענומען צו זיך אַהער פון יאַרמאַלינעץ. אַזוי טוען זיי דאָ: עס ווערט פאַרטיק פאַר זיי אַ שטוב, נעמען זיי אַרויס צו זיך די עלטערן. זיי זיינען דאָ אַלע נאָך

יונגע און האָבן חתונה צווישן זיך, נאָר מיינע צוויי מיידלעך . . . מסוכהנע אָבשטשעסטוועניצעס! איידער זיי וועלן דאָ אַלעמען ניט חתונה מאַכן, וועלן זיי וועגן זיך אפילו קיין טראַכט ניט טאָן. אַזוי זעט מיר אויס. און גיי טענה מיט זיי.

נאָר דאָס האָט שוין ניט געהאַט קיין שום שייכות צו יענע זאַכן, וואָס דער פּראָפעסאָר פאַרשרייבט ביי זיך אין נאָטיץ־ביכעלע. ער האָט געוואָלט וויסן מער קלאָר, ווער זיינען געווען די היגע באַוואוינער, איידער זיי זיינען אַהער געקומען:

— עס הייסט: לויט די פּראָפעסיעס . . .

— אָך, דאָס מיינט איר? . . .

מיט אירע קוים פאַרגרינטע אויגן־וויסלעכער האָט די פרוי געקוקט צו איינעם פון די פענצטער, ווי אויף צו דערמאָנען זיך, ווער עס וואוינט דאָרט אין די נאָענטע און וויטערע הייזער.

— פאַראַן דאָ, — האָט זי געזאָגט, — אַזוינע, וואָס האָבן געאַרבעט ביי סטאָליאַרעס, ביי קאָוואַליעס צי ביי בעקער, און אַזוינער, וואָס זיין טאַטע איז געווען אַ גלע־זער. פאָ ראַזנאָמו, — האָט זי צוגעגעבן, דערלאַנגענ־דיק דעם גאַסט טיי און צובייסן, — צי אַ שטייגער דער פאַרזיצער פון אונדזער קאָלווירט. ער הייסט גראַד אויך זלאַטקין. געווען איז ער, דאַכט מיר, גאָר אַ בינדיוזש־ניק צי אַ טרעגער אין ניקאָלאַיעוו ביים פּאָרט, נו, און איצט איז ער שוין דווקא אַ פאַרטיינע... נאָר קיין באַ־זונדער שטוב האָט ער דאָ נאָך ניט, און זיין פאָטער איז נאָך דערוויילּ אַ סטרוזש אין אַן אַרטעל, וואָס מאַכט סקיפּידאר לעבן דער סטאַנציע אָבלוטשיע.

אַביסל שפּעטער האָט פון דער פינצטערער קיך, וואָס איז געווען שוואַך באַלויכטן מיט דער שיין פונעם פייער אין דער אונטערגעהייצטער פּליטע, זיך דער־

טראָגן אַ קלאַפּ.

— אָט איז ער אויף אַן אמת דאָ, — האָט, איינ־קוקנדיק זיך אַהין, געזאָגט די פרוי, — הפּנים, טאַקע צו אייך גייט ער.

און זי איז אַוועק באַגעגענען דעם אָריינגעקומע־נעם.

אין הויכע שטיוול און אין אַ דין פּידזשאַקל אויפן אוקראַיִנישן העמדל איז פון דער פינצטערער קיך אַריינגעקומען דער יונגער קאַלווירט־פּאַרזיצער. שוואַרצהאָריק, ניט געגאָלט און אַביסל פאַרזאָרגט, האָט ער אַריינגעשפּאַנט אין באַלויכטענעם צימער זייער פּאַמעלעך, ווי מיט יעדן טראָט וואָלט ער אַ פּרוואוו געגעבן, ווי פּעסט איז אונטער זיי דער באָדן. אונטער זיין קורץ פאַרוואַקסענעם שטערן האָבן די קליינע טיף זיצנדיקע אויגן זיך געלויכטן ווי צוויי שוואַרצע אָנגעצונדענע קוילן, דעמאָלט ווען אין דער בלאַסקייט פון זיינע שמאָלע, פאַרעקשנט צוגעשלאָסענע ליפּן האָט ממש זיך געפילט אַ קעלט. פונעם רייקאָם, ווי שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט ער געהאַט געקריגן אַ בריוו, אַז דעם אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר, וואָס וועט אַראָפּקו־מען צו אים אין קאָלווירט, זאָל ער אויפנעמען און אים איינאָרדענען. טאַקע דערפאַר איז ער געווען אַזוי פאַר־זאָרגט — אים, זלאַטקינען, האָט קיינער קיינמאָל ניט אויפגענומען און ניט איינגעאָרדנט, און ער האָט דע־ריבער ניט געוואוסט קלאָר, וואָס דאַרף ער דאָ טאָן. דערצו נאָך איז ער פון דער נאַטור געווען זייער ניט באַריידעוודיק. אַרויסקריגן פון אים אַ וואָרט איז אָפּט־מאָל געווען ניט גרינגער ווי אַרויסצוקריגן אַ טיף־זיצנ־דיקן קאָרעק פון אַ פלאַש. אָפּגעזעסן דאָ אַ ווײַלע מיט פייערדיק־הייסע אויגן און מיט אייז־קאַלטע, געשלאָ־סענע ליפּן און אויסגעהערט, אַז דער גאַסט האָט חשק

באַטראַכטן דאָ אין קאַלווירט די באַלעבאַטישקייט, האָט ער סוף־כל־סוף געגעבן אַ שטאַרקן קוועטש צו זיין דלאָ־ ניע צום טיש, ווי איינער זאָגט:

— געמאַכט!

אַ טראַכט געטאָן, האָט ער פונדעסטוועגן צוגע־ געבן:

— כאָטש פון דער אַנדערער זייט...

שולדיקלעך און זייער פּאַמעלעך האָט ער אויס־ געזאָגט דעם פּראָפעסאָר, אַז אַ סך צו זען איז ניטאָ וואָס:

— מיר האָבן קנאַפּע הונדערט בהמות. דאָס מיל־ כיקס שטעלן מיר צו אויף אַ מאָטאָר־שיפל קיין כאַ־ באַראָווסק. מיר האָבן עטלעכע צענדליק פערד. מיר האָבן ביי אַ פּאָר הונדערט חזירים. מיר זיינען נאָך זייער אַ יונגער קאָלווירט, און דאָ אין דער טייגע איז אַלץ שווער צו קריגן. הלוואי וואָלטן מיר געהאַט, וואָס אונדז פעלט, וואָלטן מיר געוועזן מיט לייטן גלייך.

דער פּראָפעסאָר האָט פּאַמעלעך אויפגעמאַכט זיין טאָג־ביכעלע.

— צום ביישפּיל, וואָס פעלט אייך?

— וואָס אונדז פעלט?

דער יונגער פּאַרזיצער האָט זיך פאַרטראַכט און זיך אויפגעהויבן אויף אַוועקצוגיין.

— נו, — האָט ער געזאָגט, — איר וועט דאָס שוין אַליין זען.

באַנייס אַ טראַכט געטאָן, האָט ער אָנגעבלאָזן די ניט־געגאָלטע באַקן און, אויפן אָרט פון געזעגענען זיך, צוגעגעבן:

— מאָרגן אינדערפרי.

און די טריט זיינע ביי זיין אַוועקגיין זיינען געוועזן נאָך מער פּאַמעלעך, ווי ביי זיין אַריינקומען אַהער. אים

איז נאָכגעגאַנגען די באַלעבאָסטע.

— נאָטל! — איז זי צוגעשטאַנען צו אים זייער היימיש, ווי ער וואָלט זיין איר אײדעם.

זי האָט געכאַפּט אויף זיך די שאַל און זיך געלאָזט נאָך אים אין דרויסן.

פון ערגעץ האָט מען אַהער אַריינגעבראַכט אַ שטאָלן בעטל מיט אַ מאַטראַץ און עס אַריינגעשטעלט צום מאָלער זלאַטקינען אין פינצטערן צימער. אַהין האָט מען אויך איבערגעטראָגן דעם גאַסטס פּעקלעך. אין שטוב האָט זיך שטאַרק געפילט די פרישע אָונטקילקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן פון דרויסן, ווען מען האָט צוליבן געבראַכטן בעטל ברייט צעעפנט אַלע טירן — אַ האַרבע קילקייט, וואָס פאַרגייט אַזש אין דער נאָז. פון דער צוריקגעקומענער באַלעבאָסטע, פון איר אויסגעקילטער שאַל און אפילו, ווי עס האָט זיך געדאַכט, פונעם הילכיקן „האַ!“, מיט וועלכן זי האָט זיך אַ קוויק געטאָן ביי איר אַריינקומען, האָט שטאַרק אַ שמעק געטאָן מיט אַ ריח פון עפּל.

זי איז געווען, הפנים, שטאַרק איבערגעפּולט מיט מוטערלעכע געפילן, און ביי איר האָבן געגלאַנצט די אויגן, ווען זי האָט דערציילט דעם גאַסט, אַז צווישן דעם קאָלווירט־פאַרזיצער און צווישן איר עלטער מיידל, בתיהן, איז שוין דווקא וועגן אַלץ אָפּגערעדט, נאָר גיי וויס ביי זיי, ווען וועט זיין די חתונה:

— מען רעדט דען היינט מיט אַ מאַמען וועגן אַזעלכע זאַכן? ער שווייגט און ענטפערט ניט, און זי, אַז איך פרעג „ווען?“ באַקומט זי אַן אומגליקלעך פּנים און בעט זיך רחמים: „מאַמע, מיש זיך ניט“ . . .

אויף יענער זייט ניט פאַרהאַנגענע פענצטער האָט אַן אַרומשווימענדיקע לבנה געזוכט מיט איר העלער שיין פאַרלעך, צווישן וועלכע עס ווערן אין אַזאַ נאַכט

געשלאָסן שידוכים, און האָט אין לינקן ישוב געפונען ניין מיידלעך און זעקס ייִנגלעך, וואָס פּאָמפּען וואַסער פון פאַרטרונקענע סילאָס־גריבער. דער פּראָפעסאָר — ער איז דאָ זיצנדיקערהייט שוין געהאַט אויף אַ פּאָר רגעס אריינגעפאַלן אין דרימל — האָט, שמעלערנדיק די אויגן, צום ערשטן מאָל זיך פאַרטראַכט, ווי ווייט עס איז פון אומעטום צו אַט דעם ישוב, צו אַט דער שטוב מיטן טיש און מיטן קעראָסין־לאָמפּ, לעבן וועלכן ער זיצט איצט: — צי וועלן יענע, וואָס דאַרפן לויט זיין פּלאַן אַהער קומען, זיך ניט דערשרעקן פאַר אַט דער ווייטקייט? ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ערגעץ דאָ נאָענט אין ראַטווירט געפינט זיך חוהלע וואָרטמאַן. פון נאָך דער נאַכט אין וואַלד, לעבן די געהילץ־פאַר־גרייטער, איז זי אין זיין פאַרשטעלונג פאַרבליבן שטאַרק ענלעך צום שוואַרץ־חנעוודיקן ייִנגל, וואָס האָט דאָרט ביים צעלייגטן פייער אַזוי קינדערש־ליב אַ מאַך געטאָן: „איי, לאָז צורו“. און ווי נאָר זי איז אים אַרויפגעקומען אויפן זינען, אַזוי באַלד האָט אויסגעוועפּט אין אים דאָס געפיל, אַז אַהער איז ווייט. ער איז געוועזן טויט־מיד. נאָך אַזוי פיל נעכט ניט אויסטאָן זיך האָט אים שטאַרק געצויגן צום צוגעגרייטן בעט אין נאָענטן פינצטערן צימער, און, אריינגעקומען אַהין, האָט ער מיט דער שיין פון זיין עלעקטרישן לאַמטערנדל גלייך אַ זוך געגעבן, אויף וואָס אָפּצולייגן פון זיך דאָס אָנטאָן. גאַנץ ווייניק זיינען אים דאָרט אָנגעגאַנגען דעם מאָלער זלאַטקינס בילדער, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פון אַלע ווענט — ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קליינעם מבין אויף אַזוינע זאַכן. מיטן פּראָזשעקטאָר פון זיין עלעקטרישן לאַמטערנדל האָט ער געזוכט כאָטש אַ פּאָר פרייע טשוועקעס אויף די ווענט. און פּלוצים איז ער אויף אַ רגע געבליבן פאַרגאַפט און זיך דערפילט אַזוי

מאָדנע, ווי גלייך אין זיינע אויערן וואָלטן דאָ ממש אַ קלונג געטאָן די ווערטער:

„איי, לאָז צורו.“

פונעם בילד מיט די רויטלעך־ליידנשאַפטלעכע אייל־פאַרבן, וואָס ער האָט באַלויכטן מיטן פראַזשעק־טאָר פונעם לאַמטערנדל, האָט אויף אים אַראָפּגעקוקט דער שוואַרץ־חנעוודיקער שימל פונקט אַזאַ, ווי ער האָט אים געזען אין וואַלד — נאַקעט ביזן גאַרטל, נאָר דאָס מאָל מיט פאַררויכלטער שיינקייט און מיט אַזאַ דורכ־דרינגענדיקן בליק, ווי ער וואָלט וויסן דעם פּראָפע־סאָרס סאַמע אויסבאַהאַלטענע געדאַנקען וועגן חוהלע וואָרטמאַן און וואָלט אים דערביי שוין אפילו אַביסל אויסגעמוסרט:

„אַך, דו, אַלטיטשקער! . . . “

אָפּגעשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע מיטן לאַמטערנדל אין האַנט אַקעגן אָט דעם בילד און דערהערט, אַז די באַלעבאָסטע אין שכנישן באַלויכטענעם צימער שלאָפט נאָך ניט, איז ער אַהין אַרויסגעקומען און האָט באַנייס פאַרפירט אַ שמועס.

ניין. שימלס מאַמע, ווי עס האָט זיך אַרויסגעע־שטעלט, איז גאָר בעת דעם בירגערקריג געשטאָרבן פון פלעק־טיפוס, און זיין פאָטער איז דעמאָלט אומגעע־קומען, ווי אַ פּאַרטיזאַן, און אַליין האָט ער זיך אויפגעע־צויגן אין אַ קינדער־הויז און איז דאָ, אַזוי צו זאָגן, דעם גאַנצן קאָלווירטס, ס׳הייסט — ביי אַלעמען איז ער ממש די נשמה.

— און טאַקע — זייער אַ וואויל יינגל, — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע, — פּערווי בריגאַדיר! ט׳האָט ער אָקאָרשט יענע וואָך זיך אומגעקערט פון געהילץ פאַרגרייטן און איז גלייך אַוועק מיט צוויי בריגאַדעס ערגעץ ווייט אַראָפּ וואַסער ראַטעווען דאָס אָפּגעשני־

טענע היי. דאָס וואַסער איז דאָרט אָפּגעפאַלן, טריקע־נען זיי דאָס היי אויף דער זון און פירן עס אַריבער אויף שיפלעך.

נאָר אַזוי צי אַנדערש, האָט שימל שוין אויך דאָ אויפן בילד ניט אויפגעהערט צו דערמאָנען דעם פּראָ־פעסאָר אָן חוהלע וואָרטמאַנס אַמאָליקער דרעמלדיקער שיינקייט, און אַנשלאָפן געוואָרן איז ער מיט אַזאַ גע־פיל, ווי איינער, וועמען עס שטייט אָט־אָט פאַר צו ווערן מיט מזל אַ חתן.

אויף מאָרגן, אויסגעוועזן אין אַלע שטאַלן און שפּייכלער אין לינקן עק ישוב, האָט דער פּראָפעסאָר אויסגעפונען, אַז דעם קאָלווירט פעלט נאָך בהמות זייער און זייער אַ סך. גרעסערע שטחים אַקער־ערד האָט מען אָקאָרשט אָנגעהויבן מעליאָרירן און אויסוואָרצ־לען. באַארבעט האָט מען דערווייל די אַזוי־גערופענע „רילקעס״, וואָס באַפרייען זיך אַנהייב פרילינג פון אונ־טערן וואַסער און גיבן זייער אַ גוט גערעטעניש. אי־בער דער פאַרפלייצונג האָט מען ניט באַוויזן צו פאַר־גרייטן גענוג פוראַזש פאַר די בהמות, פערד און חזירים. אינעם פּראָפעסאָרס בייזיין האָט דאָ דער יונגער פאַר־זיצער גערעדט מיטן פאַרטאָרג קליאמקיסן — אַ בלאָנד־לעכן געזונטן און, ווי דעם גאַסט האָט זיך געדאַכט, זייער האַרטנעקיקן בחור — וועגן עפּעס אַ פּלאַן: איינע פון די צוויי לאָסט־מאַשינעס, פאַר וועלכער עס וועט סיי ווי סיי ניט קלעקן אויף ווינטער דער פאַרגרייטער ברענשטאָף, וויל אַ ראַטווירט הינטער כאַבאַראָווסק נע־מען צו זיך אין אַרענדע און דערפאַר געבן זשאָם און היטשקע פון בורעקעס. דער גאַסט האָט קאַלטלעך זיך איינגעהערט — אין אַמעריקע האָט ער וועגן אַזעלכע קאָמבינאַציעס ניט געהערט. דער פאַרזיצער און דער פאַרטאָרג האָבן וועגן דעם גערעדט צווישן זיך אַזוי

פריי, ווי גלייך קיין שום גאַסט פון אַמעריקע וואָלט דאָ לעבן זיי ניט געווען. און דער פּראָפעסאָר האָט געפילט, אַז ווען ער מישט זיך אַריין אין זייער שמועס, וואָלטן זיי סיי ווי סיי ניט געהערט, וואָס ער זאָגט — באַזונדערס וואָלט ניט געהערט דער פּאַרטאָרג, אָט דער בלאָנדלעכער האַרטנעקיקער בחור, וואָס קוקט מיט בייזלעכע אויגן פון אונטערן שטערן און טוט פון מאָל־צו־מאָל אַ וואָרף דווקא זייער גיכע עטלעכע ווערטער, נאָר אַליין מאַכט ער דערביי דעם איינדרוק פון אַן אָקס, וואָס מען קען מיט אים שלעפּן אַ סך מאַסע, נאָר צע־יאָגן אים איז אוממעגלעך, ווי שטאַרק מען זאָל איבער אים ניט פליאַסקען מיט דער בייטש.

דערפאַר האָבן די קאָלווירטניקעס און קאָלווירט־ניצעס געהאַט אינעם פּראָפעסאָרס אויגן אומגעהויערע מעלות אַקעגן געדונגענע „פאַרמהענדס" אין אַמעריקע. כמעט אַלע נאָך יונגע, האָבן זיי געלעבט דאָ אין דער טייגע, ווי אין גרויסע זייער וואַרעמע משפּחה, און טו־ענדיק אין תּוך אַ גאַנץ פּראָסטע אַרבעט, זיינען זיי, הפּנים, געווען זיכער, אַז זיי טוען עפּעס גרויסעס און וויכטיקעס. צעטיילט אין בריגאַדעס, זיינען זיי אַלע, סיי מאַנצבלען סיי פרויען, געווען פאַרנומען ביי די שטאַלן און אין די שפּייכלער, ביי דורכלייגן ערגעץ־וואו אַ וועג, ביי איינמאָסטיען בריקלעך, ביי צושטעלן אויף אַ מאָטאָר־שיפל דאָס מילכיקס קיין כאַבאַראָווסק. מען האָט געכאַפּט פיש און פאַרגרייט אויפן ווינטער, גע־וואָלגערט ביימער אין נאָענטן וואַלד, געשלעפּט קלע־צער פונעם טייך און דאָ באַלד זיי צעשניטן אויף ברוסן אין דער אייגענער קליינער זעג־מיל. מען האָט זיך, לויטן פּראָפעסאָרס מיינונג, שוין אפילו צופיל צע־וואָרפן מיט דער אַרבעט און אַלץ — מיט ווייניק גע־ניטקייט און מיט עפּעס אַזאַ איילעניש, וואָס האָט אַרויס־

גערופן ביים פראָפעסאָר ספקות, צי קען ביי מענטשן אויף לאַנג קלעקן אַזאַ אימפּעט. אויף יונגע יאָטן איז געוועזן צו זען, אַז זיי פאַרגעסן אַ וואָך און מער זיך אָפּ־צוגאָלן. מיידלעך האָבן ווייניק געקוקט אויף זייער אויסערלעכן אויסזען און געטראָגן אויף זיך באַגלייך מיט די מאַנצבלען אַלע זאַרג אין דער באַלעבאַטישקייט.

עטלעכע טעג האָט דער פּראָפעסאָר זיך דאָ אַרומגעדרייט און זיך צוגעקוקט צו אָט די מענטשן. ער האָט צום אַלעם ערשטן באַדאַרפט קלאָר מאַכן פאַר זיך אַליין, צי וועלן זיי זיך צוגיפּלעבן מיט יענע, וועלכע ער פלאַנעוועט אַראָפּצוברענגען אַהער אינאיינעם מיט דער מעבל־פאַבריק פון אַמעריקע? פון מאָל־צו־מאָל האָט ער דאָ געקענט באַמערקן אויף זיך דעם אָדער יענעמס בליק, נאָר וואָס טראַכט מען דאָ וועגן אים, איז אים ניט געווען קלאָר. און אַליין האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטן וועגן אָט די מענטשן. זיי זיינען אויף קיין האָר ניט געווען ענלעך צו יענער יוגנט, וואָס ער האָט געדענקט פון אַמאָל פון זיין שטאָט אויף דער רוסיש־פּרייסישער גרענעץ, און אַוודאי שוין ניט ענלעך צו דער יוגנט, וואָס ער האָט געקענט אין אַמעריקע. ער האָט ניט געהערט, זיי זאָלן ווען־ניט איז צווישן זיך ריידן וועגן יידישער אויסלייזונג, און ווען ער האָט מיט איניקע פון זיי געפּרוואווט פאַרפירן וועגן דעם אַ שמועס, איז ביי אים נאָכדעם געבליבן אַזאַ איינדרוק, ווי גלייך אַלע זאָלן זיי דערויף זייער פּראָסט און קורץ האָבן געזאָגט:

— נו, יאָ . . . אַוודאי . . . ווי זשע דען?

אין זיינע לאַנגע אַמעריקאַנער שטיוול האָט דער פּראָפעסאָר אַלע פרימאָרגן זיך אַוועקגעלאָזט אויסקוקן די אַרומיקע וועלדער און אויסזוכן אויף דער אַקעגנדיקער סאָפּקע אַ „פּלאַשטשאַדקע“, וואו מען וואָלט גע־

קענט אָוועקשטעלן זיין געפּלאַנטע מעבל־פאַבריק. אין די הייזער איז צו יענער שעה שוין ניט געווען קיינער, וועמען עס זאָל אים פרעגן, וואוהין גייט ער. די ערד אונטער זיינע פיס האָט נאָך ניט געהאַט אויסגעוועפּט פון זיך די קילקייט פונעם ביינאַכטיקן פרעסטל, און פון אויבן האָט זיך שוין פון לאַנג געגאָסן זייער אַ גרויסע און וואַרעמע ליכטיקייט. פון ווייטן וואַלד האָט פון מאָל־צו־מאָל געקענט זיך דערטראָגן אַ גוואַלדיק וואַלגער־גערויש פון אונטערגעזעגטע ביימער, וואָס פאַלן עטלעכע מיטאַמאָל. אויפן טייך אין דעם אַנ־דערן עק ישוב האָט געפּיכקעט דאָס מאָטאָר־שיפל, וואָס לאָזט זיך אַוועק קיין כאַבאַראָווסק. פון אַ נאָענטן באַרג האָט מען מיט דינאַמיט געריסן שטיינער. פון דער קוז־ניע, וואָס לעבן די שטאַלן, האָבן זיך געלאָזט הערן די ריטמישע קלעפּ פון שמיד־האַמערס, און אָט די אַלע גערוישן און איילנדיקע קלאַנגען האָבן טאָג־איין, טאָג־אויס פאַרשטאַרקט ביים פּראָפעסאָר זיין געפיל צו אָט דעם ישוב ווי צו עפּעס גאַנצעס — שווער נאָר אָנצו־טאַפּן, וואו לאָזט זיך דאָ אויס איינעמס ווילן און וואו הייבט זיך אָן דעם צווייטנס ווילן.

אין איינעם אַ טאָג האָט גאַנצפרי זיך אומגעקערט פון כאַבאַראָווסק דער מאָלער זלאָטקין. ניט אויסרעדנ־דיק קיין איינציק וואָרט צום גאַסט, וועלכן ער האָט געטראָפן ביי זיך אין צימער, האָט ער אַוועקגעשלעפּט זיין מאַטראַץ וואָס ווייטער פונעם אָריינגעשטעלטן בעטל און דאָ באַלד זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן אינעם אָנטאָן. אויסגעטאָן האָט ער זיך אָקאָרשט אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. דער פּראָ־פעסאָר האָט אים נאָכגעקוקט, ווי ער דרייט זיך אַרום בלויז אין די באָד־הייזעלעך, האָקט אָן האָלץ דער באַ־לעבאָסטע, וואַשט זיך אַרום, קעמט אַרונטער ביז גאָר

גלאַט די נאַס געמאַכטע זייער געדיכטע האָר — טונקעלע האָר, וואָס שלאָגן אָפּ קוים־קוים מיט רויטקייט — נעמט זיך אַרומגאָלן און ווערט אַ גאַנץ שיינער בחור, — ניט אַזאַ וואוקסיקער, ווי זייער אַ פעסטער אין דער ברייטער ברוסט און אין די מוסקולן. דער פּראָפעסאָר האָט ענדלעך אַ פרעג געגעבן ביי אים, צי וואָלט ער ניט פאַרקויפט איינס פון זיינע בילדער, האָט ער צו־ערשט גאָר אינגאַנצן זיך ניט אומגעקוקט און ניט אויפ־געהערט זיך צו גאָלן אַקעגן זיין קליינעם שפּיגעלע. דערנאָך, דערהערט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן שימלס בילד, האָט ער מיטאַמאָל, ניט אויפהערנדיק זיך צו גאָלן, אַ קער געגעבן די אויגן צו אָט־דעם בילד און איז אַזוי אויף אַ ווײַלע פאַרגליווערט געוואָרן מיטן אָנ־געשטעלטן גאָל־מעסער אין האַנט און מיט אַ פאַרלייג־טער צונג אונטער זיין נישט דערגאָלטער באַק.

— פאַרוואָס עפּעס, — האָט געפרעגט דער פּראָפע־סאָר, — האָט איר אים געמאָלט האַלב־נאַקעט ?

— וועמען ? שימלען ?

מיטן בליק האָט ער ווי אַ זאָג געגעבן צום פּראָ־פעסאָר: „איר זייט אַ למך !" און ווידער גענומען גיך־גיך זיך גאָלן אַקעגן שפּיגעלע.

— סיי ווי סיי, — האָט ער, קרימענדיק זיין פּנים, אַ מורמל געגעבן, — קיין שענער קלייד, ווי דאָס־אָ לייב זיינס וועט איר אים ניט אָנטאָן.

און דער פּראָפעסאָר איז ווי פאַרטומלט געוואָרן סיי פון אָט די ווערטער, וואָס זיינען צו אים קנאַפּ דער־גאַנגען, סיי פון אָט דעם מאָלער גופא. אַזעלכע מאָ־לערס, וואָס די אַרבעט אין קאָלווירט שטייט ביי זיי פונקט אַזוי הויך, ווי די אַרבעט איבער זייערע ביל־דער, האָט ער אין אַמעריקע ניט געזען, פונקט ווי ער האָט דאָרט ניט געזען אַזאַ יוגנט, ווי דאָ אין קאָלווירט.

ער האָט איבעראַנייס געדאַרפט גוט אַ טראַכט טאָן, צי וועלן זיך מיט זיי צונויפלעבן יענע, וואָס ער פּלאַנט אַראָפּצוברענגען אַהער פון אַמעריקע. נאָר אָפּליגן נאָך ווייטער זיין באַגעגעניש מיט חוהלע וואָרטמאַן האָט ער שוין מער ניט געקענט. און ער האָט באַשלאָסן וואָס גיכער אַראָפּפאָרן זיך זען מיט איר. פאַראייגוועגס וועט ער שוין אויסלייגן פאַר איר זיין פּלאַן און זאָל עס הייסן, אַז אַראָפּגעקומען איז ער צו איר, זיך מיישב זיין.

צווייטער קאַפּיטל

.1

אין די אָוונטן, אַז מען קוקט צו די רויכלעך, וואָס שנירלען זיך דאָ פון שטוב־קוימענס צום רויט־געבלי־בענעם הימל, קען מען מיינען:

דאָס קליינע לעבןביים ברעג פון דער טונגוסקע איז שוין אַלט ווער ווייסט וויפל יאָר. אין די רויכלעך איז ממש צו פילן, אַז אַלע פאַראָרדענונגען אויף מאָרגן זיינען צו נאַכט־צו שוין אָפּגעגעבן און אַז יעדע בריגאַדע ווייסט שוין, וואָס זי וועט גאַנץ פרי נעמען טאָן און אַז בכלל . . . אם ירצה השם!

און גיי טרעף, פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ רואיקע זיכערקייט ביי אָט דעם קליינעם ישוב, וואָס ליגט זיך אַלע נאַכט שלאָפן איין־אַליין אינמיטן דער אומענדלע־כער ניט־באַוואוינטער טייגע.

מיט רואיקער זיכערקייט באַמאָלט דאָ דער מאָ־לער אַבראַשע זלאַטקין די ווענט אין דער בייער שטוב, וואָס אין לינקן עק ישוב — אַ גרויסע שטוב, וואוהין עס האָט סוף זומער זיך אַריינגעקליבן די קאָלווירט־פאַרוואַלטונג און וואו דאָס גרעסטע צימער — אַ צימער אַ פעלד — איז אויסגעטיילט פאַר אַ קלוב. גאַנצע טעג אַרבעט דאָרט אַבראַשע מיט אַזאַ איבערייניקסטער עקשנות און מיט אַזאַ אומגעהויער געדולד, ווי גלייך גראָד דאָ האָט ער ענדלעך געפונען דאָס אָרט, וואו ער קען אויף דור־דורות פאַראייביקן זיין קונסט. וואו עפּעס שיינס, וואָס ער האָט אויף זיין לעבנס־טאָג פאַרטראַכט, וויל ער אַריינקנאַקן דווקא דאָ אין די ווענט — דאָ וויל ער,

ווי זאָגט מען עס, אויסגעבן דעם מיזיניק. חסידים, וואָס האַלטן פון אים אַן עולם־ומלואו, האָט ער אין ישוב ניט צו פאַרזינדיקן. איינער פון זיי איז דער פאַרטאָרג קליאַמקיס. גאָר ניט אויסצומאָלן, ווי איינגעבאַקן אין האַרצן אָט־דער מאָלער איז אים געוואָרן. אמת, דאָ זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע סיבות.

אַבראַשע, חוץ דעם, וואָס ער וויקט ביז איבערן קאָפּ אין זיין מאָלעריי, איז ער נאָך בטבע איינער פון יענע מענטשן, וואָס אַז זיי נעמען זיך צו עפּעס, באַרואיקן זיי זיך ניט, ביז זיי דערשלאָגן זיך זייערס, און גראָד מיט דעם קומט ער אָפּט צוניץ אין קאָלווירט.

אָט האָט מען אים אַנומלטן געשיקט מיט אַ בריוו קיין כאַבאַראָווסק, ער זאָל דאָרט אָנטאָפּן, צי קען מען ניט קריגן כאָטש אַ קליינעם עלעקטראָ־דינאַמאָ: די נעכט ווערן וואָס אַמאָל לענגער, עס גייט צו אָקטאָבער־יום־טוב, און אין ישוב האָט שוין אַלעמען דערעסן צו זיצן אין די אָוונטן ביי קליינע קעראָסין־לעמפּלעך.

— נו, גוט, — האָט געזאָגט אַבראַשע, — ווייזט אַהער דעם בריוו.

קיינער האָט ניט געגלויבט, אַז דערפון וועט עפּעס אַרויס. אַבראַשע אָבער האָט ניט אומזיסט ביי אַ וואָך צייט זיך אָפּגעוואַלגערט אין כאַבאַראָווסק. ער האָט אַזוי האַרציק געטענהט אין אַלע כאַבאַראָווסקער אַנשטאַלטן, אַז מען האָט אים סוף־כל־סוף אַרויסגעפּראַוועט אַהיים אינאיינעם מיט אַ גאַנץ היפּשער עלעקטראָ־דינאַמאָ — אַזאַ, וואָס קען פאַר איינוועגס שוין געבן קראַפט אויך פאַר אַ קליינער מיל. דעמאָלט האָט אַבראַשע דאָ אין ישוב באַניס זיך גוט אויסגעשלאָפן און באַניס זיך אַוועקגעשטעלט באַמאָלן די ווענט אין קלוב מיט אַזאַ פאַרטיפטקייט, ווי גלייך ניט אים האָט מען גאָר געשיקט קיין כאַבאַראָווסק און וועגן קיין שום דינאַמאָ

הייבט ער ניט אָן צו וויסן.

— נו? — האָט דער פּאַרטאָרג גאַנץ וואַרעם געזאָגט ווענן אים צום קאָלווירט־פּאָרזיצער, — ניט אַ גאָלדענער יאָט?

ער איז בכלל זייער אַ וואַרעמער בחור, אָט דער פּאַרטאָרג קליאַמקיס — אַ ברענענדיק־הייסער טוער. מער ניט, וואָס זאָגן אַ וואָרט איז ביי אים, ווי אונטערשרייבן אַ דאָקומענט. אייניקע, בעת זיי זעען אים צום ערשטן מאָל, האָבן דעריבער אין אים אַ טעות און מיינען, אַז דאָס נעמט זיך פון האַרטנעקיקייט און פּאַמעלעכקייט. אַלץ גייט אים דאָ אָן — אפילו די פראַגע, ווי אַזוי און מיט וואָס וועלן זיין באַמאָלט די ווענט אין קלוב, און אַלע פּאַרנאַכט פּאַרגעסט ער ניט אַ קוק געבן, צי אַבראַשע באַמאָלט דאָ ניט די ווענט מיט פּוסטע מאָלערישע דריידלעך גלאַט אין דער וועלט אַריין.

היינט איז אויך אַזאַ פּאַרנאַכט. די מענטשן, וואָס האָבן סוף־טאָג זיך געשטופּט אין דער פּאַרוואַלטונג, גערויכערט און פאַרפינצטערט די לופט, זיינען אַלע זיך שוין פונאַנדערגעגאַנגען. געבליבן זיינען בלויז דער קאָלווירט־פּאַרזיצער נאָטל זלאַטקין, דער פּאַרטאָרג קליאַמקיס און דער מאָלער אַבראַשע, וואָס צו אָונטצו האָט ער איבערגעריסן זיין אַרבעט אין גרויסן צימער — ער איז אַריינגעקומען אין דער פּאַרוואַלטונג זיך איבערטאָן.

— הער אויס, — האָט דער פּאַרטאָרג צו אים אַ טענה, הלמאי האָט ער איינע אַ מאַנצבלשע פיגור אָנגעמאָלט אויף דער וואַנט עפּעס „ניט אַהער און ניט אַהין“, ווי זי וואָלט זיצן אויף גאָרניט אין דער לופט, — ס'איז ניט נאַטירלעך. אָט נעם וויז דו אַ קונץ און בלייב זיצן אין דער לופט אָן אַ בענקל . . .

— אַ בענקל ? — דער מאָלער קוקט זיך איין מיט צוזאַמענגעצויגענע אויגן אין קליאַמקיסן און וואָלט זייער אַ בעלן געווען אים דאָ עפּעס גוט אַריינזאָגן. אויך אים, אַבראַשען אַליין, איז די פיגור ניט גאָר צום האַרצן מיט איר הענגען אין דער לופט; און טאַקע דאָס צערייצט אים — איז וואָס וועט העלפן אַ בענקל ? — טוט ער קאַלטלעך אַ מורמל, — ס'איז דאָך אויף דער וואַנט... אַנו, נאָ דיר אַ בענקל און פּרואוו זעץ זיך אויף דער וואַנט.

און, ניט אומגעקוקט זיך דאָ מער צו קיינעם, גייט ער אַוועק. דער קאַלווירט־פּאַרזיצער נאָטל זלאַטקין בלאָזט צוביסלעך אַלעמאָל באַניים די באַקן — דאָס האַלט ער זיך איין, ער זאָל זיך ניט צעלאַכן פון דער גאַנצער מעשה וועגן זיצן אויף דער וואַנט אויף אַ בענקל אָדער אָן אַ בענקל. ער איז שוין אָנגעטאָן אין זיין לעדערנעם לייבל, אויך דער פּאַרטאָרג איז שוין פאַרקנעפּלט אין זיין מאַנטל, וואָס מיט די קורץ־געוואָרענע אַרבל. יעדערער פון זיי האָט דאָ אין ישוב זיין מיידל, מיט וועלכן ער וועט פריער אָדער שפּעטער חתונה האָבן און וואָלט איצט געווען ביי איר אַן אָנגעלייגטער גאַסט. נאָר ביידע האָבן זייער ליב אָט־די אָוונט־שעה, ווען זיי בלייבן נאָך דער טאָג־אַרבעט אויג אויף אויג אין דער פאַרוואַלטונג. זיי צינדן אָן דאָס קליינע לעמפּל אויפן קליינעם טיש און איילן זיך ניט אַוועקצוגיין. פונעם גרויסן צימער שמעקט, ווי פון אַן אַש־בעכער, נאָך דעם, ווי מען האָט פון אים אויסגעשיט די פאַרלאָשענע שטיקלעך ציגאַרן. זיי מאַכן אויף דאָס פאָרטל — אין דרויסן איז שוין צו קאַלט, מען זאָל קענען צעעפענען אַ גאַנץ פענצטער — און באַנאַנד מיט דעם, ווי אין אויסגעלופטערטן צימער ווערט לויכטיקער אין די אויגן, ווערט זיי עפּעס, ווי לויכטי־

קער אויפן הארצן און אין קאפ. איצט שטערט זיי דאָ קיינער ניט אַ רעד צו טאָן גאַנץ אָפן וועגן אַלץ, וואָס יעדערן פון זיי קווענטשט. אַ ווײַלע זיצן זיי אַזוי אין די מאַנטלען אין ביידע זײַטן פונעם קנאָפּ־באַלויכטע־נעם טישל און קוקן ניט איינער צום אַנדערן, ווי צוויי אומבאַקאַנטע פּאַסאַזשירן אויף אַ וואָקזאַל. סוף־כּל־סוף נעמט דער פּאַרטאָרג קנײטשן דעם שטערן אַרויף־צו אינאיינעם מיט די אויגן, ווי אויף אַ קוק צו טאָן צום באַלקן, און טוט זיך דאָך מיט זיי אַ זייטל אויפן פּאַר־זיצער.

— זאָג נאָר, — פרעגט ער זיך נאָך, — וואָס האָט היינט געוואָלט פון דיר דער פּראָפעסאָר?

— אַ?

ווי צוויי קליינע אָנגעצונדענע קוילן קוקן דעם פּאַרזיצערס טיף־זיצנדיקע אויגן צום לעמפּל, גרייט אָט־אָט אויפצובליצן. זיינע ביידע הענט בלייבן רואיק פּאַר־רוקט אין די הויכע זייטיקע טאַשן פון זיין לעדערנעם לייבל.

— גאָרניט, — טוט ער שולדיקלעך אַ מאַך, — ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך קלייב זיך פּאָרן אין ראַיאויספּירקאָם . . .

— נו?

— האָט ער מיר אַהין עפּעס מיטגעגעבן . . .

— ס'אַ סוד?

אָקאָרשט איצט בליצן ענדלעך אויף די פייער־לעך אינעם פּאַרזיצערס אויגן:

— ניין, דעם פּלאַן זיינעם . . . אָט־אָ . . . ווילסט אַ קוק טאָן? כ'האָב נאָך אויך ניט געלייענט.

און ביידע רוקן זיך צו נענטער צום לעמפּל און פּאַרטיפן זיך אינעם פּראָפעסאָרס פּלאַן, — אַ גאַנץ גע־נויער פּלאַן אויף מער ווי דרייסיק גרויסע זייטן, —

אַ פּראָיעקט מיט אַן אַריינפיר־וואָרט און מיט פּינקט־לעך אָנגעגעבענע טאַבעלן און מיט גרויסע וויסנשאַפט־לעכע אַרומדרייעכצן און מיט נומערירטע באַמערקונ־גען אין סוף פון יעדער זייט.

זיי לייענען מיט קאָפּ, ביז זיי ווערט קלאָר, אַז דער ישוב זייערער וועט עפּעס ווערט זיך ביים פּראָפעסאָר אין די אויגן ניט פריער, ווי דאָ וועלן וואוינען צום ווייניקסטנס טויזנט פאַמיליעס — דער גאַנצער פּלאַן איז אויסגערעכנט אויף ניט ווייניקער פון פינף טויזנט נפשות.

זיי שטודירן אַזוי לאַנג אַלע פּונקטן, וואָס זיינען צעטיילט אויף „ערשטנס", „צווייטנס", „דריטנס", ביז זיי קומען צו נאָך איינעם אַזאַ „ערשטנס":

„ערשטנס, אין שייכות מיטן פּלאַנירן אָט די פּראָ־דוצירונג: נעמענדיק פאַרן גרונט די סטאַטיסטישע גע־געבענע אין פּש"א און צוגעבנדיק פון פאַרזיכטיקייט וועגן הונדערט פּראָצענט אַלס קאָעפיציענט — קען מען זאָגן, אַז אויף יעדן קאָפּ (נפש) וועט מען יערלעך דאַרפן אין פּסס"ר צוואַנציק פּוד תבואה, דאָס הייסט, אַז אויף דער באַפעלקערונג פון פינף טויזנט נפשות (אינ־איינעם מיט יענע, וואָס וועלן אַראָפּקומען מיט דער מעבל־פאַבריק פון אַמעריקע) וועט מען דאַרפן הונדערט טויזנט פּוד אַ יאָר."

נאָך אָט־דעם „ערשטנס" פאַרלירן זיי איבער עפּעס דעם חשק צו לייענען נאָך ווייטער.

— דאָס אינגאַנצן? — וואונדערט זיך דער פאַר־טאָרג — ברויט אויף אַ מענטשן וועלן מיר אַן זיינע עצות געבן מער ווי צוואַנציק פּוד.

אַ ווײַלע ליגט לעבן זיי דער פּלאַן גלאַט אַזוי אויפן טישל. דערנאָך נעמט דער פאַרטאָרג זייער פאַמעלעך אים איבערמישן ביזן סוף, נאָר טוען טוט ער דאָס שוין

זייער פויל און נאַר דערפאַר, וואָס אים איז טשיקאַווע אַ קוק צו געבן, ווי אָפּט קוקן דאָרט אַרויס פון די שורות די אותיות פש״א. דער פאָרזיצער באַמערקט עס, און זיינע באַקן הייבן באַניים אָן זיך אָנבלאָזן צו־ביסלעך — דאָס וויל ער לאַכן און האַלט זיך איין. ביידע פילן דערביי עפּעס באַליידיקנדיקס פאַר זיך, פאַרן ישוב און פאַר עפּעס פיל מער און פיל וויכטי־קערס, ווי פאַרן ישוב. און דווקא דאָס, וואָס זאָגן קלאָר, אין וואָס באַשטייט די באַליידיקונג, קענען זיי ניט, — דווקא דאָס דערנעענטערט זיי איצט זייער שטאַרק.

ביידע קענען זיי איינער דעם אַנדערן נאָך פון דער פאַרטיי־שול, וועלכע זיי האָבן אינאיינעם געענדיקט, ביידע זיינען זיי פון דער יוגנט־קאָמונע, וואָס האָט אוועקגעלייגט ניט ווייניק כוחות ביי פאַרשיידענע אַר־בעטן דאָ אין געגנט.

אין שליחות פון זייער קאָמונע, ווען זי האָט באַ־שלאָסן זיך באַזעצן דאָ אויף אָן אָרט, האָבן זיי איב־צווייען צוריק מיט דריי יאָר סוף ווינטער אויסגע־שפּאַנט צופוס כמעט די גאַנצע געגנט — געזוכט אַן אָרט, וואו מען וואָלט אין פרילינג געקענט צוטרעטן צום פאַרזיי אָן שום מעליאָראַציעס. אין סוף מערץ, אין אַ שוואַך־פראָסטיקן זוניקן טאָג זיינען זיי דעמאָלט צוגעקומען אַהער, צו די „רילקעס״, וואָס אויפן ברעג פון דער טונגוסקע. און געווען איז שוין פאַרנאַכטלעך, ווען זיי האָבן צוגעשפּאַנט אַהער צופוס פון דער סטאַנ־ציע וואָלאָטשאַיעווקע, פונוואַנען זיי זיינען אַרויסגע־גאַנגען, נאָך איידער די זון איז אויפגעגאַנגען. דאָס קליינע פרעסטל האָט צו אָוונט־צו גענומען שוין גאַר איינגאַנצן נאָכלאָזן, און די בלאָטע האָט זיך געקלעפּט און געקלעפּט צו די שטיוול. און מיד זיינען זיי געווען

גאָר ניט אויסצומאָלן — שוין קוים געפּלאָנטערט מיט די פּיס. זיי האָבן דאָ דערזען אַ פאַרלאָזטע פּוסטע שטוב מיט אַ שטאָל — איבערבלייבעניש פון אַן אַמאָ־ליקער מעטעאָראָלאָגישער סטאַנציע. די שטוב — פאַרקלאַפּט און פאַרשלאָגן, ניט אַריינצוקומען אין איר. אין שטאָל — אַביסל ברודיקע שטרוי, וואָס פוילט שוין ווער ווייסט וויפל יאָר. אויף אָט דער שטרוי זיינען זיי איבערגעשלאָפן די נאַכט, און גאַנץ פרי זיינען זיי אַרויסגעקומען פון דאָרט און געבליבן שטיין געפּלעפט — צי פון דער אָקעגנדיקער בערגיק־פאַרוואָקסענער שיינקייט, צי ווייל זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס איז עס פאַר אַ גרויסע געלבלעך־רויטלעכע שטראַלנדיקע ראָד, וואָס הייבט אָן אַרויסצוקריכן פון הינטער אָט די הויכע וועלדער. זי גאָלדעט זיך און ברענט מיט אַ געמיש פון אימבער־געלע, אָראַנזש־רויטע און העל־בלויטיקע שייַנען און מינעט זיך און פינקלט, ווי צעשמאָלצן ווערנ־דיק פון פרייד. אויב דאָס גייט פון דאָרט אויף די זון, וועט עס זיין אפשר צען מאָל אַזאַ גרויסע זון, ווי יענע, וואָס זיי האָבן ווען־ניט־איז אויף זייער לעבנס־טאָג געזען. אָפּגעשטאַנען אַזוי אַ היפּשע ווײַלע געפּלעפט און אויסגעקוקט פאַרשלאָפענערהייט דעם האָריזאָנט און דעם ברייטן פלאַך, ווי ער ווערט דורכגעשניטן מיט דער געשלענגלטער טוגונסקע און שפּאַרט זיך אָן אַרום־און־אַרום אָן וועלדער און בערג, האָבן זיי ענדלעך אָנ־געהויבן דעם שמועס מכוח דעם, צי דאָ וועט זיך באַ־זעצן די יוגנט־קאָמונע — דאָס איז געווען אַ גאַנץ קור־צער שמועס:

— נו? — האָט נאָטלען געפרעגט קליאַמקיס.

— איך מיין . . . — האָט ניט געכאַפּט געענט־פערט נאָטל.

פון דעמאָלט אָן איז שוין אַוועק מער ווי דריי מיט

אַ האַלבן יאָר. און אַט זיצן זיי ביידע דאָ אין צימער פון דער קאַלווירט־פאַרוואַלטונג אין דער נייער גרוי־סער שטוב, וואָס אין לינקן עק ישוב. דאָס נאָענטע באַ־לויכטענע פענצטער, וואָס מיטן אָפענעם פאָרטל, קוקט דאָ צו דער טונגוסקע, ווי דאָס איינציקע וואַכע אויג פונעם גאַנצן אַנשלאָפן־געוואָרענעם ישוב. פאַר זיי אויפן טיש ליגן דעם ברענענדיקן קעראָסין־לעמפּל ליגט דעם פּראָפעסאָרס פּלאַן, אין וועלכן עס חזרן זיך אַזוי פיל מאָל איבער די דריי אותיות פש״א. פון די עטלעכע איבערגעלייענטע זייטן איז זיי נאָך ניט איב־גאַנצן קלאָר, וואָס וויל דער פּראָפעסאָר, נאָר אַלץ, וועגן וואָס עס רעדט זיך אין אַט די זייטן, איז זיי פרעמד און ניט צום האַרצן. זיי פילן דאָס, און דער שמועס, וואָס זיי פירן וועגן דעם, איז אויך דאָס מאָל אַ גאַנץ קור־צער.

— נו? — פרעגט ביי נאָטלען קליאַמקיס.

— דאַכט זיך, פּוסטע מעשׂות, — ענטפערט ניט געכאַפּט דער קאָלווירט־פאָרזיצער.

— פאַרוואָס מיינסטו, נאָטל?

— איך מיין . . .

דער פאָרזיצער שפּאַנט זיך פּאַמעלעך דורך — דריי טריט אַהין, דריי טריט צוריק — און זאָגט עפּעס. פון אונטערן פאַרקנייטשטן שטערן, מיט אויגן, וואָס גלאָצן זיך צום באַלקן־צו, קוקט אים נאָך דער פּאַרט־אָרג. אויך ער טוט דערביי הפּנים עפּעס אַ זאָג, און דערנאָך בלייבט ביי אים אַזאַ איינדרוק, ווי גלייך ער וואָלט נאָרוואָס האָבן געהערט די ווערטער:

— נאָך זייער יונגע ציינדלעך ביים ישוב, און אויף אַט דעם פּלאַן קען מען זיי נאָר צעברעכן, און שוין.

ער געדענקט בלויז ניט אויף זיכער, ווער האָט אַט די ווערטער געזאָגט: ער אַליין, צי דער פאָרזיצער,

וואָס פאַרענדיקט דעם שמועס מיט אַ קנייטש פון די אַקסלען:

— זיי ווילן קומען אַרבעטן מיט אונדז אינאיינעם? איז גוט. נאָר אָן זייערע פּלענער. אַ פּלאַן האָבן מיר אָן אייגענעם.

וואָס איז שייך צום פאַרזיצער, קריכט אים אָט די גאַנצע מעשה מיטן „פּלאַן" דורך איין אויער אַריין און דורכן אַנדערן אַרויס. פונעם קאָפּ קען אים נאָך אַלץ ניט אַרויס דער באַגענטער אוקראַיִנישער קאָלווירט, וואו ער איז היינט געווען צוליב שכנישע ענינים — אַ זעלטן גוט איינגעאָרדנטער קאָלווירט אינעם אַלט־איינ־געזעסענעם ישוב, וואָס געפינט זיך אויף אַ קליינעם באַרג אַ קילאָמעטער אַכט פונדאַנען. אין באַזונדער־לויכטיקע טעג זעט מען אַהער אַרויס, ווי זיינע גע־פאַרבטע בלעכענע דעכער שימערירן דאָרט אַקעגן דער זון, ווי באַדנדיק זיך אין נחת און אין וואוילטאָג. תמיד, אַז נאָטל קערט זיך אום פון דאָרט, רעדט ער איבער עפּעס נאָך שטילער ווי אַלעמאָל, און זעט אויס מסוכן אָפּגעשוואַכט, ווי נאָך זייער אַ שווערער האָרעוואַניע, און חזרט אַלעמאָל איבער פאַרטראַכטערהייט:

— אוי, זיינען זיי דאָרט בריות... אַ קלוגער פאַר־זיצער ביי זיי, אַ דורכגעטריבענער!

און עס איז ממש צו זען, אַז אים עקט זיך דאָס חיות פון גלוסטעניש, אַז זיין ישוב זאָל וואָס גיכער אָנזאָגן יענעם קאָלווירט און אים נאָך איבערפּוצעווען.

— נאָך מיט אַ שמיציק! — זאָגט ער צום פאַרט־אַרג, — איי, ווי עס ווילט זיך...

דערווייל דערציילט ער, ווי אים האָט היינט דאָרט גאַנץ גוט אויסגעמוסרט דער קאָלווירט־פאַרזיצער דמיטרי סטאַכאָוויטש: „איך האָב דיך געוואָרנט, דו אַזוינער און אַזוינער: פוילט זיך ניט און זוכט אויס

העכערע ערטער פאַר היי־שניידן, זאָל זיין אַביסל ווייטער פונעם קאָלווירט. צוויי יאָר האָט אייך אָפּגעגילט, און אויפן דריטן יאָר איז געקומען די פאַרפלייצונג, און איר שטעקט אַרויס די צונג. אַ ?".

— הכלל, — פרעגט זיך נאָך דער פאַרטאָרג, — היי גיט ער דיר ?

— איבעריק היי האָט ער, הפנים, — קוועטשט זיך אויס נאָטל, — נאָר מען דאַרף דאָך האָבן וואָס אים דערפאַר צו געבן, אומזיסט ווילסטו ?

— און וואָס, מיינסטו, קענען מיר אים געבן ?

— איך זאָל שוין אַזוי וויסן פון בייז . . . קום, מירן גיין.

דאָ דערהערן זיי פּלוצים איין קנאַק און אַ צווייטן קנאַק:

— טראַך ! טאַראַראַך !

דאָס האָט אין דרויסן דער פּלוצים אָנגעפלויגענער ווינט געגעבן אַ קלאַפּ־צו פריער דאָס פאָרטל, דערנאָך אַ האַלבן לאָדן.

— אָ־אָ ! — טוט נאָטל איינציטיק אי אַ שמייכל, אי אַ הייב דעם קאָפּ.

ער בלייבט שטיין אין אַזאַ פּאָזע, ווי גלייך מען רופט אים פון ערגעץ און דאָס הערט ער זיך איין, פון וואָס פאַר אַ זייט קומט אָט דער רוף. נאָר דער ווינט האָט שוין באַוויזן זיך אָנלייגן אויף דער שטוב מיט אַ צווייטער נאָך מער שטאַרקער כוואַליע און טראַסקעט שוין הין און צוריק מיט אַלע פענצטער־לאָדן, וואָס אין אירע דריי זייטן — אָט־אָט וועט ער זיי אַרויסרייסן אינאיינעם מיט די קרוקעס און וועט נעמען טאָן נאָך עפּעס ערגערס.

— דאָס איז עס, — זאָגט דער פאַרטאָרג.

— הפנים אַזוי, — איז מסכים נאָטל, — פאַר־

לעש גיכער דאָס לעמפּל און קום.

אין פינצטערן דרויסן אַקעגן דעם ווינט, וואָס האָלט כסדר אין שטאַרקער ווערן, לאָזן זיי זיך אַרויס אַביסל אָנגעבויגן מיט די קעפּ פאָראויס, ווי מען לאָזט זיך אין אַ געשלעג, און מאַכן אויף גיך צו אַרום דער שטוב איין לאָדן נאָכן צווייטן. אין געגנט זיינען זיי שוין ניט דאָס ערשטע יאָר און ווייסן שוין, אַז פּונקט אַזוי־אָ הייבט זיך דאָ אָן דער ווינטער, פּונקט אַזוי הייבט זיך דאָ אָן אַרויסצוררייסן דער ערשטער שניי — פון דער העלער הויט און מיטאַמאָל, אָן שום אָנזאָגעכץ. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די לאָדן, לויפן זיי אַ קוק געבן, צי האָט מען אין די שטאַלן פאַרשטעקט צו דער ריכטיקער צייט אַלע לעכער און פאַרהאַקט אַלע בוידעם־טירלעך. דער ווינט לויפט אָט פאַר זיי, אָט הינטער זיי, ווי אַ קאַץ אַרום האַלב־דערשטיקטע מייזלעך; ער באַשיט זיי מיט שטויב, מיט אָפּגעפאַלענע בלעטער, מיט שפּענדלעך, מיט צוגעטריקנט פערדן־קויט. ער לאָזט זיי נישט ניט קוקן, ניט דורכרעדן זיך, ניט עטעמען, און עס דאַכט זיך זיי, אַז לויפן לויפן זיי אַזוי שוין ווער ווייסט וויפל צייט. דעמאָלט דערזעען זיי מיטאַמאָל, ווי פון אַקעגנ־דיקער פינצטערניש בלאָסן זיך די אַרויס די ווייס־געד־קאַלכטע ווענט פון דער ערשטער לאַנגער שטאַל. קיינ־מאָל האָבן זיי נאָך אַזוי שטאַרק ניט געפילט די פרייד פון דעם, וואָס זיי האָבן אויסגעבויט אָט־די שטאַל, ווי זיי פילן זי איצט.

אַז אַלע טויערן זיינען ביי דער שטאַל פאַרהאַקט פון אינעווייניק — דאָס באַמערקן זיי נאָך פונוויטנס. דורך די שפּאַלטן, וואָס אין לינקן גרויסן טויער, שלאָגן זיך דורך דינע שיין־פּעדעמלעך. ס'אַראַ זעלטן געטרייע און היימיש־ליבע שיין־פּעדעמלעך דאָ, אינמיטן דער פינצטערער אומענדלעכער און ביינאַכטיק־צעשטורעמ־

טער פוסטטער טייגע. זיי זאָגן אָן נאָך פּוטוויטנס, אָט די שיך־פּעדעמלעך:

„באַרואיקט זיך . . . מען האָט דאָ אָן איך שוין אַלץ אָפּגעטאָן . . . ניטאָ שוין וואָס צו לויפן" . . .

ווירקלעך, מען האָט שוין דאָרט באַוויזן אַלץ אָפּצוטאָן. די בוידעם־טירלעך זיינען פאַרמאַכט, די לעכער — פאַרשטעקט, די טויערן פאַרריגלט פון אינעווייניק. ס'איז די שטאַל, וואו דער באַלעבאָס איז דעם קאָלווירט־פּאַרזיצערס פאָטער, איסר זלאָטקין. יענער זעלבער איסר זלאָטקין מיט דער ציגיינערש־שוואַרצער באָרד, וועלכער איז ביז ניט לאַנג געווען אַ סטרוזש אינעם וואַלד־אַרטעל לעבן אַבלוטשע און וועלכן נאָטל האָט איצט אַרויסגערופן צו זיך. דאָס האָט ער, דער פאָטער זלאָטקין, אָנגעצונדן דאָ באַנייס אַלע הענגענדיקע וואַנט־לאַמטערנס, כדי מען זאָל אַרויסזען אַלע זעכציק בהמות, וואָס שטייען דאָ אין צוויי רייען מיט די פונהינטנס צום דורכגאַנג.

— וואָרעם מען קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, — זאָגט ער, — וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן מיט די בהמות, ווי נאָר אין דרויסן האָט זיך אָנגעהויבן אָט די חתונה מיט אָט דעם אומקומעניש די בהמות האָבן כמעט אַלע שוין געהאַט זיך אַוועקגעלייגט אויף ביינאַכט, און מיט־אַמאָל — אַ מין רעווען, אַ מין אויפשפּרינגען, אַ מין רייסן זיך פון די שטריק — ערגער, ווי זיי וואָלטן אָנגעשמעקט בלוט . . . אָט די־אָ האָט זיך שיער ניט געהאַט דערוואָרגן!

אין איין האַנט האַלט ער אַ קליינעם לאַמטערן, און מיט דער צווייטער הערט ער ניט אויף צו גלעטן דעם האַלדז און דעם שטערן ביי אַ העל־סיווער קו. די בהמה — אַ יונגע, אָן הערנער — קוקט אויף אים מיט אירע גרויסע שוואַרצע און פייכטלעכע אויגן און פאָכט היין

און צוריק מיט די גרויסע אויערן — זייער רירעוודיקע און צאַרטע אויערן, ווי ביי אַ יונגן קאַלב.

— זי איז עס דאָ ביי זיי די חזנטע, — דערציילט דער אַלטער זלאַטקין און טרייבט אַראָפּ אַ פליג פון אירן אַן אויער, — זי האָט עס די ערשטע געגומען רע־ווען און שפּרינגען, און זיי אַלע — נאָך איר.

פון דרויסן הערט זיך, ווי דער ווינט פּרואווט אַלע־מאָל באַנייס זיך אָנלייגן אויפן דאַך, אויף די פון אינ־ווייניק פאַרריגלטע טויערן, טאָפּט אַרום די ווענט, זוכט שפּאַרונעס און לעכער אויף אַריינצורייסן זיך אינווייניק. איינציקע בהמות דאָ און דאָרט אין די לאַנגע צווייַ רייען הערן זיך נאָך אַלץ איין, קוקן זיך אַלעמאָל אום צו דער קנאַפּער שיין, וואָס פאַלט אויף זיי פון די באַנייס־אָנגעצונדענע וואַנט־לאָמטערנס. און עס איז צו זען, אַז זיי באַרואיקט דאָס, וואָס איצט, בעת אָט־דעם ביינאַכטיקן שטורעם, דרייען זיך אַרום זיי מענטשן. און פון דעם אַלעם ווערט דאָ אויך די דריי מענטשן פון רגע צו רגע מער געמיטלעך אין דער לאַנגער שטאַל, און עס ווילט זיך זיי וואָס לענגער דאָ פאַרבלייבן, פילן די וואַרעמקייט, דעם ריח פון קיען־צואה און פון מילך, וואָס פילט אָן די לופט, און אינאיינעם מיט די בהמות זיך איינהערן אין יעדן סקריפּ, אין יעדן פאַרשטאַרקטן בלאָז פונעם ווינט, וואָס דערגייט פון דרויסן, און אינ־איינעם מיט זיי זיך דאָ פילן געשיצט.

אַוודאי פאַלט דאָ קיינעם פון די דריי מענטשן גאָר ניט איין צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם אַלטן חשבון, וואָס פירט זיך צווישן דעם מענטשן און דער נאַטור, — וויפל קאַמפן און ליבעס צווישן זיי איז פון אייביק אָן פאָרגעקומען און האָבן דעם מענטשן געמאַכט אַזוי טייער דאָס אָרט, וואו ער לעבט.

זיי שטייען דאָ — דריי מענטשן פון שטעטל צי

פון שטאָט, זיי הערן זיך איין, ווי עס פּילדערן און רוישן די בייזע קרעפטן פון דער נאַטור, צו וועלכער זיי שטייט פאָר זיך צוצובינדן; זיי אַליין האָבן אויסגעבויט אָט־די שטאַל, אין וועלכער זיי פילן זיך געשיצט פונעם אומקומעניש אין דרויסן, און דער צושטאַנד איז איצט דעריבער ביי זיי אַזאַ, ווי ביי קינדער, ווען זיי מעסטן אויף זיך אָן די ערשטע פּאָר שטיוול, וואָס זיי אַליין האָבן זיך געקויפט פאַר די ערשטע אייגענע פאַרדינסטן.

נאָר אפשר פילט זיך דאָ אין אַזאַ צושטאַנד בלויז דער קאָלווירט־פּאַרזיצער און בלויז דערפאַר, וואָס דאָ דערביי געפינט זיך דער פאָטער זיינער, לעבן וועמען ער פילט זיך געשיצט פון קינדוויז אָן און נאָך אויך איצט, כאָטש ער, נאָטל, איז שוין אַלט ביי די ניין־און־צוואַנציק יאָר? דער דרך־ארץ פון זון צום פאָטער און פאָטער צום זון באַשטייט צווישן זיי די לעצטע צייט אין דעם, וואָס בעת זיי זאָגן עפּעס איינער דעם צווייטן קוקן זיי ניט דערביי איינער דעם אַנדערן אין פּנים. אַזוי פירן זיי זיך אויך איצט דאָ אין שטאַל לעבן די בהמות.

— דיך האָט פאַרנאַכט דאָ געזוכט דער־אָ. ווי רופט מען אים. נו, מיט איין וואָרט: דער פּראָפעסאָר, — זאָגט, ניט קוקנדיק צום זון, דער אַלטער זלאַטקין, — ער וויל, דו זאָלסט אים געבן פערד... ערגעץ וואוהין אין אַ ראַטווירט קלויבט ער זיך.

— איצט־אָ? — פרעגט איבער דער קאָלווירט־פּאַרזיצער און קוקט דערביי ניט צום פאָטער, נאָר צום פּאַרטאָרג קליאַמקיסן, — אין אַזאַ אומקומעניש?

און דער שמועס וועגן דעם איז אויך דאָס מאָל צווישן אים מיטן פּאַרטאָרג אַ גאַנץ קורצער.

— איך וועל ניט גיין, — זאָגט ער, — איינשטעלן ביי אַזאַ אינדרויסן קיין צוויי פערד. זיי קענען פאַלן אין וועג, ווי מיינסטו?

— איי, — טוט אַ מאַך דער פּאַרטאָרג, — ער מעג צוואַרטן, ביז עס וועט זיך איינשטעלן דער ערש־טער שניי. קום, נאָטל.

איצט לאָזן זיי זיך אַוועק אין ישוב אַ קוק טאָן, צי לייכט זיך נאָך ביי זייערע מיידלעך אין די פענצטער. אויך דאָרט, לעבן די מיידלעך, קען מען אין אַזאַ־אָ שטורעמדיקן אויפדערנאַכט זיך פילן געשיצט.

.2

טיף־פאַרטעמפט און פאַרחושט, ווי נאָך אַ שטאַר־קער פאָרציע שלאָף־געטראַנק, האָט אינמיטן דער נאַכט זיך אויפגעכאַפּט דער פּראָפעסאָר. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער געפינט זיך אין אַ שיף־קאַבינע און וויגט זי דאָויף זיין בעטל אינאיינעם מיט דער גאַנצער שיף, אינאיינעם מיטן גאַנצן ים און מיט דער גאַנצער וועלט. דערנאָך האָט דער צעשפּילטער שטורעם אין דרויסן גענומען צו אים דערגיין אויף אַזאַ אופן, ווי גלייך מען קלאַפּט צו אים שוין אַ גוזמא צייט סיי אין פענצטער, סיי אין טיר — מען צעטראָגט שיער ניט די שטוב, און טאַקע דאָס וואונדערט אים: צו וואָס קען מען אים דאָ אַזוי שטאַרק דאַרפן?

אָפּגעגאַנגען צוביסלעך פונעם שטאַרקן שלאָף און אָפּגעלעגן פאַרוואונדערטערהייט אַ פּאָר רגעס אין דער פינצטער אויפן שמאָלן בעטל, האָט דער פּראָפעסאָר מיט פאַרגעניגן זיך דערמאָנט, אַז דורך דעם אַלטן זלאָטקינען, דעם קאָלווירט־פּאָרזיצערס פאָטערס, האָט ער נעכטן געבעטן, מען זאָל אים געבן פערד אויף אָוועקצופאָרן אין ראַטווירט. ער האָט ביי אָט־דעם גע־דאַנק זיך דערפילט אינגאַנצן וואַך, און אים האָט באַ־הערשט אַ צופרידן געפיל. סיי פון דעם, וואָס ער וועט גאָר אינגיכן זען חוהלע וואָרטמאַן, סיי פון דעם,

וואָס מאַרגן אינדערפרי פאָרט ער אַוועק פון אָט־דעם קליינעם פאַרוואָרפענעם ישוב, פון אָט־דעם צעווילדע־וועטן שטורעם דאָ ביים ברעג פון דער טונגוסקע, פון אָט דעם צימער, וואָס מיטן מאָלער אַבראַשעס בילדער אויף די ווענט, און פון אָט דעם שמאָלן בעטל, אויף וועלכן ער קוועטשט זיך אויף די זייטן. ער איז דאָ אָפּגעוווען מער ווי צוויי וואָכן — גענוג!

אים דאַכט זיך שוין אפילו, אַז ער האָט דאָ אַ קאָ־פּעלע דערעסן, און אַז די מענטשן טראַכטן וועגן אים: „צי וועט ער אַמאָל עפּעס יאָ אָפּטאָן פאַרן ישוב, צי ניין — דערווייל גיי האָב צו טאָן, טראָג אים אַלצדינג אונטער, האָב אים מיט אַלץ אין זינען״...

ווי אַלע נעכט, האָט אויך איצט דאָ דערביי גע־פּוסטעוועט אויף דער פּאָדלאָגע דעם מאָלער זלאַטקינס געלעגער — דאַכט זיך, ניט מער ווי אַ מאַטראַץ — אַ טויטע זאַך — און דאָך האָט ער כסדר אין זלאַטקינס נאָמען ברוגזלעך געגעבן אַנצוהערן דעם פּראָפעסאָר: „איר זייט מיר ניט צום האַרצן, און איך וויל ניט שלאָפן מיט אייך אין איין צימער — ס'אַ פאַקט!״

און כאָטש אַנגענעם דערפון איז דעם פּראָפעסאָר ניט געווען, האָט ער דאָך זיך געפילט אין לעבן צו וואָ־גיק, ער זאָל צו אַזעלכע קלייניקייטן זיך אַראָפּלאָזן מיטן געדאַנק מער ווי אויף איין רגע.

איז אָבער די מעשה, וואָס, ווי דער פּראָפעסאָר האָט די לעצטע טעג אָנגעהויבן באַמערקן, האַנדלט זיך עס שוין ניט בלויז וועגן דעם מאָלער. גענוג, אַז מען זאָל אים דאָ אין שטוב דערזען אַריינקומען, ווי מען האָקט גלייך איבער דעם שמועס, וואָס מען פירט צווישן זיך. ווייניק וואָס ביים פּראָפעסאָר באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז טאָקע וועגן אים האָט מען גערעדט, — ער באַמערקט נאָך דערצו, ווי דער באַלעבאָסטעס קלע־

נער מיידל — זי האָט בוילעטע אָפּשפּעטנדיקע אויגן — בלאָנדזשעט מיט איר שמייכלענדיקן בליק איבער אַלע אַרומיקע פּנימער, דעמאָלט ווען דאָס עלטערע מיידל — זי האָט פּונקט אַזעלכע פאַרגרינטע ווייסלע־כער, ווי די מוטער, — באַווייזט איר מיט אַ פאַרבי־סענער ליפּ, זי זאָל שווייגן. עס פעלט נאָך בלויז, אַז די באַלעבאָסטע זאָל דערביי אויף אַלע אָנשרייען:

— שאַ! מען וועט ניט אויפהערן?

און אָט ליגט דער אויפגעוואַכטער פּראָפעסאָר אינ־מיטן דער נאַכט אויפן שמאָלן בעטל אינעם מאָלערס פּינצטערן צימער. ער איז בכלל, זייט ער געדענקט זיך, אַ שטאַרקער פּעפער און ווייסט ניט, פאַרוואָס קען ער עפּעס דאָס מאָל צוריק ניט אַנשלאָפן ווערן — דערפאַר, וואָס נעכטן האָט ער זיך געלייגט צו פרי, צי ווייל דער שטורעם־ווינט אין דרויסן הערט נישט אויף צו פייפן, דרייען און אָנפאַלן מיט אַלץ שטאַרקערע כוואַליעס אויף דער סקריפּעדיקער שטוב. און ווי יעדערער, וועמען עס שלאָפט זיך ניט ביינאַכט, דרייען זיך אים געדאַנקען אין קאָפּ. ער וואָלט וועלן פּינקטלעך זיך דערמאָנען, פון ווען אָן האָט מען אין ישוב געביטן די באַציאונגען צו אים — געווען, דאַכט זיך, פון אָנהייב זייער אַ בכבודיקע באַציאונג . . .

און פּלוצים שווימט ביי אים אויף אין זכרון איי־נער אַ פאַרנאַכט פון צוריק מיט עטלעכע טעג, ווען ער האָט אָפּגערופן אויף אַ סוד די באַלעבאָסטע און האָט זיך ביי איר נאָכגעפרעגט, צי ווייסט זי ניט דאָ אין קאָלווירט וועגן עמעצן, וואָס וואָלט וועלן פאַרקויפן אַ וועלכע־ניט־איז טייער שטיקל צירונג.

— וואָס מיינט איר מיט דעם? — האָט צוערשט גאָר אינגאַנצן ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די באַלע־באָסטע.

— נו, — האָט ער געזאָגט גאַנץ רואיק, — אַ פינ־גערל מיט אַ ברילִיאַנט, אַ בראָש, באַשיט מיט דימענטן, צי אפשר פערל.

דער באַלעבאָסטעס אויגן, וואָס באַשטייען כמעט פון לויטער פּאַרגרינטע ווייסלעכער, האָבן זיך צוזאַ־מענגעצויגן און פאַמעלעך זיך פאַרגלאָצט צום שטערן, ווי אויף אָפּצוהאַלטן אַן עצה מיט זיך אַליין, מיט וועמען האָט זי דאָ צו טאָן.

— גייט שוין, גייט, — האָט זי נאָך אַ ווײַלע שווײַגן אַ מאַך געטאָן אַזוי באַלײדיקט, ווי זי וואָלט ניט אָנ־געהויבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס קומט איר גאָר אַזאַ פאַטש אין פּנים.

און זי האָט אים גלייך איבערגעלאָזט אַליין אין צימער.

דער פּראָפעסאָר האָט פון אָנהייב ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר, זיך ענדלעך גע־כאַפּט, אין וואָס מען איז אים חושד, און זיך דערפילט אינעם צושטאַנד פון אַ מענטשן, וואָס מיט איין פוס איז ער אַריין אין אַ בלאָטע, דעמאָלט ווען דער צווייטער פוס איז ביי אים געבליבן אויפגעהויבן אין דער לופט. איז ער אַרויסגעקומען צו דער באַלעבאָסטע אין קיך און האָט דאָרט פאַר איר אויסגעלייגט די גאַנצע מעשה, ווי דער אמת איז: ער פאָרט פונדאַנען אין דעם און דעם ראַטווירט, וואו עס געפינט זיך זיינע אַ נאָענטע באַקאַנטע נאָך פון די יונגע יאָרן, און אים וואָלט זיך פשוט וועלן ברענגען איר עפּעס אַ פיינע מתנה, נו און ביז אַהער איז אים די גאַנצע זאַך עפּעס גאָר אַרויס פונעם קאָפּ:

— דאָס איינגאַנצן . . .

און אָקאָרשט דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז וועגן חוהלע וואָרטמאַן, ווי וועגן זיינער אַ באַקאַנטער, האָט

ער שוין אַ פּאָר מאָל גערעדט מיט דער באַלעבאָסטע, און ווי נאָר ער האָט זיך וועגן דעם דערמאָנט, אַזוי באַלד האָט ער דערפילט, אַז אין דער בלאָטע שטעקט ער שוין מיטביידע פיס. עס באַקומט זיך, זיינע באַציאונ־גען מיט חוהלע וואָרטמאַן זיינען פון יענע, וואָס פאָ־דערן, ער זאָל זי ניט אַנדערש ווי באַשענקען מיט ברי־ליאַנטענע פינגערלעך און מיט שנירלעך פּערל, דער־מאָלט ווען ער איז, ווי דער אמת איז, גאָר אפילו ניט זיכער, צי האָט זי פאַר דער גאַנצער צייט כאָטש איין מאָל וועגן אים אַ טראַכט געטאָן. הייַנט פאַרוואָס קומט איר, ער זאָל איר פאַרשווארצן דאָס פּנים דאָ אין ישוב, וואו וועגן איר, דעם ביאָלאָג אינעם ראַטווירט, האָט מען פיל געהערט?

ערשט איצט, ליגנדיק אינמיטן דער נאַכט אין פינצטערן צימער און אָנשטרענגענדיק דעם זכרון, כאַפּט זיך דער פּראָפעסאָר, אַז פונקט פון יענעם פאַר־נאַכט אָן האָט דאָ אין קאָלווירט זיך גענומען בייטן די באַציאונג צו אים. די באַלעבאָסטע, הפנים, האָט זיך דעמאָלט דערפילט אַזוי באַליידיקט, אַז זי האָט ניט געקענט ניט דערציילן וועגן דעם אירע מיידלעך, און די מיידלעך . . . ערשטנס, גיי גיב זיי צו פאַרשטיין, אַז דאָרט, אין אַמעריקע, אין שיקאַגאָ, פונוואַנען ער, דער פּראָפעסאָר, קומט אַהער, איז עס אַ גאַנץ געוויינ־לעכע זאַך — סימפּאַטיע אָדער ליבע צו אַ פּרוי ווייזט מען אַרויס מיט לאָזן זיך קאָסטן געלט. און צווייטנס, זיי זיינען דאָ שוין צוגעוואוינט צו קלערן, אַז יעדערער, צוליב וואָס פאַר אַ צוועק ער זאָל אין דער שטיל ניט אויפקויפן ברילִיאַנטענע פינגערלעך, איז ער אַ מיאוסער ספּעקוליאַנט, און שוין . . . זיי זיינען דאָ טאַקע, הפנים, פאַרט עפּעס גאַנץ בייזע מענטשן . . .

אויב דער פּראָפעסאָר קען נאָך אַלץ לאַנג־לאַנג

ניט אַנשלאָפן ווערן, נעמט זיך עס שוין, דער עיקר, פון אויסגעפינען, אַז עס איז זייער ניט גוט, וואָס אין ישוב וועט בלייבן אַזאַ־אַ באַציאונג צו אים: עס איז זייער און זייער ניט גוט — ער פאַרט דאָך שוין מאָרגן אינדערפרי אַוועק . . .

דאָך, אַוועקצופאָרן פונדאַנען איז אים אויף מאָרגן אינדערפרי ניט געווען באַשערט.

עס איז, צוריק גערעדט, עפּעס גאָר ווי קיין אינ־דערפרי ניט געווען.

אויפן נידעריקן ברעג פון דער טונגוסקע האָט געפייפט, געבלאָזן און געדרייט נאָך שטאַרקער ווי בייַ־נאַכט. און די שווערע און ברוגזע פאַרכמאַרעטקייט — אַ פינצטער־מאַכנדיקע פאַרכמאַרעטקייט נאָך אַזוי פיל קלאָרע העל־זוניקע טעג — האָט זיך געבלאָסט ווי אַ המשך פון דער נאַכט.

ביי שאַריען אויף טאָג האָט דער פּראָפעסאָר דער־הערט ביי זיך אין צימער, ווי צו דער באַלעבאָסטע אין קיך איז געקומען צו לויפן דער מאָלער אַבראַשע זלאַט־קין און ווי די שטוב איז מיטאַמאָל געוואָרן פול מיט באַהאַלטענער אומרואיקייט. הויך און בייזלעך האָט דער מאָלער, כאַפּנדיק אויף זיך העמדום־פּעמדום זיינס אַ וואָרעם בגדל, אַ זאָג געטאָן אין קיך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט גלייך אַ הייב געגעבן ביידע מיידלעך פון די בעטן.

דער מאָלער איז געשווינד אַוועק, און דעמאָלט האָט מען גענומען זייער אָפט קלאַפּן מיט דער דרויסן־טיר, זיך פון דאָרט איבערשרייען מיט שכנים, און ביים פּראָפעסאָר, צו ווען אָט־דאָס קלאַפּן און די גע־שרייען זיינען דערגאַנגען איניינעם מיטן פייפעריי פון נעם שטאַרקן ווינט, האָט זיך באַקומען אַזאַ איינדרוק, ווי גלייך עס האָבן זיך צעעפנט די טויערן פון אַלע פאַרהוילענע ווינט־אוצרות און עס יאָגט פון זיי אויפן

ישוב ניט בלויז מיט קעלט, נאָר אויך מיט אומגליק.

פונעם גאַנצן ישוב איז מען געלאָפן צום ברעג פון דער טונגוסקע און, ווען דער פּראָפעסאָר איז אַהין צו־געקומען, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דאָס האָט מען גרויסע יסורים פאַר שימלען מיט זיין בריגאַדע — זיי האָבן זיך נאָך אַלץ ניט אומגעקערט מיט זייער שיפל פון דאָרט, וואו זיי האָבן געראַטעוועט דאָס אַנגעשני־טענע היי פון נאָך דער פאַרפלייצונג. דאָס קוקן אַלע אַראָפּ אין וואַסער. מען האָט ביי טאָג־ווערן אַרויסגע־שיקט זיי צו הילף דאָס מאָטאָר־שיפל.

ווי מאָדנע־גרויסע אָרומקריכנדיקע עקדעשן האָבן אויף דער טונגוסקע זיך געפּלעקט איינציקע ברודיקע שטיקער אייז. זיי זיינען אַנגעשוואָומען אַהער פון יע־נער זייט, וואו עס געפינט זיך כאַבאַראָווסק — בייזע, אומרחמנותדיקע שטיקער אייז.

די יסורים פונעם ישוב האָבן אָנגעהויבן דערגיין צום פּראָפעסאָר, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז פאַר־איאָרן, פּונקט אין אַזאַ־אָ טאָג, ווען אויף דער טונגוסקע האָט זיך געלאָזט דאָס אייז, איז דאָ ביי שלעפּן קלעצער פונעם טייך דערטרונקען געוואָרן איינער אַ יאַט מיטן נאָמען איזיק, אויך אַ בריגאַדיר, — ער איז געווען אַ פּאַרטיזאַן־ייִנגל בעת דעם בירגער־קריג — און די יונגע ישוב־איינוואוינער האָבן נאָך עד היום ניט פאַרגעסן, ווי אַזוי זיי זיינען אַלע ביז איינעם טאַקע דאָ ביים ברעג פון דער טונגוסקע געשטאַנען אַרום זיין דערטרונקע־נעם קערפּער, געשטאַנען שווייגנדיק און ניט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס דאַרפן זיי ווייטער טאָן. זיי איז דע־מאָלט פאַרגעשטאַנען אויסצוגראָבן לעבן זייער נייעם ישוב דעם ערשטן קבר — ממש דעם סאַמע ערשטן, ווי דאָס האָט אַמאָל געטאָן אדם הראשון, און זיי האָבן זיך גאָר ניט געקענט אויסמאָלן, ווי אַזוי וועלן זיי נע־

מען און אָפּטאָן אַזאַ מין זאַך און נאָך מיט אַזאַ־אָ חבר. עד היום איז זיי שווער צו קוקן אויף אָט דעם עלנטן קבר לעבן זייער ישוב, און פילן זיי, אַז אָט דעם בערגעלע ערד קומט פון זיי אַרויס עפּעס פיל מער, ווי אַ גאַנצן בית־עולם קומט אַרויס פון אַן אַלט־איינגעזע־סענעם ישוב — איבערלאָזן דאָ דעם קבר און אַליין אַוועקפאָרן פונדאַנען וואָלט געווען פון זייער זייט זייער און זייער ניט פיין . . . גראָד אויף היינט — ביי זיי איז היינט אַ רו־טאָג — איז אין ישוב געווען באַשטימט אַ יאָרצייט־פאַרזאַמלונג צום אָנדענק דעם מיטגליד פון דער געוועזענער יוגנט־קאָמונע, דעם בריגאַדיר אייזיקן, וואָס איז ייִנגלוויז בעת בירגער־קריג געווען אַ פּאַרטי־זאַן און איז אומגעקומען ביים שלעפּן קלעצער. און דאָ, אינמיטן־דערינען — אָט האָסטו דיר . . .

נאָר אָט איז אַרום איינס אַזייגער בייטאָג, ווי אַ צעפּאָלאָכעט פערד, אַריין אין ישוב די פריילעכע בשורה:

— זיי זיינען דאָ! . . .

— אַ מזיק! אַ מזיק!

— ווער? — האָט זיך דערפרעגט דער פּראָפעסאָר.

— דער מאָלער אַבראַשע זלאַטקין, — האָט מען אים געענטפערט, — ער האָט זיי געבראַכט צו שלעפּן מיטן מאָטאָר־שיפל — אויפן בוקסיר.

די באַלעבאָסטע הינדל, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג — זי איז, ווי אַלע, געלאָפן אַהין אַ קוק טאָן אויף שימלען און אויף זיין בריגאַדע — האָט דערציילט דעם פּראָפעסאָר, ווי אַזוי אין קאָלווירט גיט מען אָפּ איינער דעם אַנדערן מזל־טוב — מען קושט זיך . . .

— אייסעך וואָס, — האָט זי געזאָגט, — אַקעגן אָט דער שמחה איז פּורים גאָר קיין יום־טוב ניט געווען.

און אויסגעקומען איז, ווי צוליב אַט דער שמחה איז זי שוין אפילו גרייט צו פאַרגעסן, אַז ער האָט זי באַליידיקט מיט נאָכפרעגן זיך ביי איר אויף בריליאַנטענע פינגערלעך.

אין דרויסן האָט אין פריילעך כאַפּעניש געשאָטן דער ערשטער שניי — אַ שניי, וואָס אין די אַרטיקע מקומות הערט ער ניט אויף צו פאַלן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד און בלייבט שוין אַזוי ליגן אויפן גאַנצן ווינטער — ער האָט געגומען באַגראָבן טיף אונטער זיך אַלע בלאָטיקע ערטער; ער האָט באַוויסט די שטרעקעס, ווי אויף אָפּצומעקן עפּעס אַלטס און ברודיקס און עפּענען אַ נייעם חשבון דאָ אין געגנט פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען און אויך פאַר אָט־דעם נייעם לעבן דאָ אויפן ברעג פון דער טונגוסקע — אַ יונג און קליין לעבן, וואָס האָט שוין דאָך זיין אייגענעם קבר און זיינע אייגענע מזל־טובס.

ניט איינגעלאַדן דורך קיינעם צו דער פאַרזאַמלונג, איז דער פּראָפעסאָר פונדעסטוועגן גלייך מיט אַלע געקומען אין גרויסן נאָך אַלץ ניט־דערפאַרבטן זאַל, וואָס אין שכנות מיט דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג. געקומען איז ער אַהין, דעם אמת געזאָגט, מיטן געדאַנק, אַז אפשר וועט אים אויסקומען אויסצולייגן זיין פּלאַן פאַר די פאַרזאַמלטע, נאָר אויף אים האָט זיך דאָרט קיינער ניט אומגעקוקט.

אין ווייטן עק פונעם אָנגעפּאַקטן זאַל זיינען ביי אַ קליין טישל געזעסן דער קאָלווירט־פאַרזיצער נאָטל זלאַטקין און דער פּאַרטאָרג קליאַמקיס, און פון אַלץ, וואָס זיי און אַנדערע האָבן דאָרט גערעדט און פירגעגעבן, פון די באַשלוסן, צו וועלכע מען איז דאָרט גיך געקומען, — באַשלוסן, ווי אויסגעאַרבעט דורך דער פּראַקטיק, וואָס אַט די יוגנט האָט איבערגענומען ביי

עלטערס פון זיך, — פון די ווערטער „ווער איז קעגן ?“, „קיינער ניט“, „איינשטימיק“, — פון דעם אַלעם איז צום פּראָפעסאָר דערגאַנגען, אַז אַט די מענטשן האָבן דאָ זייער אייגענעם פּלאַן און זייער אייגענעם גאַנג אין לעבן — פּראָסטע מענטשן.

דער פּראָפעסאָר האָט געדענקט, ווי זיין בן־עיר אין מאָסקווע — יענער, וואָס האָט אים דערציילט וועגן חוהלע וואַרטמאַן — האָט גערעדט מכוח דעם, וואָס „פון אַזאַ מעגלעכקייט, ווי ביראָבידזשאַן, ווייסט ניט די יידישע געשיכטע, און אַז אויב יידן וועלן עס דורכ־לאָזן, וועלן טאַקע נאָר זיי אַליין זיין שולדיק“. נאָר אַט זיינען אַט די פּראָסטע מענטשן פון יענע, וואָס האָבן די מעגלעכקייט ניט דורכגעלאָזט. צום אָנדענק דעם מיטגליד פון זייער געוועזענער יוגנט־קאָמונע, דעם ברי־גאַדיר אייזיקן, וואָס איז פּאַראַיאָרן דאָ אומגעקומען, שאַפן זיי אויף זיין נאָמען נייע בריגאַדעס און נעמען אויף זיך נייע התחייבותן, און דער עיקר איז, וואָס אין רעזולטאַט פון דעם אַלעם וועלן, משמעות, אַט די בחורימלעך און מיידלעך טאַקע טאָן עפּעס אויף דער אמתן — זייער ליבע און סימפּאַטיע ווייזן זיי אַרויס דורך אַזאַ כשרער זאַך, ווי „לאָזן זיך קאָסטן אַרבעט“ און ניט דורך „לאָזן זיך קאָסטן געלט“.

פון דעם אַלעם איז דער פּראָפעסאָר געוועזן אַזוי גערירט, אַז אים האָט שוין ממש פאַרדראָסן אויף זיך אַליין, הלמאי האָט אים דאָ, צווישן די מענטשן, גאָר געקענט אַרויף אויפן זינען זיך נאָכצופרעגן אויף ברי־ליאַנטענע פינגערלעך. און ווי וועלנדיק דערויף תשובה טאָן, איז ער באַלד, ווי מען האָט געשלאָסן די פאַרזאַמ־לונג, צוגעגאַנגען צום קאָלווירט־פאָרזיצער און, גובר געווען אין זיך זיין צוריקגעהאַלטנקייט, גאַנץ וואַרעם צו אים אַ זאָג געטאָן וועגן דער פאַרזאַמלונג און וועגן

די אַנגענומענע באַשלוסן:

— פּיין . . . זייער און זייער פּיין . . .

נאָר גראָד דאָס האָט דער קאַלווירט־פּאַרזיצער עפּעס ווי גאָר אינגאַנצן ניט איינגעהערט.

— יאָ, — האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַרן פּראָפעסאָר, — מכוח פערד אויף אָוועקצופאָרן וועט איר מוזן צוואַרטן עטלעכע טעג, ביז עס וועט זיך איינשטעלן אַ שליטוועגס.

און דאָ גלייך האָט ער זיך אויסגעמישט מיט די יונגע בחורימלעך אין געשטעפּטע לייבלעך און אין שטיוול, וואָס האָבן זיך געשטופּט אַרום שימלען מיט זיין בריגאַדע און האָבן מיט זייערע פּלייצעס פאַרשטעלט די געראַטעוועטע יאַטן פונעם פּראָפעסאָרס בליק. צווישן די מיידלעך, וואָס זיינען געווען ענג אויסגעזעצט אויף די שאַלאָוואַניעס פון די פענצטער — די קעפּ פאַרבונדן אין שאַלעכלעך — האָט דער פּראָפעסאָר באַמערקט דער באַלעבאָסטעס צוויי מיידלעך, און וועדליק די קלענערע האָט אויף אים אַ בלאָנדזשע געטאָן מיטן בליק פון אירע בוילעטע אָפּשפּעטנדיקע אויגן, איז אויסגעקומען, אַז זי געדענקט נאָך אַלץ די מעשה מיט זיין נאָכפרעגן זיך אויף בריליאַנטענע פינגערלעך. נאָר אויף צו דערפילן זיך דערפון געטראָפן איז אים דאָס מאָל לחלוטין קיין צייט ניט געבליבן. אַרום דער געראַטעוועטער בריגאַדע האָבן גענומען זיך פאַנאַנדערדרוקן די יונגע בחורימלעך, און אינעם פּראָפעסאָרס אויגן האָט גלייך אַ זעץ געגעבן עפּעס פיל שטאַרקערס, ווי שיין, און אין דער זעלבער רגע האָט ער דערפילט אַ באַקאַנטן טיאַך אין האַרצן — אַ טיאַך, וואָס איז ביי אים שטענדיק געבונדן מיט דערמאָנען זיך אין חוהלע וואַרטמאַנס יוגנט־שיינקייט. צוערשט האָט ער דערזען, ווי אויף אַ שלאַנקן יונגן בחור ליגט אויסגע־

גאַסן אַ דורכאויס פּאַרמאַכטער גראָוולעך־ברוינער סוועטער מיט אַ נידעריק־אַראָפּגעלייגט צווייענדיק קעל־נערל אַרום דעם יונגן שיינעם האַלדז. דערנאָך האָט דאָס יונגע בחורל זיך אַ דריי געטאָן צו די מיידלעך, וואָס זיצן ענג אויסגעזעצט אויף דער שאַלאָוואַניע פון נאָענטן פענצטער, שמייכלען און רופן אים צו זיך:

— שימל!

און פול און פול מיט יונגער דרימלענדיקער שיינ־קייט איז געוואָרן, ווי דעם פּראָפעסאָר האָט זיך גע־דאַכט, ניט נאָר דער גאַנצער זאַל מיטן אַרומיקן דרויסן און מיטן שניי, וואָס הערט ניט אויף דאָרט צו שיטן, — דאָס גאַנצע לעבן האָט גענומען כאַפּן דעם אַנבליק פון שימלס איידעלן מאַט־טונקעלן פּנים, וואָס מיט די לאַנגע שטאַרק־אַרונטערגעבויגענע וויעס אַרום די שוואַרצע לויכטנדיקע אויגן און מיט דער קינדערש־מאַגנענדיקער ליבלעכקייט אַרום די יונגע נאָז־לעפּלעך. דער גאַנצער ישוב האָט אינעם פּראָפעסאָרס אויגן מיט־אַמאָל באַקומען אַ נייעם חן — דעם חן פון דער יונ־גער חוהלע וואָרטמאַן, אויף וועלכער דאָס אונטער־וואַקסנדיקע יינגל איז אַזוי ענלעך, כאָטש ער קער זיך מיט איר גאָרנישט ניט אָן. און שוין אַליין אָט דאָס שטאַרקע דערמאָנען זיך אין איר איז געווען גענוג, אַז ביים אָוועקגיין פון דער פאַרזאַמלונג זאָל דער פּראָפע־סאָר זיך דערפילן פיל יינגער, ווי ער איז, און אַז סיי זיין אַראָפּקומען אַהער, סיי זיין חשק דורכצופירן דאָ זיין פאַרטראַכטן פּלאַן זאָלן אים אויסזען ניט בלויז באַ־זיניקט, נאָר ממש ווי עפּעס אַזוינס, צו וואָס אים האָט געפירט און געמוזט דערפירן זיין גאַנץ לעבן, — עס האָט גאָר אַנדערש ניט געקענט זיין.

ווי גלייך ער האָט אַלע זיינע יאָרן געשטייגט באַרג־אַרויף און דאָרף אָט־אָט דערגרייכן צום סאַמע הויכן

פונקט, — אַזאַ געפיל האָט דער פּראָפעסאָר געהאַט אין יענעם פּראָסטיקן גאַנצפרי, ווען, אַנגעפּעלצט און אַרומגעוויקלט מיט אַלע זיינע שאַרפעס און שאַרפעלעך, האָט ער ענדלעך זיך אַריינגעזעצט אין שליטן אויף אָוועקצופאָרן אינעם ראַטווירט, וואו עס געפינט זיך חוהלע וואָרטמאַן.

זיין פויערש־קרעפּטיקער קערפּער איז אים אויך דאָס מאָל שטאַרק בייגעשטאַנען, ווי אַ פעסטונג אויף צו האַלטן אין זיך פאַרשלאָסן אַלע זיינע לאַנג־אויס־געטראָגענע איבערלעבונגען. מער ניט, וואָס אויף זיין פּראָסט גראָבלעך פּנים, וואָס מיט די ראָז־פאַרביקע בעק־לעך און מיטן צוגעגלעטן פינקטלעך־אַרומגעשווירענעם בערדל, האָט דעם גאַנצן וועג אַרומגעשוועבט אַ שמייכל־דיקע מינע פון חידושן זיך — אַ מינע, וואָס האָט גע־מיינט צו זאָגן:

„הערט נאָר! . . . הערט נאָר, וואָס אין לעבן קען זיך פאַרלויפן מיט מענטשן" . . .

געלעבט האָט אין אַ קליינער שטאָט אויף דער אַמאָליקער רוסיש־פּרייסישער גרענעץ אַ פּולבלעכער ייד, וואָס האָט שטענדיק אויסגעזען אַ קאַפּעלע גע־שוואָלן, גערופן האָט מען אים איבער עפּעס מיט צוויי נעמען: „יאָסל דער פּראָפעסאָר" און „יאָסל דער פּריי־לעכער", כאָטש געווען איז ער אַ פּשוטער שערער און אַ ווילדער מרה־שחורהניק — ניט אַזאַ גרויסער קבצן, ווי אַ מסוכנער זיפצער און קרעכצער. אַוועקגעזעצט אַ מענטשן אַקעגן שפּיגל אויף אַרומצושערן אים, לאָזט ער ראשית־כל אַרויס פון זיך אַ פיינעם זיפץ:

— אַך־אַך־אַך־אַך!

אים אַרומגענומען מיטן ליילעך, טוט ער נאָך אַ שווערערן זיפץ:

— פוף־פוף־פוף־פוף!

אַ קוק געגעבן אויפֿן ווייב, וואָס קערט זיך אום פֿונעם מאַרק כמעט מיט אַ ליידיק קאָשעקל, נעמט ער אָן זייער פֿאַמעלעך אַ פֿולע ברוסט מיט לופֿט און לאָזט אָקאָרשט אַרויס דעם אמתן קרעכץ:

— אוי, ווי איז מיר, ווי . . .

און אַרום און אַרום איז די קליינע גרענעץ־שטאָט דווקא זייער אַ לעבעדיקע, אַ פֿריילעכע, און אפֿשר ווייזט זיך אַזוי אויס נאָר דעם שערערס אונטערוואַקסנדיקן יינגל, ווייל אין דער היים קלינגען אים כסדר אין די אויערן דעם פֿאָטערס זיפֿצן און קרעכצן. פֿריילעכער ווי אַלע שטיבער קוקט צו אים פֿון דער אַקעגנדיקער שורה הייזער דעם אַדוואָקאַט וואַרטמאַנס מויערל. ווי פֿלעגט וועגן דעם זאָגן זיין מאַמע:

— גאָט! באַהיט דעם קבצן, ער זאָל כאָטש ניט וואוינען אין שכנות מיט קיין גביר!

און לעבעדיקער ווי אַלע אין אָט־דעם מויערל איז פֿאַרן שערערס יינגל די גימנאַזיסטקע חוהלע — אַ מיידל אַ יתומה, וועלכע דער אַדוואָקאַט האָט אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, ווייל זי קער אים אָן אַ ווייטע קרובה. זי טוט אויף אים אַ קוק מיט אירע אויגן, ווערט ביי אים גלייך פֿאַרשטאַרבן דאָס האַרץ פֿונעם גרויסן שוואַרץ־אָנגעטאָנענעם יום־טוב, וואָס ער דערזעט אין זיי. ער נעמט ביי איר ביכלעך אויף צו לייענען און שעמט זיך דערביי זייער — ער איז דאָך ניט אויף איין יאָר עלטער פֿון איר. נאָר נאָכדעם גייט ער מיטן ביכל צו זיך אַהיים מיט אַזאַ געפֿיל, ווי דאָס טראָגט ער אַן אוצר — דאָס גאַנצע רומל, וואָס הייסט „גליק" און וואָס פֿאַרשיכורט אים אַזוי שטאַרק, אַז ער איז דערוויל נאָך גאָר ניט אימשטאַנד זיך נעמען דאָס איבערצוציילן. פֿונעם ביכל, דאַכט זיך אים אויס, שמעקט מיט אַ ריח פֿון רויזן, און אַלץ דערפֿאַר, וואָס

צו דעם האָבן זיך צוגערירט אירע פינגער. און שפּע־טער, די גאַנצע צייט, וואָס ער לייענט דאָס ביכל, האַלט ער כסדר אין איין אַריינאָטעמען אין זיך און איין פילן דעם־אָ רויזן־ריח, און אַלץ דערפאַר, וואָס די זעלבע שורות האָט געלייענט אויך זי. און איינמאָל כאַפּט אים אָן צו אַ גרויסע פרייד, צי אפשר גאָר צו אַ גרויסער ווייטעק דערפון, וואָס אויף אָט די זעלבע שורות האָבן אירע אויגן געקוקט מיט זייער שוואַרץ־אָנגעטאָנע־נעם יום־טוב, און ער פאַלט צו מיטן פּנים צום ביכל און ווייַנט זיך ממש פאַנאַנדער, און בעת ער ווייַנט, צענעמט אים וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער אָט די פרייד צי אָט דער ווייטעק, ווייל בכלל . . . ער קען עס שוין מער ניט אַריבערטראָגן . . . און דעמאָלט — שוין אַ בחורעצל — נעמט ער און שרייבט איר אָן אַ צעטעלע וועגן דעם רויזן־ריח, וועגן דעם שוואַרץ־אָנ־געטאָנענעם יום־טוב, וואָס אין אירע אויגן, און וועגן אָט דעם ווייַנען זייַנעם און וועגן דעם, וואָס בכלל . . . ער קען עס שוין מער ניט אַריבערטראָגן. און נאָך דעם, ווי נאָר ער שיקט איר אונטער אָט דאָס צעטעלע, דער־פילט ער אַזאַ גרויסע חרטה און אַזאַ גרויסן בזיון, הלמאי ער האָט עס געטאָן, אַז ער נעמט און אַנטלויפט פון דער היים — מער וועט ער זיך שוין קיינמאָל אַהין ניט אומקערן — אַזוי באַשליסט ער. און טאַקע אַזוי טוט ער. אין פאַרלויף פון איין זומער און צוויי ווינ־טערס איז ער אַ לערערל אין אַ דאָרף, ער קנעלט דאָרט מיט קינדער. נאָר מיט אים, בעת ער קנעלט דאָרט מיט די קינדער, הערט ניט אויף צו קנעלן דער בזיון פאַרן שוואַרץ־אָנגעטאָנענעם יום־טוב, וואָס אין אירע אויגן. אים רופט צו זיך סוף־כל־סוף אַרויס דער פאָ־טער, וואָס האָט שוין באַוויזן זיך איבערפּעקלען קיין אַמעריקע. נאָר אַז ער פאָרט צו אים אַריבער, פאָרט

אַהין אַריבער אויך דער בזיון און טרייבט אים אַלץ און יאָגט אים. גאַנצע טעג וואַשט ער געשיר אין אַ רעסטאָראַן, און גאַנצע נעכט זיצט ער איבער ביכלעך. אַ יאָר אַזוי און פינף און צען. ער איז שוין אַן אַגראָ־נאָם, צו אים דערגייט, אַז חוהלע האָט שוין חתונה גע־האַט, זי האָט שוין גאָר אפילו אַ קינד, נאָר אין אים לעבט נאָך אַלץ דער שוואַרץ־אָנגעטאָנענער יום־טוב, וואָס אין אירע אויגן, און דער בזיון שטויסט אים אַלץ, אַז ער — אַ מענטש, וועמען דאָס לערנען גיט זיך איין פון שטענדיק אַן גאַנץ שווערלעך — זאָל זיך דראַפּען העכער און העכער. און זי . . . זי האָט, פאַרשטייט זיך, וועגן דעם אַלעם ניט געקענט ווייסן. זי איז אַ נאַטורוויסנשאַפטלעריןֿ, אַ ביאָלאָג — אַזוי האָט דעם פּראָפעסאָר געזאָגט זיין בן־עיר... נאָר אָט וועט ער איצט ענדלעך זיך באַווייזן פאַר איר אַ גאַנץ מוטיקער אָן שום שפּורן פון יענעם בזיון. אדרבה — זאָל זי זען די פּעולה פון איינעם אַ צעטעלע וועגן דעם שוואַרץ־אָנגעטאָנענעם יום־טוב, וואָס אין אירע אויגן — ער איז אַ פּראָפעסאָר און האָט אַ קאָנקרעטן פּלאַן אויפצו־טאָן עפּעס וויכטיקס דאָ אין דער ידישער געגנט.

דאָס זאָל הייסן: ער האָט יעדנפאַלס זיך אויס־געגלייכט מיט איר, און וואָס עס וועט זיין ווייטער — דאָס וועט באַווזן די צייט.

דריטער קאַפּיטל

.1

דער גאָלדענער נעפּל אויף די צוויי שורות געקייטלטע בערג, וואָס איןביידע זייטן הרחבההדיקן ווייסבאַשנייטן טאָל,האָט צו אָונט צו ווינטערדיק-גיך אויסגעלאָשן זיין רויטלעכן יום־טוב.

גרויע שניי־רויכלעך, געקנוילט ווי וואָלקנס, האָבן פון דאָרט גענומען יאָגן באַרג־אַראָפּ, אַרומטאַנצן זאָווערוכעדיק־בייז און זיך טראָגן אַלץ נעענטער און נעענטער צום לויפנדיקן שליטן — אַ שליטן מיט אַ שוואַכלעך פערד פונעם קאָלווירט, וואָס לעבן דער טונגוסקע, און מיט אַ יונג בחורל אַן אַנטרייבער, וואָס האָט שוין אָט־דעם דריטן טאָג געפירט דעם פּראָפעסאָר אויף באַשנייטע וועגן און אומוועגן, אים געשלעפּט און געשלעפּט און אים נאָך אַלץ אין ערגעץ ניט דערשלעפּט.

דעם בחורל וואָלט געווען ניחא צו טאָן אַ מער נוצלעכע אַרבעט, ווי אַרומפירן דעם פּראָפעסאָר — דאָס האָט די גאַנצע צייט זיך געפילט אין זיין אָנגעבלאָזענעם אויסזען, אין זיין שוויגן און אין זיין אָפטן אונטערלויפן צופוס, כדי גרינגער צו מאַכן דעם אויסגעמאַטערטן פערד. איצט האָט ער דאָס פערד שוין גאָר אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. אַראָפּגעקראָכן פונעם שליטל, האָט ער אַ זוך געגעבן די פאַרשוואונדענע טעלעפאָןסלופּעס, וואָס האָבן די גאַנצע צייט זיך געצויגן דאָ רעכטס, און איז געקומען צו אַ גאַנץ טרויעריקן אויספיר:

— מיר זיינען אַראָפּ פונעם וועג.

— מיר בלאַנדזשען? — האָט ווי ניט געגלייבט דער פּראָפעסאָר, און באַלד דערויף האָט ער זיך דער־פילט אַזוי מאָדנע, ווי גלייך לעבן לעבט ער שוין ניט מער אין דער ווירקלעכקייט, נאָר אין אַ פאַרצייטיק מעשהלע. — וואָס־זשע וועט זיין?

— וואָס זאָל זיין? — האָט, אַריינקריכנדיק צוריק אין שליטן, בייזלעך געזאָגט דאָס בחורל, — וויאָ! די סלופּעס דאַרפן זיין ערגעץ דאָ רעכטס, מירן פאָרן ווייטער.

צום אָרט, וואו חוהלע וואָרטמאַן האָט געוואוינט, איז געווען דריי מאָל אַזוי ווייט, ווי דער פּראָפעסאָר האָט, מעסטנדיק אויף דער מאַפּע, אויסגערעכנט, און דער דאָזיקער פאַקט האָט ווי געהאַלטן אין איין אייג־קנעלן מיט אים:

— געדענקט, צו חוהלע וואָרטמאַן איז דיר תמיד, ווי אין אַ מעשהלע, געווען ווייטער, ווי דו האָסט גע־מיינט.

דאָס פּרעסטל — איינס פון יענע פּרעסטלעך, וואָס בייטאָג אונטער דער אַרטיקער וואַרעמער זון לאָזן זיי זיך קוים־קוים פילן — האָט צו נאַכט צו גענומען ווערן אַלץ בייסיקער און בריענדיקער. דער פּראָפעסאָר האָט ניט געדענקט, ער זאָל אויף זיין לעבנס־טאָג זיך האָבן אַזוי אָנגעפרוירן, ווי דאָס מאָל. אים האָט, דעם אמת געזאָגט, זיך שוין געוואָלט אָנקומען וואוהין־ניט־איז, אַבי ניט פילן, ווי די ביטערע קעלט נעמט אים אַלץ־מער דורך און פאַרקריכט אים מיט שטעכיקע שפּיל־קעס אונטער די נעגל פון די הענט און פון די פיס. טאַקע דערפאַר, הפנים, האָבן אים אויסגעזען אַזוי פאַנ־טאַסטיש און יענוועלטיק די סילועטן פון די פיל גרע־סערע און קלענערע ראַטווירט־געביידעס מיט זייערע פרי־אָנגעצונדענע עלעקטרישע פייערלעך, ווען דאָס

בחורל האָט אויף זיי אַ ווייז געטאָן מיט דער בייטש באַרג־אַרויף אין דער אָקעגנדיקער ווייט:

— אָט איז עס!

איז אָט גאָר וואוהין חוהלע וואָרטמאַן האָט זיך פאַרקליבן לעבן און אַרבעטן דאָ אינמיטן דער פוסטער טייגע — אין אַ ראַטווירט, וואָס איז אין קנאַפּע פיר יאָר זיך צעוואַקסן אין אַ גאַנץ פאַרצווייגטער פּרואָור־סטאַנציע. אַרומגערינגלט מיט עטלעכע קליינע פּי־ליאלן־פערמעס און באַשטאַט מיט אַ גרויסן סעלעקציע־פּאַוויליאָן, מיט לאַבאָראַטאָריעס פאַר גענעטישע עקס־פּערימענטן און מיט אַ שטאַט געלערנטע און וויסנ־שאַפטלעכע מיטאַרבעטער, האָבן דאָרט איצט שוין גע־לעבט און געאַרבעט אַרום הונדערט מיט פּופציק משפחות. זיי האָבן געהאַט לעבן זיך אַ שול פאַר זייערע קינדער, אַ קלוב אויף צונויפקומען זיך, אַ פאַר קראָמען אויף צו קריגן אין זיי דאָס נייטיקסטע, און דאָס אַלץ — אויף אַן אַרומגעצוימטן פּלאַץ אַ קילאָמעטער אין דער טיף, באַהיט מיט אַ סטרוזש, וואָס קוקט אַרויס פונעם וועכטער־שטיבל ביים אַריינפאָר־טויער, פירט צו נאַכט צו אַ חשבון, וועמען לאָזט ער אַריין און וועמען לאָזט ער אַרויס און פרעגט זיך נאָך אויך ביים אָנגעקומענעם פּראָפעסאָר:

— צו וועמען דאַרפט איר דען?

דער ווינט און די זאַווערוכעדיק־טאַנצנדיקע שניי־רויכלעך האָבן ממש ווי אַריינגעבלאָזן דעם פאַרקלייס־טערטן פּראָפעסאָר אין טויער אַריין, נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו ענטפערן. לינקס אַקעגן דעם וועכטער־שטיבל האָבן אין גיכן דרייעניש שטאַרק געטראָסקעט און געטומלט די ווייס־געפאַרבטע בלעכענע פליגל פון דער קליינער מעטאָראָלאָגישער סטאַנציע, ווי זיי וואָלטן אויפגעכאַפּט און שוין גאָר ניט אויפגעהערט איבערצו־

חזרן דעם סטרוזשס ווערטער:

— צו וועמען דאַרפט איר? צו וועמען דאַרפט איר?

— צו וועמען?

פון באַשיידנקייט האָט דער פּראָפעסאָר זיך ניט גע־קענט באַשליסן אָנצורופן דאָ גלייך חוהלע וואָרטמאַנס נאָמען.

— צום אַגראָנאָם, — האָט ער געזאָגט, — צום דירעקטאָר.

— ניטאָ אין דער היים.

— ניטאָ?

— אָוועקגעפאָרן אָט נאָרוואָס אויף דער פערמע.

— און די מוטער זיינע?

— וועלכע מוטער? די שוועסטער זיינע מיינט איר. יעווא מאָיסייעוונא? נאָך געווים אין סעלעקציע־פּאַווילִיאָן. זי אַרבעט שטענדיק ביז שפּעט אין אָוונט.

דער פּראָפעסאָר איז געבליבן שטיק צעטומלט. זאָל עס הייסן, אַז דער בן־עיר זיינער האָט אין מאָסקווע געזאָגט ניט ריכטיק, זי וואוינט גאָר דאָ אינאיינעם מיט אַ ברודער. נו, יאָ... ווי וויים ער, דער פּראָפעסאָר, קען אויסרעכענען, דאַרף זי אַלט זיין אַ יאָר פערציק — איין און פערציק, היינט פונוואַנען קען שוין ביי איר זיין אַזאַ דערוואַקסענער זון און נאָך אַ דירעקטאָר?

— גייט דערווייל אַריין אָט אַהין, אין קאָנטאָר, — האָט אים נאָכגעשריגן דער סטרוזש.

די קאָנטאָר־געביידע, אויף וועלכער דער סטרוזש האָט אָנגעוויזן, איז איצט, תחילת אָוונט, געווען עלעקט־ריש באַלויכטן סיי אינווייניק סיי פון דרויסן. איר פּעדערשטע וואַנט איז געווען דורכאויס באַפּוצט מיט רויטע לייזונגען און מיט פאָנען. אַלץ האָט דאָרט לע־בעדיק צוגעקנאַקט, זיך געווינטלט און זיך געקנייטשט

מיט אַלע אויפֿשריפֿטן, וואָס דערמאָנען, אַז מאָרגן אין אָוונט פֿאַלט אויס דער אָקטאָבער־יום־טוב. רויטע טראַנספּאַראַנטן און פֿאָנען האָבן אַראָפּגעקוקט אויפֿן פּראָפֿעסאָר פֿון אַלע נאָענטע און ווייטע געבײַדעס און מיט זייער פֿלאַטערן און ווינטלען זיך ווי געשריגן צו דער טייגע מיט די קולות פֿון אַלע אײַנוואוינער אויף דער פּרואָוו־סטאַנציע:

— באַצאַל אונדז פֿאַרן אָפּגעבידעוועטן לעבן פֿון אונדזערע עלטערן און פֿון אונדזערע עלטערנס על־טערן, באַצאַל פֿאַר דער מי, וואָס זיי האָבן געפּאַטערט פֿאַר יענעם און ניט פֿאַר זיך אַליין, באַצאַל אונדז פֿאַר אַלע דורות און פֿאַר אַלע צײַטן!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פֿאַרגליווערט פֿון קעלט, פֿאַרוויט און פֿאַרבלאָזן מיט שניי, ווי אַ סנאָפּ אין פּוסטן זאַווערוכעדיקן פֿעלד, איז אין יענעם זעלבן אָוונט אָנגעקומען אויף דער פּרואָוו־סטאַנציע דער מיטגליד פֿון ראַיאָנער פּאַרטיי־קאָמיטעט און רעדאַקטאָר פֿון דער ביראָבידזשאַנער צײַטונג ראובן זעלמאַנאָוויטש.

אַראָפּגעקומען איז ער אויף צו האַלטן דאָ מאָרגן אין אָוונט דעם פּאָרטראָג אויף דער אָקטאָבערשער פֿײַערלעכער זיצונג און אויף דורכצואַרבעטן דאָ מיטן אַקטיוו אייניקע פּאַרטיי־באַשלוסן אין שייכות מיטן לויפֿנדיקן פֿינפֿיאָר־פּלאַן — גאַנץ וויכטיקע באַשלוסן, וואָס האָבן שוין פֿון פֿריער געלאָזט וועגן זיך הערן. אײַנאײַנעם מיט אָט־דעם גאַסט אויף יום־טוב האָט אין טויער פֿון דער פּרואָוו־סטאַנציע ווי אַרײַנגעיאָגט די בשורה:

— זאַלמענקע איז דאָ!

„זאַלמענקע" — דאָס איז ניט מער ווי זײַן פּסעוו־דאָנים אין דער צײַטונג. נאָר רופֿן רופֿט מען אים אַזוי

דורכאויס אין ראַיאָן און אפילו אין כאַבאַראָווסקער קאַנטקאָם. יענע, וואָס קענען אים ניט אין פּנים, מיינען דעריבער, אַז פון דער נאַטור איז ער זייער אַ קליינינ־קער, איינער פון יענע שוואַכינקע שרייבערלעך, וואָס אַליין זשיפען זיי קוים, נאָר אין דער צייטונג, אַז זיי קריטיקירן עמעצן, טוען זיי דאָס זייער בייסיק און מיט אימפּעט פון אַ לעמפּערט. און נאָכדעם, אַז מען באַ־געגנט זיך מיט אים, גלייבט מען ניט, אַז דאָס איז ער „זאַלמענקע". מען דערזעט פאַר זיך אַ הויך־געוואַק־סענעם, קרעפטיקן און בליענדיקן מאַנצבל, אַ העל־האָריקן, מיט חן פון אַ מענטשן אַ בטוח אינעם לענג־לעכן ריין־געגאָלטן פּנים און מיט אַ קלוגן אויסדויער אין די היפּשע גריבבלעכע, ברייט־צעשטעלטע מאַנדל־אויגן. ער איז אגב איינער פון יענע, וואָס אַז מען זעצט זיך מיט זיי שפּילן אין אַ שאָך, באַקומט מען אַ מאַט. אין פלוג איז ער ביז גאָר אַן ערנסטער און ווייניק באַרעדעוודיקער, נאָר ווען עס מאַכט זיך, ער ווערט וויצלדיק, דערגייט עס צו אַזאַ מדרגה, אַז ביי אַלע אַרום אים טרערן שוין די אויגן פון געלעכטער, און ער אַליין טוט נאָך אַלץ ניט קיין מינדסטן שמייכל און זעט גאָר אויס דערביי עפּעס ווי גאַליק. עס טרעפט, ער צעזינגט זיך פאָלקס־ניגונים, קומט ער אַריין אין יענעם מין התלהבות, וואָס צווינגט אַלע אַרומיקע צו באַקומען מאָדנע שמייכלדיקע פּנימער, זיך אַ קאַפּעלע שעמען און אין דער זעלבער צייט הנאה האָבן פון אָט דער התלהבות זיינער. ער איז, ווי אַלע ווייסן, פאַר־רעכנט אין ראַיאָן פאַר זייער אַן איבערגעגעבענעם פּליי־סיקן און פּינקטלעכן טוער. וואו ערגעץ אַ שווער אָרט, וואַרפט מען אים אַהין אַריבער. נאָר ביי אָט די אַלע מעלות זיינע טרעפט, פונדעסטוועגן, אַז אין ראַיקאָם אויף אַ זיצונג נעמט מען אים אין דער אַרבעט, אַז עס

פליען אַזש פונקען, און דעמאָלט קומט ער אַרויס פון נאָך דער זיצונג מיט זייער פאַמעלעכע טריט און שמייכלט פאַרקלערטערהייט מיט אַזאַ אויסזען, ווי ער, דער קרי־טיקירטער, וואָלט דאָך כאַפּן התפעלות: „איי, האָט מען גוט אָריינגעזאָגט!"

קוים אַראָפּגעקראָכן פון דער געבידעוועטער לאָסט־מאַשין, אויף וועלכער בלויז אַ מזיק אַ שאָפער האָט ביי אַזאַ בלאָזעניש און דרייעניש געקענט זיך אונטער־נעמען אים ברענגען אַהער, קוים זיך אַריינגעפּלאָג־טערט אין דער יום־טובדיק־באַלויכטענער און וואַרעם־אויסגעהייצטער קאָנטאָר, איז ער דאָרט, ווי ער שטייט און גייט, געבליבן זיצן אויפן נאָענטן טאַבורעט, כדי אָפּצוגיין אַביסל פון דער ביטערער קעלט און ראשית־כל זיך דערוויסן, ווי האָלט ער מיט זיין אייגן ביסל באַ־לעבאָטישקייט, וואָס באַשטייט פון הענט, פיס, נאָז, אויגן, אויערן.

אַזוי איז ער אָפּגעזעסן אַ מינוט צוויי און מער. און אין אַזאַ צושטאַנד האָט אים דאָרט געטראָפן די אויפראַמערין, ווען זי איז אַריינגעקומען מיט אַן איי־זערן קאָטשערקעלע אין די הענט, כדי איבערצושאַרן אין דער פייערדיק־אָנגעהייצטער הרובע.

דערקענט דאָ באַלד דעם געקומענעם און אַ טראַכט געגעבן וועגן דעם פריילעכן טומל, וואָס דאָ ווערט תמיד, ווען אָט דער גאַסט קומט אַראָפּ, האָט דאָס יונגע ווייבל—אַ קליינינקע, געפּאַקטע און רויט־באַקיקע ליט־וועטשקע — געטאָן איינצייטיק אַ שמאַרע אַרויף מיטן חכמהדיקן נעזל און אַ שמייכל אַראָפּ צו זיך אין בוזעם אַריין. ניט אָנהייבנדיק צו באַנעמען, אין וואָס באַ־שטייט דאָס גוטע געפיל, וואָס אָט דער מענטש רופט שטענדיק ביי איר אַרויס, האָט זי אָנגעהויבן אויף גיך איבערבינדן דאָס שאַלעכל אויף איר קאָפּ, נאָר ניט

באַוויזן צו פֿאַרקניפּן ווי געהעריק די עקן און זיך אַ לאָז געגעבן צו דער אַרייַנגאַנג טיר.

פֿון די דרויסן־טרעפּלעך האָט זיך געהערט, ווי עמעצער עפֿנט די טיר אין קאָרידאָר אַריין און פֿאַר־האַלט זיך דאָרט אין מיטן ריידן מיט אַ צווייטן, וואָס בלייבט אין גאַס. דאָס ווייבל איז ביז אַוועק אַ קוק געבן, ווער לאָזט עס אַן אַהער די קעלט. נאָר באַלד האָט זי אַן אָפּגעלאָשענע זיך אומגעקערט צוריק.

— דער אַלטער לויפֿט שוין זיך קושן מיט איך . . . פֿערווי מחותן! — האָט זי מיט אַ נייעם פֿיל־באַטייטנ־דיקן שמאָר אַרויף געזאָגט צום גאַסט, און אָקאָרשט איצט האָט זי געגומען איבערשאַרן אין הרובע.

„דער אַלטער" האָט מען אויף דער פּראָוו־סטאַנ־ציע גערופֿן דעם טיף־באַיאָרנטן פּראָפֿעסאָר לעוו איד־ראילעוויטש בעניומאָוויטשן, וועלכער פֿירט דאָ אָן מיט אַלע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן ביים צונויפֿשטעלן די באָדן־קאַרטע פֿון דער געגנט.

געראָטן אַביסל אין מענדעלע מוכר ספרים, נאָר קלענער אין וואוקס, אַ גרייז־גרויער מיט אַ פֿאַררויטלט־זשוואווע פּנימל, איז אין אַ ניי שוואַרץ פֿוטערל און אין אַ הויך קאַטיקאָווע מיצל אַ יאַלעם אַרייַנגעקומען אין קאַנטאָר דער אַלטער און איז געבליבן שטיין כלומרשט שטרענג, מעשה זיידע:

— איז זאָג־זשע נאָר דו, תכשיט מיינער, — האָט ער זיך צעשריגן, קוקנדיק מיט אָנקוועלנדיקע אויגן אויף זאַלמענקען, — ווי קען עס גאָר אַ מענטשן איינ־פֿאַלן זיך לאָזן אין אַזאַ וועג אויף אַן אָפֿענעם גרוזאַ־וויק און אין אַזעלכע־אַ בגדים? זע! — האָט דער אַל־טער מיט צונויפֿגעקנייטשטע אָנקוועלנדיקע אויגן באַ־טראַכט זאַלמענקעס הולך, — און ווי־ווי־וואָס איז דאָס ביי דיר פֿאַר אַ רויטער גאַרטל אויף די לענדן? וואו

האסטו נאָר געפּאַקט דעם גאַרטל?
— אַ? — האָט טויבלעך און כריפּענדיק זיך אָפּ־גערופן דער גאַסט.
קוים אַרויסדערביוועט אַ האַנט פון אַן אַלטער הענטשקע און פאַמעלעך אַראָפּגענומען די צעגייענדיקע שטיקלעך אייז פריער פון איין אויגן־לעפּל, דערנאָך פונעם צווייטן, האָט ער אָקאָרשט איצט אַ קוק געגעבן אויפן אַריינגעקומענעם און איז גלייך אַריינגעפאַלן אין־נעם אַלטיטשקעס טאָן:
— אָט, לאָמיך נאָר קומען אַ קאַפּעלע צו זיך, לעוו איזראַילעוויטש, וועל איך אייך פאַרענטפערן ביידע קשיות.
די דערהערטע ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען ביי דער אויפראַמעריק אין די אויערן אַזוי באַקאַנט און היימיש, ווי גלייך זי — דאָס געגטע ווייבל פון הינטער מינסק, וואָס לערנט זיך דאָ אויף טראַקטאָר־קורסן — וואָלט זיי דערהערט פון אייגענע טאַטע־מאַמע, און דאָס האָט מעכאַניש זי דערנענטערט צו זאַלמענקען און צום אַלטן פּראָפעסאָר, ווי צו מענטשן פון איר אייגענער משפּחה. שטייענדיק לעבן דער אָפענער הרובע אויף די קני, האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיך פאַר־קוקט אויף די שמועסנדיקע.
— אַרויסגעפאָרן, — האָט זאַלמענקע אויסגעלייגט פאַרן אַלטן, — בין איך, מאַלט אייך אויס, פאַרעטש מיטן שאָפער אין דער קאַבינע. איך בין דאָך ניט אַזאַ אָפּגעריסענער נאָר, איך זאָל זיך לאָזן אויף אומקומען. ווי נאָר אָבער איך האָב זיך אַהין אַריינגעזעצט, אַזוי באַלד האָט זיך פון ערגעץ געיאַוועט אייער היגן זאַ־אַטעכניקס ווייבל. וואָס איז?
זי דאַרף אויך אויף דער פּראָוו־סטאַנציע, אויף יום־טוב אַהיים, הייסט עס. „גוט, זאָג איך צו איר, איז

קריכט, זייט מוחל, אויפן גרוזאָוויק, נאָר מאַכט עס גי־כער, וואָרן עס ווערט שפּעט". ניין, מאַכט זי צו מיר, אויב איר וועט מיך לאָזן זיצן אויף דער אָפּענער מאַשין, וועט איך זיין דעם גאַנצן וועג נעלאָווקע.

— אַ־אַ! מען קען זי דאָ: די אמתע נאַכאַלקע.

— האָט אַראָפּקלאַפּנדיק די קוילן פון די צעפּלאַקערטע האַלעוועשקעס, זיך אַרייגעמישט די אויפּראַמערין.

— ט'האָב איך אַן אידעם, — האָט אויף דער אויפּ־ראַמערין אָנגעוויזן זאַלמענקע. ווייזט זיך אָבער אַרויס: היות די זאַטעכניטשקע איז אָפּגעלעגן צוויי וואָכן אין ראַיאָנעם שפּיטאָל און היות דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט, אַז זי איז שוין אינגאַנצן געזונט: „הלוואי אויף מיין ווייב געזאָגט געוואָרן" — אַזוי האָט איר וואָרט אין וואָרט געזאָגט דער דאָקטער און אַזוי ווייטער און ווייטער.

— ט'עלעך אויסגיין, — האָט בלייבנדיק לעבן דער הרובע אויף די קני זיך אַ וואָרג געגעבן פון געלעכטער די אויפּראַמערין.

— איך קוק זיך צו, — האָט קאַלטלעך ראַפּאָרטירט זאַלמענקע, — אַביסל אַ כרופּקע און דערצו נאָך ערשט־אַ פונעם שפּיטאָל, איז וואָס האָבן איך געקענט טאָן?

— רעכט, — האָט כלומרשט, ווי אַ שטרענגער גע־נעראַל, צומאַכנדיק די אויגן און אויסגלייכנדיק די ברוסט, אויפגענומען דעם ראַפּאָרט דער אַלטער, — האָסט מיר, פאַרענטפערט די ערשטע קשיא.

— דעם גאַרטל מיינט איר? דאָס האָב איך אים שוין אין וועג ביי לית־ברירה געבאָרגט ביים שאָפער. די קעלט האָט מיר אַזוי דערלאַנגט, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, ווי אונדזערע בעלי־עגלות פלעגן אין די גרויסע פרעסט זיך זוועקלאָזן פון דער היים אין גריגגע פעלצלעך, נאָר ניט אַנדערש, ווי ענג־פאַרצויגן מיט

אזאַ גאַרטל, און בעלי־עגלות, האָב איך מיר גע־טראַכט, האָבן מן הסתם געוואוסט, וואָס זיי טוען.

— און ווי, — האָט אָנגעקוואָלן דער אַלטער, — האָט טאַקע עפּעס געהאָלפן דער גאַרטל?

— טא! — זאַלמענקע האָט אַקאָרשט איצט גע־נומען פּאַמעלעך זיך אויספּעלצן, — דאָס, לעוו איזראַי־לעוויטש, זעט איר דאָך שוין אַליין...

פּאַרקענדיק אין קליינעם שכנהשן צימערל ביי דער הרובע, האָט די אויפראַמערין דערהערט, ווי לעוו איז־ראַילעוויטש פרעגט זיך נאָך:

— וואוהין איז פאַרשוואונדן פונדאַנען דער אַראָפּ־געקומענער אַמעריקאַנער גאַסט?

— נאָר קוואַרטיראַנטן פעלן מיר דאָ, — האָט, אוועקגייענדיק נאָך אַ נייעם אָבערעם האָלץ, בייזלעך זיך אָפּגערופן די אויפראַמערין, — כ׳האָב אים אַוועק־געפירט צום בוכהאַלטער אַהיים.

און דווקא אין דער בייזקייט איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס איז געפעלן געוואָרן אי דעם אַלטן אי זאַלמענקען. צווישן זיי האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַ דינגעניש: דער אַלטער האָט געוואָלט, אַז זאַלמענקע זאָל באַלד, די רגע, זיך איבערפעקלען צו אים, לעוו איזראַילעוויטשן, אויף דער קוואַרטיר — דאָרט וועט אים זיין אי וואַרעם, אי ווייך צו שלאָפן, אי מען וועט כאַפּן אַ שמועס...

— וואָרן אַט, — האָט ער זיך געווערטלט וועגן דער בייזלעכער אויפראַמערין, — זי האָט שוין געגעבן אַן אָנצוהערעניש... זי איז דאָ ביי אונדז אַ שטרענגע באַלעבאָסטע, אָט די ריווע.

— מיט איר וועל איך אויסקומען, — האָט געזאָגט זאַלמענקע, — זי איז פון מיינע מענטשן.

דער אַלטער האָט בכלל זיך אויפגעפירט דאָ, ווי

אַ גרויסער מכניס־אורח און שטאַרק פּאַראיבל געהאַט אויף יעדערן, וואָס קומט אַראָפּ אויף דער פּרהאָר־סטאַנציע און מיידט אויס אים, דעם זקן, וואָס האָט צוריק מיט דריי יאָר פּאַרלאָזט אין כּאַרקאָוו אַן אוני־ווערסיטעט־קאַטעדרע, כּדי אָנצופירן מיט דער וויכ־טיקער אַרבעט, וואָס ווערט דאָ געטאָן. מיט אַזאַ איי־נעם האָט ביים באַגעגענען זיך ערגעץ־וואו אין סע־לעקציע־פּאַוויליאָן אָדער אין די לאַבאָראַטאָריעס זיך אויפגעפירט זייער קאַלט און אים דערלאַנגט ניט די גאַנצע האַנט, נאָר ניט מער, ווי די שפּיצן פון אַ פּאָר פינגער. דאָס האָט געהייסן: „ווער עס שעצט מיך ניט, דער שעצט דאָ ניט די גאַנצע אַרבעט". נאָר ניט גרינג איז אָנגעקומען זאַלמענקען צו פועלן ביים אַלטן, ער זאָל אויף אים קיין פּאַראיבל ניט האָבן, ווייל אָט — דער שמועס וועט, ווי אַלעמאָל, זיך אָוועקציען ביי זיי ביזן ווייסן טאָג, און ער, זאַלמענקע, האָט פאַרן אָוועקפאָרן ניט געהאַט קיין צייט זיך צוגרייטן צו זיין פאַרטראָג אויף דער מאָרגנדיקער פייערלעכער זיצונג, און מאָרגן שטייט אים דאָ פאָר דורכצופירן עטלעכע זיצונגען.

אַביסל שפּעטער, ווען ריווע איז אַהער אַריינגעקו־מען פאַרמאַכן די הרובע און פאַרשטעקן דעם קוימען, האָט זי שוין געטראָפן זאַלמענקען איינעם אַליין, ווי ער זיצט מיטן רוקן צו אים ביים באַלויכטענעם קאָנ־טאָר־טיש. באַנאַנד מיטן געעפנטן פאָרטפעל זיינען פאַר אים אויסגעלייגט איניקע אַרויסגענומענע פּאַפּירן, ער טונקט איין די פען, פאַרקוקט זיך אויף איר שפּיק, פאַר־טראַכט זיך און בלייבט זיצן צוריקגעבויגן, אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן אָנשפּאַר פון בענקל.

די אויפראַמערין איז געשטאַנען אויף די קני אַקעגן דער אָפענער הרובע און האָט זיך ניט געאיילט צומאַכן

און פֿאַרשרויפֿן דאָס טשוהונענע טירל. זיך פֿאַרקוקט טיף אין דער הרובע אַריין צו די לויכטנדיקע קוילן פֿון די אויסגעברענטע צעפֿאַלענע האָלעוועשקעס, האָט זי פֿאַרגעסן וועגן אַלץ, אפֿילו וועגן איר אייגענעם אָטעם, און מיט אַלע חושים בלויז געפֿילט, אַז דאָ דערביי זיצט פֿאַרטראַכט אַ מענטש, וואָס רופֿן רופֿט מען אים זאַלמענקע — שיער ניט, ווי מען רופֿט אַ קינד, נאָר פֿילן פֿילט מען זיך לעבן אים, ווי לעבן אַן עלטערן פֿון זיך, און שטענדיק, ווען דער ראַיקאָם שיקט אים אַהער אַראָפּ, ווייסט שוין אויף פֿריער זי, די אויפֿ־ראַמערין, אַז דאָ אין קאָנטאָר וועלן זיך אָנהייבן זי־צונגען מיט אים, מען וועט זיך פֿאַר אים קלאָגן, זיך פֿאַרענטפֿערן, זיך האַלטן עצות, מען וועט זיך פֿילן געטראָפֿן פֿון נאָך זיין לעצטן וואָרט אויף אָט די זיצונ־גען און מען וועט דאָך בלייבן קאָנטעט מיט אים און מיט עפּעס עלטערס און וויכטיקערס פֿון אים, און מען וועט אים ווידער רופֿן „זאַלמענקע”, ווי מען רופֿט אַן אייגענעם.

די אויפֿראַמערין איז איצט געשטאַנען אויף די קני אַקעגן דער אָפֿענער הרובע, אויף איר פּנים איז געפֿאַלן דער אָפּשיין פֿון די רויטלעכע קוילן, די היץ זייערע האָט איר געבריט אין די פֿאַרקלערטע אויגן.

— חבר זאַלמענקע, — האָט זי שטיל זיך נאָכגע־פֿרעגט, — איר וועט מאָרגן ריידן ביי אונדז?

— אַ? יאָ, ריווע, איך וועל ריידן.

ער האָט זיך אָפּגערופֿן פֿאַרשלאָפֿן און ווי פֿון ערגעץ זייער ווייט. ער האָט געטראַכט וועגן דער פּרואָוו־סטאַנציע, וואו ער געפֿינט זיך איצט, ער האָט געטראַכט וועגן פֿופֿצנטן יאָר פֿון אָקטאָבער, וועגן וועלכן ער דאַרף דאָ מאָרגן ריידן פֿאַר מענטשן, וואָס האָבן וועד פֿונוואַנען צוריק מיט פֿיר יאָר אָנגעהויבן קומען

אַהער אויף אַ פּוסט טייגע־אָרט, ריידן פּאָר זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן אין זייער אַרבעט זיך פילן באַהעפט מיטן גאַנצן נייעם לעבן, צו וועלכן דער אָקטאָבער האָט זיי געבראַכט, און מיטן לעבן, צו וועלכן ער דאַרף דער־פירן. ער האָט געטראַכט וועגן זיך, דעם געוועזענעם לערער אין אַ יידישער שול און געוועזענעם רויט־גוואַרדייער, רויטאַרמייער, רעדאַקטאָר פון אַ „פּילטי־ראַזשקע" אויף אַ גרויסן זאַוואָד, פּאַרטיי־באַפולמעכ־טיקטער, און נאָך דעם אַלעם — גענומען מיט זיך דאָס קראַנקע ווייב מיט די צוויי קינדער און געקומען אַהער צו אָט דעם נייעם און שווערן לעבן דאָ אין דער טייגע.

— ריווע, — האָט ער פּלוצעם פון פאַרטראַכטקייט אַרויס אַ פרעג געגעבן ביי דער אויפראַמערין, — זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס אַזוינס האָט דיך געבראַכט אַהער אַזש פון הינטער מינסק, אַ?

— וואָס אַזוינס? — ריווע האָט אַלץ געקוקט צום פּריסעק אין דער הרובע, — איך וויים? דער טאַטע און די מאַמע זיינען געפאָרן, ער אַרבעט אין קוזניע, דער טאַטע, נאָך אַנדערע זיינען געפאָרן.

— און דאָס גאָר? — האָט, ניט אומקוקנדיק זיך צו איר, געפרעגט זאַלמענקע, — נו, און עפּעס בויען אַ יידישע געגנט?

— הערסט! — האָט דערויף שיער ניט מיט אַ זיפץ געענטפערט ריווע, — דאָס איז עס דאָך!

— אָ! — האָט, ווי אויפכאַפּנדיק זיך מיטאַמאָל פון פאַרטראַכטקייט, געזאָגט זאַלמענקע, — אַזוי־זשע רעד.

און ער האָט באַנייס זיך אַ נעם געטאָן צו דער פען. איצט איז אים שוין געווען אינגאַנצן קלאָר, וואָס ער האָט צו טאָן. דעם פאַרטראָג דאַרף ער מאָרגן אין אָונט אויסלייגן דאָ פאַר די מענטשן אויף אַזאַ אופן,

אַז אַלע זאָלן זײַן זיכער:
— דאָס איז עס דאָך!

2.

אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטערלעך, ווען ער איז אויפן אַנדערן טאָג גאַנצפרי אַרויסגעגאַנגען פון דער קאַנטאָר.

דאָס שווערלעכע און ברייטלעכע פוטער — ער איז מיט אַט דעם טכוירעגעם פּעלץ נאָך סוף בירגער־קריג פּרעמירט געוואָרן ערגעצוואו אין אַן אַנשטאַלט — האָט עד היום ניט אויפהערט אויסצוזען אויף אים, ווי געירשנט פון אַ צעוואַקסענעם גביר. דער צו גרויסער קוואַדראַט־דאַשעק פון דער שוואַרצווײַליורענער קעפּקע האָט צוגעגעבן אַ פּירקאַנטיקע פאָרם זײַן פאַרשלאָפענעם לענגלעכן פּנים. זײַנע הענט, פאַררוקט אין די טאַשן פונעם פוטער, האָבן זיך ניט געטאָן קיין מינדסטן ריר. אויסגעקומען איז, ווי טיף־פאַרטראַכט וואָלטן אין אַט דער רגע געווען טאַקע נאָר זיי, די הענט זײַנע, אַן אַנדער זאַך איז ער, זאָלמענקע אַליין — דאָס סאַמע חשובע, וואָס ער האָט ביי זיך אין מוח געהאַט, האָט ער אויסגענוצט אינעם פאַרטראָג, צו וועלכן ער האָט זיך געגרייט ביז שפּעט ביינאַכט. דער קאָפּ איז אים איצט פריי, גרייט אויפצונעמען און אַרומטראַכטן אַלץ, וואָס זײַנע אויגן וועלן דאָ זען.

די ווייט־צעשפּרייטע פּראָווו־סטאַנציע האָט פון פאַרטאָג אָן נאָך אַלץ געזונגען אין גרינג־פּראָסטיקן נעפּל. געדאַכט האָט זיך, אַז אַרום און אַרום ברענט און טליעט די דורכאויס־פּוסטע טײַגע. און אַז דאָס דערגרייכט פון דאָרט דער רויך — אַ רויך, וואָס האָט אויפן וועג אַהער שוין אויסגעוועפּט פון זיך יעדן מינדסטן טשאַד.

אין דער אַרומיקער פּראָסטיקער לופט האָט זיך

געלאָזט פילן די פרישקייט פונעם ניי־אויסגעפּאָלענעם שניי, און אַריינאָטעמענדיק אין זיך אָט די קאַלטע פרישקייט, האָט ער אַלע מאָל באַנייס דערפילט, ווי גע־זונט עס זיינען זיינע לונגען. פון ערגעץ ווייט האָט ער אָנגעשמעקט אַ ווילדן שאַרפן ריח, ווי פון אַן אויסגע־שטאַנענעם בוהיי. און ווייל די אויגן זיינען נאָך גע־ווען ביי אים פאַרשלאָפן, האָבן אים אויסגעזען פאַר־שלאָפן אויך די טיפע שפורן, וואָס זיינען אויפן פריש־אויסגעפּאָלענעם שניי פאַרבליבן נאָך אַן איינציקן דורכ־געפאָרענעם שליטן און קוקן אַרויס פון דאָרט מיט אַזאַ תמימות, ווי אַ שפּאָגל־נייער וועג אין לעבן.

אַרום אים האָבן דאָ און דאָרט ערב־יום־טובדיק זיך אויפגעכאַפּט רויט־פאַרדראַפּירטע פאַרנטיקע ווענט פון אָנשטאַלטן און געזעלשאַפטלעכע געביידעס, און אַ ווייסע רוימישע XV האָט פון דאָרט אַראָפּגעקוקט אַזוי מונ־טער און לעבעדיק, ווי גלייך זי, דעם אָקטאָבערס פּופּצן, וואָלט אין גרויסן שלום מיט אַלץ, וואָס דאָ איז אָפּגע־טאָן געוואָרן, געהאַלטן אין איין פּסקענען:

— געוועזן כדאי. געוועזן כדאי.

און ער — אַ מיטבויער, אַן עדות, ווי אַזוי דאָ אין מיטן דער טייגע איז אויפגעקומען אָט דאָס לעבן — האָט ערגעץ טיף אין זיך ווי געהאַלטן אין איין מודה זיין:

— אמת. אמת.

אי ער איז נאָך אַלץ געווען אַביסל פאַרשלאָפן, אי ער האָט זיך געפילט אין אַ צושטאַנד פון אַ מענטשן, וואָס האָט נאָך לאַנגע וואַגלענישן זיך אומגעקערט אויף יום־טוב אַהיים, אי ער האָט ערגעץ טיף אין זיך באַ־וואונדערט, פונוואַנען נעמט זיך דאָ ביי אים אָט דער צושטאַנד.

עס איז נאָך אַלץ געווען פרימאָרגנדיק־גרוי. ווי

אַן אָפּשײַן פֿון הימלישן יום־טובדיק־צעצונדענעם ליכט־בענטשן, האָט העכער דעם נעפּל דערבערענט די רויט־קייט צו מזרח צו, וואו די זון דאַרף אײַנגיכן אויפֿגיין. די לופֿט איז פֿון מאָל צו מאָל געוואָרן מער דורכזיכ־טיק. ערגעץ נאָענט האָט מען אויפֿגעמאַכט אַ טיר, און איידער מען האָט נאָך באַוויזן זי צוריק צוקלאַפּן, האָבן אַ פּאָר צענדליק ווילדע טויבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון דאָרט מיט זייער גיכן פֿליגל־פּאַך און אין אַ צע־שראָקן הירטל אַוועקגעיאָגט, ווי אויף אָנצוזאָגן עמעצן אין דער טײַגע, אַז די מענטשן האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט. אויסטרעטנדיק פֿרישע שניי־סטעזשקעס, האָט מען דאָ און דאָרט שוין געאײַלט פֿון די הײַזער צו דער אַר־בעט אין סעלעקציע פּאַוויליאָן, אין די לאַבאָראַטאָ־ריעס, אין די שטאַלן, אין דער קוזניע, אין קאָנטאָר און אין די ספּעציעלע פֿאַר־וואַרשטאַטן און אין גיכן גאַנג פֿריילעך, ווי צו אַן אָנגעלייגטן גאַסט אויף יום־טוב, זיך געגריסט צו אים, זאָלמענקען, ביי וועמען עס האָבן איצט שוין אויסגעזען פֿאַרטראַכט ניט אַזוי די פּאַרוקטע הענט אין די טאַשן, ווי די אויגן און דאָס פּנים. אין זײַן זכרון איז פֿון נעכטן אין אָוונט געבליבן פֿאַרהיט דער אויפֿראַמערין ריוועס ווערטער:

— „הערט! . . . דאָס איז עס דאָך.“

און ניט אַזוי אָט די ווערטער זײַנען געבליבן אין זײַן זכרון, ווי דער זינען, מיט וועלכן זיי זײַנען דער־גאַנגען צו אים, דעם יידן, באַלשעוויק און פּאַרטיי־טוער, פֿאַר וועמען ביראָבידזשאַן איז אַ טראַט פֿאָר־אויס — אײַנאײַנעם מיטן גאַנצן סאָוועטישן לאַנד צום תּיקון פֿון דער וועלט און ניט קיין „השיבנו נאָזאַד“ צו דעם, וואָס אַמאָל איז געווען — ווײַל ווי אַ באָל־שעוויק שטרעבט ער בכלל צום מאָרגן און ניט צום נעכטן. וועגן זיך אַליין — דעם פּאַרטיי־טוער ראובן

זעלמאַנאָוויטשן, וועלכער האָט צו פיר און פערציק יאָר נאָך אַלץ פאַרהיט אין זיך דעם גאַנצן אימפּעט און אַלע זאַפטן פון אַ יונגן קרעפטיקן בחור — האָט ער אָפּט־מאָל געהאַט אַ פאַרשטעלונג, ווי וועגן אָן אויפגעריכטן מענטשן. אַזאַ באַציאונג האָט ער צו זיך געפילט אויך מצד אַלע יענע, וואָס רופן אים דאָ זאַלמענקע און ווייסן, אַז ער האָט אין די יונגע יאָרן אַריינגעזאַפּט אין זיך אַלע אַלט־יידישע קענטענישן און זאָגן וועגן אים איי־נער צום אַנדערן:

— איי, איז ער אַ קענער אין די קליינע אותיעלעך!

אין זיין אַרבעטן דאָ צווישן יידן איז אים אָפּט־מאָל צוניץ געקומען דאָס, וואָס קענען קען ער זיי אַזוי גריינטלעך. און אָט איז ער, זאַלמענקע, מיט זיי אינ־איינעם געקומען אַהער צו די שיפּועים פון די כינ־גאַנער בערג. אויף איינעם פון די פּאַפּיר־זייטלעך, וואָס ער האָט באַשריבן, גרייטנדיק זיך ביינאַכט צום פאַרטראַג, איז אָן אַ זייט געבליבן פאַרצייכנט:

„די אויפראַמערין ריווע פון הינטער מינסק לערנט זיך אויף טראַקטאָר־קורסן. זי וועט אַקערן די ערד דאָ אין דער פאַר יידן אויסגעטיילטער געגנט, און מיט דעם וועט זי שוין במילא טאָן דאָס, וואָס פון איר פאַ־דערט איר נאַציאָנאַל געפיל — אַ געפיל, וואָס אַז מען טראָגט עס צו לאַנג פאַרשפּאַרט אין זיך, אָפּגעריסן פון שטענדיקער שעפעריש־נוצלעכער אַרבעט, קען עס קריגן אַ שלעכטן ריח. אויף ריוועס פשוטן האַרעפּאַש־נעם לשון הייסט עס:

— „נו, יאָ, דאָס איז עס דאָך“ . . .

אַרומשפּאַנענדיק דאָ איצט גאַנצפרי ערב אָקטאָ־בער־יום־טוב, האָט ער צוגעקוקט, ווי פונעם אַרומיקן צעגיין ווערנדיקן נעפל שווימען אַרויס מענטשן און גריסן זיך צו אים מיט עפּעס אַ מין וואונק, ווי פון

אויפגעליגטקייט. אויף וויפל ער קען זיי, זיינען זיי צופרידן מיט דער אַרבעט, וואָס זיי טוען דאָ. ער באַמערקט זי דאָ, אַט די באַזונדערע צופרידנקייט, ביי פיל ביראָבידזשאַנער. און ווי זיין טבע איז, בעת ער נעמט אויף אַ פאַקט, האָט ער במחשבה דאָ באַלד ווי געגעבן עמעצן צו פאַרשטיין, עמעצן אַ צווייטן, פונוואַנען אַט דער פאַקט נעמט זיך:

— פאַרשטייסט צי ניין? . . . זייער נאַציאָנאַל געפיל פלעכט זיך דאָ אַריין טאָג־טעגלעך אין באַפרייטער נוצלעכער מי פאַרן גאַנצן לאַנד. זיי דאַרפן עס מער ניט אַרומטראָגן מיט זיך אויף אַ באַזונדער טעלערל. און זיי פאַרשפאַרן צו געדענקען יעדע מינוט און יעדע רגע, אַז זיי זיינען יידן, און דאָס איז גילטיק סיי פאַר דער אויפראַמערין ריוועז, וואָס ווערט דאָ אַ טראַקטאָריסטין, סיי פאַרן אַלטן פראָפעסאָר ביניר־מאָוויטשן, וואָס פירט דאָ אָן מיט דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, סיי פאַרן ביאָלאָג יעווע מאַיסייעווונע וואַרטמאַן, וואָס קריגט אַרויס אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן נייע סאָרטן קאָרן און ווייץ פאַרן גאַנצן ווייטן מזרח . . . אַט איז זי — אַ . . .

— חוהלע!

ער האָט זיך געפונען אין סאַמע ווייטסטן עק פון דער פרוואָר־סטאַנציע לעבן די לעצטע איינציקע שטיבלעך, וואָס זיינען אָפּגעטיילט מיט אַ פלויט פון די נאָענטע הויף־באַשנייטע פרוואָר־פעלדער. אַקעגן אים, פון איבערן נידעריקן געשלאָסענעם טויער האָבן זיך באַמיט אַריבערצוקריכן אהער אַ געפּאַקט אונטערוואַקסנדיק ייגגל אין אַ שוואַרץ פעלצל און אַ פרוי אין אַ קורץ ציגייקן קאַפּטל און אין אויך אַזאַ ברוינעם ציגייקענעם היטל. געשטערט געוואָרן זיינען זיי דערביי ניט אַזוי דורך די לייזשעס, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט אָדער

זיך געפּוילט אַראָפּנעמען פון די פּיס, ווי דורך דעם, וואָס איבערן טויער האָבן זיי געקלעטערט ביידע אויף אַ מאָל. ביי דער פרוי אינעם קורצן שוואַרצן קאַר־טענעם קליידל זיינען די קליינע אויערן־לעפּלעך געווען אַזוי שטאַרק רויט, אַז געדאַכט האָט זיך: אונטער די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון וועלן זיי אָט־אָט זיך אָנצינדן, ווי שוועבעלעך, און וועלן אויפפלאַ־מען מיט אַ העליש פייער.

— מולי, הער אויף! — האָט זי מוטערלעך־שטרענג זיך אָנגעבייזערט אויפן ייִנגל, וואָס קייכט פון געלעכ־טער, — לאָז מיך, אָדער קריך דו פריער.

נאָר דעם געפּאַקטן חברה־מאַן איז איצט נאָכן גע־שמאַקן גאַנצפריענדיקן שפּאַציר אויף ליזשעס דווקא געווען ביז גאָר געפעלן די פייערלעכע שפּיל מיט דער מוטער. פון אונטער דעם שוואַרץ־קאַרטענעם שלעם, וואָס האָט אַרומגעבראַמט זיינע פולע אָנגעבלאָזענע באַקן, האָבן אָנקוועלנדיק אַרויסגעקוקט זיינע בוילעטע גלאַנציק שוואַרצע אויגן, און דער הירזשענדיקער גע־לעכטער האָט זיך אַלעמאָל באַנייס אַרויסגעריסן פון אים, ווי מיט אַ שלוקערץ.

— נו, גוט, האָט ער כלומרשט מסכים געווען און האָט אָפּגעטראָטן אַ פּאָר שפּאַן צוריק פונעם טויער.

נאָר די מוטער האָט קוים באַוויזן זיך אַנוואַלגערן מיטן בויך אויפן טויער, ווי ער איז מיט אַ שפּרונג שוין ווידער אויסגעוואָקסן לעבן איר און, הירזשענדיק פון געלעכטער, שוין ווידער געפּלאָנטערט זיינע ליזשעס מיט אירע.

— מולי!

עלטער פון איר פערצניאָריקן ייִנגל אַוודאי אויף אַ יאָר זעקס־זיבן און צוואַנציק, איז זי דאָך געווען פיל רירעוודיקער פון אים. אַ בריהשקייט האָט זיך געפילט

אין יעדן בייג פון איר מיטוואוקסיקן דראַטיקן קער־פער. אַט האָט זי אויף די ליזשעס געגעבן אַ שווים אָפּ צום צווייטן עק פונעם טויער. ווי פון זיך איז דאָרט אירער אַ פוס אינאײנעם מיט דער ליזשע אַריבערגע־בויגן געוואָרן איבערן העכסטן טויער־דרענגל, אַ שלאַנ־קער פוס, וואָס שטעקט אַרויס ביז דער שיינער קני פון אונטערן קורצן שוואַרצן קאַרטענעם קליידל. דעם קאָפּ האָט זי דערביי אַ וואָרף געגעבן אַרויף. און פלו־צים האָבן אין דער־אַ רגע זיך באַגעגנט צוויי פּאָר אויגן: אירע — קוים־קוים פאַרגלאָצטע, ווי ביי פאַר־זוכן אַ געשמאַק מאכל, קוים־שוואַרצע, מיט זייער גרויסע ווייסלעכער, וואָס האָבן אָן און פאַר זיך די קראַפּט פון אַ פאַרשמאַכטן קוק, און זיינע, זאַלמענקעס — מאַנדל־לענגלעכע, ברייטלעך־צעשטעלטע, מיט גרינע אַפּלאַכנדיקע פייערלעך ערגעץ אין זייער סאַמע טיפ־סטער טיף.

— חוהלע ? !

— יאָ, חוהלע, — אין איר קול האָט זיך געלאָזט פילן אַ טאָן פון נאָכקרימען זיך, ווי זי וואָלט זיין ניט צופרידן, הלמאי האָט ער גאָר די העזה צו רופן זי ביי איר פאַרצויגענעם נאָמען. — אַ פיינער מענטש זייט איר, זאַלמענקע !

ער האָט קוים־קוים געביסן די אונטערשטע ליפּ, ווי שטענדיק, בעת ער קוקט אויף מענטשן, וואָס גע־פעלן אים.

— כ'האָב איצט גראָד געטראַכט וועגן דיר, חוהלע.

— אָבי איר האָט כאָטש געטראַכט . . .

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט זי געהאַט פאַר וואָס צו זיין מיט אים ניט קאָנטעט. ערשטנס: אַראָפּ־געקומען אַהער, ווייס זי, איז ער נאָך נעכטן פאַרנאַכט

און איז ניט אַריינגעקומען זיך זען. צווייטנס: ווען אומקערנדיק זיך נעכטן שפּעט אין אָוונט פון דער אַר־בעט אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן, האָט זי געוואָלט אַריינ־קומען צו אים אין קאָנטאָר, האָט די אויפראַמערין זי פּשוט אַהין ניט אַריינגעלאָזט.

— ריווע? — האָט ער זיך געוואונדערט.

— אַלץ הייסט ניט אַריינגעלאָזט! „אָ! — מאַכט זי צו מיר זייער בייז, — די צווייטע טעג יום־טוב! ער זיצט און שרייבט, לאָזט אים צורו. ער איז קוים פּטור געוואָרן פון לעווי איזראַילעוויטשן".

— טאַקע? הערט אַ מעשה!

ער האָט פאַרטראַכטערהייט אַ שמייכל געטאָן:

— און דו, חוהלע, — האָט ער געזאָגט, ווי האָבנ־דיק נחת פון איר, — אַזוי פרי שוין אויף די פיס?

מיט די אַראָפּגענומענע לייזשעס אין די הענט האָט זי געשפּאַנט אין איין ריי מיט אים און זיך געזייטלט צו זיין פּנים מיט אַ בליק, וואָס זאָגט עדות, אַז אין איר האַרצן האַלט זיך עפּעס אין איין טאָן. זי האָט זיך אומגעקוקט צו איר יינגל, וואָס שלעפּט זיך נאָך פון הינטן.

— ער ווערט דאָ ביי מיר צופיל געפּאַקט, — האָט זי געזאָגט, — איך מוז אים אַלע גאַנצפרי אויפהייבן פון בעט און מאַכן מיט אים אָט דעם שפּאַציר, אַליין פוילט ער זיך.

דערהערט, אַז די רייד גייען וועגן אים, האָט מולי, ווי אויף אָפּצולייקענען דער מוטערס ווערטער, זיך פאַר־נאַנדערגעיאָגט אויף די לייזשעס און איז געשווינד אַוועק צום פענצטער פון דער פּראָוו־סטאַנציע. זיי זיינען גע־גאַנגען מיט די שפּורן, וואָס זיינע לייזשעס האָבן גע־לאָזט אויפן שניי.

— וואַרט נאָר, — האָט זיך דערמאָנט זאַלמענקע,

— דאָ איז דאָך איצט פאַראַן אָט דער . . . דער אַמע־ריקאַנער פּראָפעסאָר.

— איר קענט אים?

— ער איז אַסיסטענט־צייט געווען ביי אונדז אין ראַי־קאָם.

זאַלמענקע איז שטיין געבליבן.

— עפּעס האָט ער זיך צו שטאַרק נאָכגעפרעגט אויף דיר, חוהלע . . .

— קען זיין . . . — זי האָט אַ שלעפּ געטאָן זאַל־מענקען פאַרן אַרבל, ער זאָל גיין ווייטער, — ער איז נעכטן אין אָוונט אַריינגעקומען צו מיר אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן. אפשר אַ מינוט פינף איז ער דאָרט אָפּגע־שטאַנען אַקעגן מיר מיט אַ מאָנענדיק שמייכל אויף די ראָזעווע בעקלעך, איך זאָל אים, הייסט עס, דער־קענען . . .

— אַזוי? נו, מסתם האָט ער דערויף רעכט . . .

דאָס מאָל האָט אין מיטן גאַנג זיך אָפּגעשטעלט ניט ער, נאָר זי. זאַלמענקעס פּנים האָט איר אויסגעזען צו ערנסט. אירע אויגן, אַ קאָפּעלע פּאַרגלאָצט, האָבן זיך איינגעקוקט אין זיין שטערן סיי מיט די שוואַרצ־אַפּל סיי מיט די פאַרשמאָכטע גרויסע ווייסלעכער. אָן פּוצן, כמעט בייזלעך האָט זי געפרעגט ביי זאַלמענקען:

— איר ווילט וויסן, ווער ער איז?

— פאַרוואָס זאָל איך ניט וועלן וויסן, — האָט קאַלטלעך געזאָגט זאַלמענקע, — אַ מענטש קומט אַראָפּ אַזש פון שיקאַגאָ. ער וויל גאָר ווערן אַ שטיקל שותף דאָ אין דער אַרבעט . . . און ווען אַ שותף, חוהלע, ווילט זיך וויסן מער גענוי. אַזוי פירט זיך די וועלט, יעווע מאָיסייעוונע, פאַרשטייסט אַליין ניט? נאָר אויב עס האַנדלט זיך בלויז וועגן דיינעם אַן אַלטן ראָמאַן, איז דאָס, פאַרשטייט זיך, בלויז דיין זאַך.

זיי האָבן פּאַמעלעך זיך דערנעענטערט צום צענ־
טער פון דער פּראָוו־סטאַנציע. זי האָט, אַראָפּקוקנדיק
צו אירע טריט, זיך פאַרטראַכט. פּלוצים האָט ער
דערהערט, ווי זי זאָגט:

— איך בין אַלט געווען זעכצן יאָר... ער פלעגט
קומען צו מיר נאָך ביכלעך... אַ געזונטער בחור...
אין שטוב האָט מען זיך געוווּנטשלט: „ער מיינט ניט
די הגדה, נאָר די פּאָליטישיקעס — ער איז דאָך פאַר־
ליבט אין דיר, חוהלע!"... דערנאָך האָט ער מיר
איינמאָל צוגעשיקט אַ צעטעלע, און אַליין איז ער פאַר־
שוואונדן. אין שטאָט האָט מען געזאָגט: ער האָט זיך
גענומען דאָס לעבן. איך בין דעמאָלט געווען אין
זעקסטן קלאַס, און חברטעס גימנאַזיסטקעס האָבן גע־
קוקט אויף מיר, ווי אויף אַ העלדין. שפּעטער האָט
מען זיך דערוואוסט, אַז ער איז אין אַמעריקע.

זאַלמענקע האָט געפרעגט:

— איז וואָס איז געווען נאָכדעם?

חוהלע האָט געענטפערט:

— מיט מיר? גאָרניט. ביי די גימנאַזיסטקעס
אין די אויגן בין איך געוואָרן אויס העלדין.

זאַלמענקע האָט זיך צעלאַכט:

— און מיט אים וואָס איז געווען?

— איך ווייס ניט. נעכטן איז ער אַריינגעקומען
און האָט זיך פאַרגעשטעלט: „פּראָפעסאָר קאַלמענס".
דאָס האָט מען זיין פאָטער דעם פאַריקמאַכער גערופן
קלמן. ער האָט ניט חתונה געהאַט, זאָגט ער...

— אַלץ?

— יאָ, אויב ניט...

— וואָס?

— ביי קיין שום פּרוּוו איז ניט הפקר קיין מענטש,
וואָס איז געווען אין איר פאַרליבט.

— און שוין?

— און שוין.

— נו, איז קום צו דיר אַהיים, וועסט מיר געבן עפּעס אָפּעסן. דערצייל, וואָס הערט זיך ביי דיר אויף דער אַרבעט.

ניט געקוקט, וואָס עלטער איז ער געוועז פון איר ניט מער, ווי אויף אַ יאָר פיר, איז צווישן זיי געוועזן איינגעשטעלט, אַז ער זאָגט איר „דו" און זי זאָגט אים „איר".

— זאָג, וואָס האָסטו אויפגעטאָן? — האָט ער זי אויפגעוועקט פון איר פאַרטראַכטקייט. — איך דאַרף עס וויסן, וואָס גיכער.

— וואָס גיכער?

— צו איינער אַ זיצונג, וואָס וועט נאָך היינט פאַרקומען.

באַנייס שטיין געבליבן, האָט זי זיך איינגעקוקט אין אים מיט אַזאַ בליק, ווי גלייך אָקאָרשט איצט דערוויסט זי זיך, מיט וועמען האָט זי צו טאָן. זי האָט צוריק מיט אַ שטיקל צייט אָנגעגעבן, מען זאָל זי אויפנעמען אין דער פּאַרטיי, נאָר אַז נאָך היינט וועט די פראַגע געשטעלט ווערן אויף אַ זיצונג — דאָס איז געוועזן פאַר איר אַ נייס.

— נו, קום, קום, — האָט זאַלמענקע זי אונטערגעאיילט, — מיר איז געבליבן ווייניק צייט.

זי האָט שוין גאָר אינגאַנצן ניט געהערט, וואָס מען רעדט צו איר.

אין איר זכרון איז אויפגעשוואומען איר יוגנט. אַ יונגער זומער־טאָג אין איר קליינער געבורט־שטאָט.

ווער איז עס דעמאָלט געוועזן אַזוי יונג: זי, חוהלע, צי די גאַנצע אַרומיקע שטאָט? דעם ווירציקן גערוך פון יענעם ערשטן הייסן זומער־טאָג געדענקט זי איב־

איינעם מיטן ריח פון לעווקאָיע־בייטן און פרעמדע סעד־לעך מיט צוגעמאַכטע טירלעך לענגאויס דער שטילער פוסטער גאַס. פון געדיכטע פאַרוואַקסענע ווינקעלעך, וואָס אויף יענער זייט פּאַרקנס און צוימען, דערטראָגט זיך אָט אַן אָפּגעריסן ברעקל פון גליקלעכן מיידלשן געלעכטער, אָט עמעצנס אַ פּרוואוו אַ זינג צו טאָן. דאָס זומערדיקע גליק האָט דעמאָלט געהערט בלויז צו אייניקע, וואָס פּראַוועון מיט דעם יחידות, און ניט צו אַזעלכע, ווי זי, חוהלע, אַ יתומה, וואָס שאַרט זיך אַרום נעבן פרעמדע צוגעמאַכטע טירלעך. נאָר גלייבן האָט זי דאָך געגלייבט, אַז אויך איר וועט נאָך אַמאָל זיין גוט. זייער גוט . . .

און אָט איז עס מקוים געוואָרן. איר, דער איין־און־פערציק־יאָריקער, איז איצט גוט, זייער גוט. ביי איר גיט אַזש אַ ציטער דאָס האַרץ, ווען זי טראַכט וועגן דער פאַרשטייענדיקער זיצונג, וועגן וועלכער איר האָט נאָר־וואָס געזאָגט זאַלמענקע. זי טראָגט זיך איבער מיט אַלע אירע געפילן צו דעם, וואָס מיט איר וועט זיין מאָרגן. און יונג זעט אויס דאָס לעבן אַרום איר: יונג איז דאָ אינמיטן דער טייגע די פּרוואוו־סטאַנציע מיטן סעלעקציע־פּאַוויליאָן, וואו זי האָט זיך דערשלאָגן צו אַ נייעם סאָרט קאָרן, יונג איז אָט דער ערשטער ווינ־טערדיקער פריש־אויסגעפּאַלענער שניי, וואָס שווינדלט פּאַר איר בליק, בעת זי טראַכט אינמיטן שפּאַנען: „איז אָט גאָר פונוואַנען עס נעמט זיך דאָס געפיל פון יוגנט — ניט אַזוי פון די יאָרן הענגט עס אָפּ, ווי פון דערפילן אַן אַלץ נייעם טעם אין לעבן“.

— וואָס איז מיט דיר, חוהלע? — האָט, אָנרירנדיק זיך אין איר אַקסל, געפרעגט זאַלמענקע.

אויפגעהויבן אויף אים די קויל־שוואַרצע אויגן, וואָס מיט די גרויסע באַזונדער ריינע און פאַרשמאַכטע

ווייסלעכער, האָט זי אַ ווײַלע זיך אײַנגעקוקט אין זײַן פּנים. וואָס לענגער זי האָט זיך געקענט מיט אָט־דעם מענטשן, אַלץ מער האָט זי בײַ אים געלערנט ניט אַרויסצוזאָגן קיין טיפֿע איבערלעבונגען מיט בילליקע ווערטער. מיט איר גאַנצן קערפּער האָט זי זיך אַ וויג געגעבן, ווי אויף אָנצושפּאַרן זיך אין אים, נאָר פּלוצים געקראָגן צוריק גלײַכגעוויכט און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו אירע שפּאַנענדיקע פּיס.

— וואָס מאַכט אײַער פרוי ? — האָט זי מיט אַ פאַרלאָשן ווערנדיק קול געפרעגט אינמיטן גאַנג.

— ניט גוט, — האָט שטיל געענטפערט זאַלמענקע.

— אַלץ קראַנק ?

— נו, יאָ . . . מיט אירע לונגען וואָלט איר איצט צו ווינטער צו באַדאַרפט ווערן בעסער.

אַביסל שפּעטער, ווען זי האָט געהאַלטן אינמיטן האַדעווען זאַלמענקען אינעם ווייס־ווענטיקן פּירעקיקן עסצימער, וואָס אינעם נייעם דירעקטאָרשן שטיבל, האָט פון דער פיליאַלער פערמע זיך אומגעקערט איר ברודער, דער דירעקטאָר פון דער פּראָוו־סטאַנציע מיכל וואָרטמאַן. אַראָפּ פונעם שליטן, איז ער גלײַך אַוועק אין קאַנטאָר און אַהער אַהיים צוגעשיקט דעם נאָך גאָר יונגן אַגראָנאָם פון דער פערמע פּעטיע באָראָווסקין, וועמען ער האָט געבראַכט מיט זיך אויף יום־טוב. אין שטוב האָט מען זיך דערפרייט :

— אָט אַ גאַסט !

אונטער די אויגן האָט מען אים דאָ גערופן מיטן נאָמען, וואָס אים האָט געגעבן דער אַלטער לעוו איז־ראילעוויטש : „די לעבעדיקע סעלעקציע". דאָס איז געווען אַ ריזיק־צעוואָקסענער רויט־באַקיקער בחור, געזונט, ווי אַ בער, און אָנגעטאָן, ווי אַ פּויער. געבוירן געוואָרן אין סיביר בײַ פאַרשיקטע עלטערן רעוואָלו־

ציאַנערן, האָט ער קינדווייז ניט אָנגעהויבן גאָר צו וויסן, אַז זיין געשטאָרבענער פאָטער איז געווען אַ ייד, און שפעטער, ווען ער האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, איז ער גאַנץ פשוט געקומען צום אויספיר, אַז אויב ער איז אַ ייד, איז קער ער, הייסט עס, צו יידן, און אַז וויבאַלד אַזוי, איז שוין אַלץ קלאָר ווי דער טאָג: אויב מען האָט פאַר יידן אויסגעטיילט די ערד, וואָס ביים אַמור, דאַרף ער באַכן ענדיקן אויף אַגראָנאָם אַוועקפאָרן אַהין. און אַזוי טאַקע האָט ער געטאָן.

געאַרבעט האָט ער דאָ אין דער סאַמע פאַרוואָר־פענער פערמע, ביים סאַמע שווערסטן סעקטאָר — ביי וואַסערדיקע רייז־פעלדער, געלעבט אין אַ ביז גאָר קליין קאַמערל, געשלאָפן אויף אַ האַרטער באַנק, ווי אַ מאָ־נאַך, נאָר געווען קאָנטעט. און ווייל פון יידן, צו וועמען ער האָט זיך באַהעפט, איז ער געווען אָפגעפרעמדט, האָט ער דעריבער געקוקט אויף זיך, ווי אויפן סאַמע יינגסטן אין זייער משפחה, און אויף יעדן פון זיי, ווי אויף עלטערס פון זיך, שיר ניט, ווי אויף זיינעם אַ לערער, און האָט ניט באַמערקט, אַז פאַרקערט — די יידן, צווישן וועלכע ער אַרבעט און לעבט, לערנען זיך אָפּ פון אים עפעס געזונט־רוסישעס, און אין קאָנטאָר שטעלט מען אים אַרויס, ווי אַ מוסטער, אין אַלע פאַלן, ווען עמעצער פון די נייע איבערוואַנדערער פערעבענ־דיוועט מיט צוקלייבן זיך דאָ אַ באַשעפטיקונג. בטבע אַ האַרעפּאַשנער און געדולדיקער, פלעגט ער אַלעמאָל, ווען אים האָט אַ רוף געגעבן דער דירעקטאָר, זיך אַ כאַפּ געבן מיט אַ מין „הנני״ — איך בין דאָ! אַזוי איז געווען אויך איצט, ווען ביים אַריינקומען אינעם די־רעקטאָרשן שטיבל, האָט ער דערהערט, ווי אים רופט צו זיך אין עסצימער אַריין דער אייליק־קייענדיקער זאַלמענקע:

— פעטיא!

— אַהאַ! — האָט ער גלייך זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק פאַר זאַלמענקען, ווי אַ סאָלדאַט פאַר אַ גענעראַל.

— דערציייל נאָר, פעטיא, וואָס איז די מעשה מיט דיין קאָמיוגישן בילעט?

באַטראַכט אַ ווײַלע דעם גבורהדיקן פעטיען, ווי ער שטייט פאַרלוירן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם בליק, האָט זאַלמענקע גענומען אים צוגעבן שטאַרקייט:

— וואָרן אַלץ, אַחוץ דעם, איז, ווי ווייט איך ווייס, ביי דיר אין אָרדענונג.

אַך, יאָ, אויף פעטיען וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז ער איז אַ מין „אדם השלם", ווען ניט דער פלאָנטער מיט זיין קאָמיוג־בילעט. די מעשה איז, וואָס אין דער אַנ־קעטע, בעת ער איז געוואָרן אַ קאָמיוגיסט, האָט ער ניט אָנגעגעבן, אַז ער איז אַ ייד, פשוט: ער האָט עס דעמאָלט נאָך ניט געוואוסט. און פאַרן ענדיקן דעם אָרגאַנאָמישן אינסטיטוט, ווען ער האָט אָנגעגעבן אַן אַנקעטע אויף קאַנדידאַט, האָט ער שוין יאָ געוואוסט, נו, איז מיינען זיי דאָרט, אַז ער, פעטיע, האָט אין דער ערשטער אַנקעטע ניט געשריבן דעם אמת.

„לאָזט אים אָפּ", — האָט חוהלע מיטן וואונק גע־בעטן זאַלמענקען, ער זאָל ניט אָנטאָן פעטיען קיין יסורים.

— נישקשה, — האָט אויפשטייענדיק פונעם טיש און נעמענדיק זיך אָנטאָן, געזאָגט צו פעטיען זאַלמענ־קע, — דאָס זיינען די ערשטע און די לעצטע צרות דיינע, וואָס דו לעבסט איבער אַלס ייד. מיר וועלן זען עפּעס טאָן.

— אַט־אַט, — האָט צופרידן אַ שמייכל געטאָן פעטיע. און אַרויסגעגאַנגען צום שליטן, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען לעבן דער שטוב, האָט ער גענומען

אַרויסשלעפּן פון דאָרט די מתנה, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך אויף יום־טוב — אַ געשאָסענע קאַזוליע, דורכאויס פאַרפרוירן, ווי אַ שטיק אייז.

חוהלע און זאַלמענקע, ביידע שוין אָנגעטאָן אויף אַוועקצוגיין, האָבן אַ רגע באַטראַכט אָט די מתנה, וואָס איז געלעגן אינמיטן דער קליינער קיך אויף דער פּאָדלאָגע. חוהלע האָט דאָ באַלד געמאַכט דעם חשבון וועמען פון די אָרטיקע איינוואוינער דאַרף מען אויסטיילן פון דער ציג אַ חלק.

— שיער ניט פאַרגעסן אָנעם בוכהאַלטער, — האָט זי זיך דערמאָנט, — ביי אים אויף קוואַרטיר שטייט דאָך איין דער פּראָפעסאָר קאַלמענס.

— אַזוי, אַזוי, — האָט אַוועקגייענדיק צו זיינע זיצונגען, צוגעשאָקלט זאַלמענקע, און איינס אַ פּאַרשמעלערט אויג זיינס האָט דערביי אַ קוק געגעבן אויף חוהלען, ווי זי האַלט פונדעסטוועגן אין קאָפּ דעם אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר: נו, יאָ, זי האָט דאָך אַליין געזאָגט: „ביי קיין שום פרוי איז ניט הפקר קיין מענטש, וואָס איז געווען אין איר פאַרליבט" . .

צווישן איין זיצונג און דער צווייטער האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט צו לעוו איזראַילעוויטשן, — ערשטנס, דער אַלטער וועט, ווי זיין טבע, קלערן, אַז מען מיידט אים אויס, און וועט מסוכן פאַראיבל האָבן. צווייטנס, צווישן דעם אַלטן און צווישן אייניקע פון די אָרטיקע וויסנשאַפטלעכע טוער האָבן אין די לעצטע וואָכן אָנגעהויבן אַרויסצושווימען געוויסע חילוקי־דעות. לעוו איזראַילעוויטש, ווי זאַלמענקען האָט דערציילט חוהלע, וואָלט אַלס געלערנטער וועלן אַוועקשלעפּן דאָ די אַרבעט אין די לאַבאָראַטאָריעס מער צו אַלגעמיין טעאָרעטישע פּראָבלעמען, ווי צו אָרטיק־פּראַקטישע. אויף דער זיצונג, וואָס ער האָט נאָך היינט דורכצו־

פירן, איז אים פֿאַרגעשטאַנען מאַכן אַן עק צו אַט דעם חלוקי־דעות, און ער האָט געוואָלט פֿריער דעם אַלטן דערצו צוגרייטן.

עס איז געווען אַרום צוועלף אַזייגער בייטאָג.

לעוו איזראַילעוויטש האָט ער געטראָפֿן ביים אַר־בעטס־טיש אין קליינעם מיט זון פֿאַרגאָסענעם קאַבי־נעט. אין די שטעקשיך און אינעם צופּיל גראַמען וואַ־רעמען שטוב־רעקל האָט דער אַלטער אויסגעזען פּיל קלענער, ווי נעכטן, ווען ער איז אין זיין נייעם פּוטער און אינעם הויך־אויפגעשטעלטן יאַלעם אַריינגעקומען אין קאָנטאָר. ווייס־גרוי, מאָגערלעך, נאָר יאָדערדיק־פֿאַרפֿראָועט, איז ער נאָך אַלץ געווען פֿול און פֿול מיט אימפּעט איבערצוקערן בערג, און אָט דער אימפּעט האָט אים אויף דער עלטער שיער ניט אײַנאייַנעם מיט די סאַמע ערשטע איבערוואַנדערער געבראַכט אַהער צום נייעם לעבן אין מיטן דער טייגע, און זע נאָר, זע, ווי ער רוט דאָ ניט, אָט דער אַלטער — פֿון זיינע אויגן זעצט נאָך אַלץ אַ גלאַנץ, ווי ביי אַ יונגנמאַן.

— נאָרוואָס אָוועקגעגאַנגען פֿונדאַנען דער אַמע־ריקאַנער פּראָפֿעסאָר, — האָט ער דערציילט זאַלמענקען, — אויסגעלייגט פֿאַר מיר זיין גאַנצן פּלאַן.

— און וואָס וויל ער?

— טאַ! — האָט אַוועקגעמאַכט דער אַלטער און מיט פֿאַרלייגטע הענט אַרונטער געגומען אַרומשפּאַנען הין און צוריק לעבן דעם זיצנדיקן זאַלמענקען — אַרומשפּאַנען אַזוי שווער, ווי ער וואָלט שלעפּן נאָך זיך אַ טאַטשקע. — מיר מיט דיר דרינגען דאָך, אַז דאָ וועט זיין איינס פֿון די וויכטיקסטע אינדוסטריע־ערטער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד — מען דאַרף נאָר צוגרייטן וואָס גיכער די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע באַזע. און ער... זיין פּלאַן איז — דורכאויס קליינע געמישטע ווירט־

שאַפֿטן צו פֿינף טויזנט מענטשן, וואָס זאָלן אַליין באַ־אַרבעטן די רויע שפּייז־פּראָדוקטן און זיך אַליין באַדי־נען מיט אַלעם נייטיקן, ווי קליינע מילן, אַלערליי קליינע וואַרשטאַטן, נו, אַ קליינע מעבל־פֿאַבריק ליגט ער פֿאַר . . . מיט אַמעריקאַנער אַרבעטער. וואָס האָסטו זיך אַזוי פֿאַרטראַכט, אַ?

— וואָס איז דען?

— איך זע אין דײַנע אויגן, אַז דו טראַכסט עפּעס.

— ניין, גאָרניט.

שולדיק זײַנען אַלץ די אַלט־יידישע קענטענישן, וואָס ער האָט אין דער יוגנט אַרײַנגעזאַפּט. צווישן איין געדאַנק און אַ צווייטן איז ביי אים פּלוצים אויפגע־שוואומען די פראַגע: וויפל טויזנט יאָר זײַנען שוין אַוועק, זינט יידן אַלס פֿאָלק האָבן זיך אָפּגעוואוינט פֿון האָבן צו טאָן מיט באַהערשן די נאַטור? דער מער מיט די יידן, צווישן וועלכע ער, זאַלמענקע, אַרבעט איצט, באַשטייט אין דעם, וואָס זיי הייבן אָן פֿון באַהערשן די ווילדע נאַטור. מיט אַט דער שווערער מי וואַרצלען זיי זיך דאָ איין, נאָר צי וועלן דאָ זיין צוגעפּאַסט יענע, וואָס וועלן אַראָפּקומען פֿון אַמעריקע? ער, זאַלמענקע, קען זיי ניט.

— ער קלערט פֿאַרן מיט זיין פּלאַן קיין מאָסקווע,

— האָט, ווי אַ קאַפּעלע אָפּשפּעטנדיק, געזאָגט ליעוו איזראַילעוויטש.

— נו, — האָט דערויף אַ מאַך געגעבן זאַלמענקע, ווי איינער זאָגט: מהיכי תיתי, ווער קען אים שטערן?

און געהיט, כדי נישט צערייצן דעם אַלטן, האָט ער צוערשט געגומען זיך דערפֿרעגן ביי אים, ווי האַלט ער פֿונעם סאָרט קאָרן, וואָס יעווע מאָיסייעוונע האָט אַרויסגעקראָגן, און ערשט נאָכדעם פֿאַמעלעך איבערגע־גאַנגען צו די חלוקי־דעות דאָ אין דער אַרבעט. דאָס

האָט ער אים צוגעגרייט צו דער זיצונג, צו וועלכער זיי ביידע האָבן באַלד געדאַרפט פונדאַנען אַוועקגיין.

.3

די אויפראַמערין ריווע, וואָס לערנט זיך זיין אַ טראַקטאָריסטין, האָט שוין כמעט ווי געענדיקט דאָ די קורסן. דאָס איז געווען נאָך אין סוף אָסיען אין אַ כמאַרנעם טאָג נאָך אַ רעגן. זיצנדיק אויף אַ טראַק־טאָר מיט אַ צוגעטשעפּעטן דריי־לעמעשענעם אַקער, האָט זי דעמאָלט צו שטייף געהאַלטן דעם רול אין די הענט און אויף אַ ניט־גערירט פעלד אויפגעהויבן דעם ערשטן אַקער־פּאַס.

יענער אַקער־פּאַס ליגט איר נאָך עד־היום אין טעם. עס איז געווען דער סאַמע ערשטער שניט, וואָס זי האָט געמאַכט דאָ אין ניט־באַרירטן פעלד, און ער איז פאַרבליבן אין איר זכרון ווי אַ מין אָנדענק פון איר פאַרקנסן זיך צו דער היגער ערד: זייער אַ לאַנגער אַקער־פּאַס, וואָס שוואַרצט זיך אין די אויגן מיט זיינע פריש־אויפגעגראָבענע גרויסע הרודעס — ווי קען מען אים גאָר פאַרגעסן?

דערצו נאָך זיינען דאָרט, ווי אַ מין עקזאַמען־קאָמיסיע, געשטאַנען ביי דער זייט דער דירעקטאָר מיכל וואָרטמאַן, דער אַגראָנאָם פּעטיע באַראָווסקי מיט אַ פּאָר טראַקטאָריסטן, און ווען, פאַרבייפאָרנדיק לעבן זיי, האַלטנדיק קאָפּ, אַז דער אַקער־פּאַס זאָל זיין אַ שנור־גלייכער, האָט זי מיט איין אויג זיך אַ זייטל גע־טאָן צו זיי, איז איר פון זייערע בליקן קלאָר געוואָרן, אַז געפעלן געפעלט זי זיי ניט נאָר מיט דער בריהשקייט, מיט וועלכער זי פירט דעם טראַקטאָר. אויב דאָס גאַנצע בלוט האָט איר דעמאָלט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין, איז דאָס געקומען דערפון, וואָס גראָד אונטער זייערע בליקן האָט זי מיט אַלע חושים דערפילט, אַז זי, ריווע,

איז כלל ניט קיין מיאוסע.

פון דעמאָלט אָן איז שוין אַוועק מער ווי אַ חודש. ביז פרילינג איז זי געבליבן די אויפראַמערין אין קאָנטאָר. נאָר שווער איז צו זאָגן, צי האָט זי פאַר אָט דעם חודש אַ טראַכט געגעבן וועגן איר אויסערלעכן אויסזען. זי האָט פּשוט געהאַט ווייניק צייט אויף אַרומצוקוקן זיך, און ווער שמועסט נאָך אָט איצט, אין די לעצטע הייסע פּאַראָקטאָבער־טעג.

אין מיטן שלאָף אין דער נאַכט צו ערב אָקטאָבער־יום־טוב האָט ריווע זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף אויף איר געלעגער אינעם קליינעם זייטיקן קאָנטאָר־צימערל און איז געבליבן זיצן פאַרוואונדערט אויף זיך אַליין:

— וואָס זיץ איך?

באַלד דערויף, נאָך איידער זי האָט באַוויזן זיך אָנצוטאָן, האָט זי דערפילט, אַז דער עמער מיטן שטריק, וואָס שטייט אַקעגן אין ווינקל, ציט זי צו זיך ממש, ווי אַ מאַגנעט — מען האָט ראשית־כל באַדאַרפט אָנטראָגן אַ פול דייזשקעלע מיט וואַסער, כדי ניט צו לויפן נאָכדעם אין מיטן אויפראַמען אַלעמאָל באַנייס צום ברונעם.

די ערשטע פּאָר עמער וואַסער האָט ריווע אָנגעטראָגן עפּעס ווי אין אַ מין הינערפּלעט, ניט האָבנדיק נאָך רעכט אויסגעטשוכעט זיך פונעם שלאָף. ערשט ביים פערטן צי ביים פינפטן עמער האָט זי דערהערט, ווי מען וואָזגעט זיך אין דער נאָענטער פינצטער לעבן דער קליינער הילצערנער מאַשינעריע, וואָס מען האָט דאָ אָקאָרשט נעכטן פאַרנאַכט איינגעפעסטיקט אין דער ערד — אַ מאַשינעריע מיט אַ רעדל אויף צו דרייען אַ פעל. דעם מענטשן, וואָס פאַרעט זיך דאָרט אין דער פינצטער, האָט ריווע גלייך דערקענט אין קול. וואָרטשען מיט אַזוי פיל בייזע פּרעטענזיעס און אַזוי טיף פון ברוסט אַרויס, אַז מען זאָל דערהערן איבער דער גאַנ־

צער פראָוואָרסטאַנציע, האָט געקענט נאָר איין עליק באָרשט, דער יונגער און שיינער רימער, וואָס וואָרפט דאָ אַלעמאָל דעם גט פאַר די פיס — ער איז קודם־כל אַ זעלטן גוטער בעל־מלאכה און דערצו נאָך זינגט ער, אַז עס עקט זיך די וועלט, און פירט זיך בכלל, ווי אַן אַקטיאָר.

— שטיי! אַ כאָליערע! — האָט ער אין דער פינצטער געשריגן אויפן פערד, וואָס ער שפּאַנט איין, עס זאָל אים דאָרט דרייען די קליינע הילצערנע מאַשינעריע, און פון צעפּיקעניש, הפּנים, געגעבן דעם פערד מיטן שטיוול אין בויך אַריין.

ריוועס טאָג־טעגלעכע אַרבעט אין קאָנטאָר האָט במילא געבראַכט דערצו, זי זאָל וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער נשמה ביי אַלע מענטשן, וואָס וואָרפן זיך דאָרט אַדורך. איר אין די אויגן איז צוריק מיט עטלעכע טעג פאַרגעקומען אַ ברוגזלעכע באַגעגעניש פון אָט דעם יונגן מיוחסדיקן רימער מיטן דירעקטאָר וואָרטמאַנען. דער ביז גאָר מיושבדיקער דירעקטאָר — ער איז זייער אַ וואָוקסיקער, אַן אָנגענעם־רויטלעכער און דאָך זייער גערעכטן אין זיין שוועסטער יעווע מאַיסייעוונע — האָט, זיצנדיק ביי זיין קאָנטאָר־טיש, ווי זיין טבע, גאַנץ שטיל געפרעגט ביי עליקן, פאַרוואָס גייט ער אַרום ליידיק:

— גראָד איצט . . . פאַר די ניי־געבראַכטע פערד דאַרף מען ציימלעך, שלייעס און לאָבידריקעס.

עליק האָט גאַנץ הילכיק אָפּגעקנאַקט:

— די אויסגעאַרבעטע פעלן, וואָס מען האָט געבראַכט פון כאַבאַראָווסק, זיינען אויסגעגאַנגען, און קיין נייע ברענגט מען ניט. מאַכן אופּריאַזש פון די אייגענע פינגער קען איך ניט.

נאָר דער דירעקטאָר האָט, ווייזט אויס, מער ניט

געהאַט בדעה אויסצוקליאַנטשען אין כאַבאַראָווסק באַ־אַרבעטע פעלן:

— ווער שמועסט נאָך, אַז רויע פעל האָבן מיר דאָ און מען קען זיי אַליין אויסאַרבעטן, ווי עס פלעגן שטענדיק טאָן רימער.

דאָס האָט ער געזאָגט שוין גאָר, גאָר שטיל, און אַז דער דירעקטאָר רעדט גאָר, גאָר שטיל, איז שוין אַ כלל, אַז אַזוי בלייבט עס.

— אַהאַ, — האָט איצט וועגן עליקן אַ טראַכט געגעבן ריווע, — ער האָט שוין מורא, אַז מען וועט אים צו יום־טוב צו באַכאַמאַל אויפרופן אין דער וואַנט־צייטונג, און כאַפּט זיך דרייען אַליין אַ פעל.

אויב זי איז דערביי אויף אַ רגע געבליבן שטיין פאַרטראַכט מיטן פולן עמער אין דער האַנט, איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס, ווי אויף דער פּראָוו־סטאַנציע האָט זיך געלאָזט הערן, האָט אויך אָט דער מיוחסדיקער עליק באַלד נאָך דער חתונה זיך געגעט מיט זיין ווייבל, פונקט ווי זי, ריווע, האָט פאַרן אָפּפאָרן פון היינטער מינסק באַלד נאָך דער חתונה זיך געגעט מיט איר מאַן, און שוין דאָס אַליין האָט זיי ביידן דערנענטערט, ווי מענטשן פון איין גורל. זי האָט שוין געהאַלטן ביי אומקערן זיך פונעם ברונעם מיטן לעצטן עמער וואַסער, ווען ער האָט זיך דאָ אומגעקוקט אויף איר און זי דערקענט ביי דער בלאַסער שיין פון טאָג ווערן.

— זע! ריווע, — האָט ער געזאָגט פאַרוואונדערט,

— פאַרוואָס עפּעס אַזוי פרי אויפגעשטאַנען?

מיטן עמער וואַסער אין האַנט איז ריווע געבליבן שטיין און האָט פון אונטער די ברעמען אַ ווילע געקוקט אויף אים, ווי ער שטייט אַקעגן איר — אַ געזונטער, שיינער יונג מיט אַ טעפל דזעגעכץ אין איין האַנט און מיט אַ קוואַטש אין דער אַנדערער האַנט, ער איז אַנגע־

טאָן אין אַ מין מאָדנע כאַלאַטל, און האַלטן האַלט ער אָט די כלים אין די הענט עפּעס טאַקע גאַנץ טשיקאַווע, ווי אַן אַקטיאָר אויף דער בינע.

— פאַרוואָס אַזוי פרי? — האָט זי שטיל איבער־געפרעגט, — אומיסטן.

— אומיסטן?

— יאָ, — האָט, אַוועקגייענדיק, אַ מאַך געטאָן ריווע, — כדי אייך איבערצוגיין מיט פולן.

מיט דעם האָט זי אים ווי אָפּגעגעבן מזל־טוב, וואָס ער האָט סוף כּל סוף אויפגעהערט צו פערעבענדיוען און געגנומען טאָן, וואָס מען דאַרף. כדי אים זאָל זיין מער קלאָר, וואָס זי מיינט, האָט זי, ניט אומקוקנדיק זיך, שוין אין וועג צוגעגעבן אויף רוסיש:

— לוטשע פּאָזדנאָ, טשעם ניקאָגדאַ.

און אָט איז שוין אפשר דריי אָדער פיר שעה, אַז זיי ביידע — מענטשן כּמעט פון איין גורל — טוען דאָ זייער ערב־יום־טובדיקע אַרבעט: עליק דרייט די פעל מיט עקשנותדיקער פאַרביטערטקייט פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך אַליין באַשטראָפט, און ריווע ראַמט אין קאָנטאָר מיט אַזאַ געפיל, ווי גלייך עס צעשפּאַרט זי שיער ניט דער ערב־יום־טובדיקער אימפּעט.

אין סאַמע גרעסטן קאָנטאָר־צימער האָט ריווע גע־מאַכט רייך, נאָך איידער אַהין איז געקומען דער בוכ־האַלטער סעמיאָן גריגאָריעוויטש — ער קומט שטענ־דיק דער ערשטער פאַר אַלע אָנגעשטעלטע. די פּאָד־לאָגע איז אויסגעוואַשן, ווי אַ שפּיגעלע, און איז נאָך ערטערווייז פייכטלעך, די אויסגעזייפטע טישן און בענק־לעך זיינען ניט צו דערקענען — זיי זיינען, דאַכט זיך, שוין אפילו אַ קאַפּעלע פאַררויטלט, ווי להבדיל מענטשן נאָך אַ הייסער באָד, די אויסגעווישטע שויבן מיט די ווייס־געפאַרבטע פענצטער־שאַלוואַניעס שימערירן.

אויף אַלע טישן איז אויסגעשפּרייט פריש פּאַפּיר און די „שטשאַטעס" קלעפּן זיך מער ניט צו הענט, און די שרייב־געצייגן זיינען מער ניט פאַרפּאַפּט — דער טינט, וואָס ווערט ניט אַזוי גיך אַראָפּ פון ריוועס פינגער, איז אַן עדות, אַז מיט יעדן טינטער האָט זי גוט איינגע־קנעלט, ווי גרויס איז דער יום־טוב, וואָס פאַרגייט היינט אין אָוונט. לעבן דער שוועל האָט ריווע אויסגעשפּרייט אַן אַלטן פאַרלאַטעטן זאַק, כדי מען זאָל אָפּווישן אָן אים די פיס און ניט אַריינטראָגן קיין בלאָטע אינווייניק.

וואָס־זשע אָבער איז די פעולה? עס איז ערשט אַרום ניין אַזייגער אין דער פרי. באַגלייט מיט אַ כאַפּטע מענטשן, האַלטנדיק אין מיטןריידן, קומט אַהער אַריין דער דירעקטאָר, און עס גייט ניט פאַרביי קיין פינף מינוט, ווי דער געלאַטעטער זאַק איז שוין פאַרבלאָטיקט און אָפּגעשמיסן אָן אַ זייט.

אין דרויסן אונטער דער צעהעלטער זון האַלט גראָד אין איין לאָזן, און מענטשן האַלטן איצט, ערב יום־טוב, גראָד אין איין גיין אין קאָנטאָר, און דער קויט, וואָס זיי טראָגן אָן אויף די שטיוול, האַלט אין איין צע־שמירט ווערן. די שטיקלעך בלאָטע, וואָס בלייבן דאָרט ליגן אויף דער פּאָדלאָגע, ווען זיי, דאַכט זיך, אָט־אָט, ווי קליינע שוואַרצע מייזלעך, אָנהייבן אַרויפקריכן אויף די בענקלעך, אויף די טישן, אויף די ווענט, און ביי ריווען, וואָס ראַמט שוין אין אַ צווייטן צימער, ווערט דאָס האַרץ שיער ניט צעגאַנגען אַלעמאָל, ווען זי קוקט אַהער אַריין. זי ווייסט, אַז מען האַלט זי דאָ פאַר אַ בייזער. נאָר גיי באַווייז אַ קונץ, קוק צו דאָס אַלץ און שמייכל נאָך דערביי. ריווע ווייסט אַליין ניט, אויף וואָס זי איז גרייט אין דער־אָ מינוט. אפשר זאָל זי גאָר אינ־גאַנצן אָוועקנעמען די הענט, און זאָל דאָ בלייבן אויף יום־טוב אָט די בלאָטע, מיטן ברוד און מיטן הקדש?

יאָ, יאָ. אַזוי וועט זי טאָן. די ליפּן זיינען ביי איר צו־געמאַכט זייער שטייף, ווי אויף ניט אויפצומאַכן מער קיינמאָל דאָס מויל. איר ברוסט פּאַכט אַהין און צוריק, עס הערט זיך, ווי שווער זי אָטעמט דורך דער נאָז.

נאָר ריווע האָט דאָ נאָך דערווייל ניט קיין איי־גענע שטוב, וואו זי וואָלט געקענט אויסגעבן איר ערבֿ־יום־טובדיקן אימפּעט, און ביז זי וועט אין פרילינג זיך אויפזעצן אויפן טראַקטאָר, איז איר היים און איר אַר־בעט אין קאָנטאָר. דערלאָזן, אַז דאָ זאָל בלייבן די בלאָטע, הייסט דערלאָזן, אַז ביי אַלע אויף דער פּראָווו־סטאַנציע זאָל היינט אין אָוונט זיין יום־טוב און בלויז ביי איר איינער זאָל זיין וואָך. און ריווע באַשליסט, אַז זי וועט דערווייל נאָכאַמאָל אָנטראָגן אַ פול דייזשקעלע וואַסער — אינעם איבעררייס צווישן צוויי און דריי בייטאָג, ווען דאָס גרויסע קאָנטאָר־צימער בלייבט פּוסט, וועט זי דאָרט באַנייס אַ קאָן אויפראַמען.

הינטער דער קאָנטאָר, אויף דער זון, וואָס צע־שטראַלט זיך צו צוועלף אַזייגער צו ביז בלינד מאַכן, וואַזגעט זיך אַלץ עליק באַרשט מיט דרייען די פּעל. און ריווע, צי זי וויל יאָ, צי זי וויל ניט, נאָר אַז זי קומט צו מיטן עמער צום ברונעם, מוז זי דאָרט פון מאָל צו מאָל זיך באַגעגענען מיט זיין בליק — אַ בליק פון אַ מענטשן, וועמען עס גייט היינט ניט אין דער אַרבעט.

— ווי אויף צו להכעיס, — וואָרטשעט ער, אָפּ־שטעלנדיק אַלעמאָל באַנייס דאָס פערד און זיפצנדיק זייער הילכיק, ווי ער וואָלט שפּילן אויף דער סצענע, — עך־עך־עך־עך!

דאָס האַלטן זיך אין איין ברעכן די פּלאַנקעס ביי דער הילצערנער מאַשינעריע — זיי זיינען געמאַכט גע־וואָרן כאַפּ־לאַפּ פון פּיכט האָלץ און האָבן ניט באַוויזן אויסצוטריקענען.

— איך וועל גאָר הײנט ניט פאַרטיק ווערן מיט אָט דער פּעל, דער רוח זאָל זי נעמען! — קלאָגט ער זיך פאַר ריוועו און פאַרקוקט זיך מיט בענקשאַפט אויפן געדיכטן קוימען־רויך, וואָס זעצט ערב־יום־טובדיק־פרײלעך פונעם נאָענטן בעדל, — זעסט צי ניין? מען שטייט דאָרט שוין אין אָטשערעד...

נאָר ריוועו, ווי שווער איר איז ניט דער הײנטיקער טאָג, ווערט איר דאָך אַביסל ווײניקער אָנגעזאָלצן אויפן האַרצן שוין פון דעם אַליין, וואָס אָט, פאַראַן דאָ אַרום איר אײנעם אַרומיקן לעבן יושר, — ער האָט געמאַכט פּוילע שטיק, דער־אָ קנאַקער, איז זאָל ער איצט פאַר־דײען זײן פּאַרציע. עס מאַכט ניט אויס, וואָס אָט דער עליק באַרשט געפּעלט איר זײער אויף דער צורה — אַז מען וועט דאָ אויף דער פּרואָוו־סטאַנציע אַרויס־שלאָגן פון אים אַלע זײנע משוגעתן, וועט ער איר דע־מאָלט נאָך מער געפעלן. שוין אַליין דער פאַקט, וואָס דער יושר אַרום איר איז אײזן־פעסט, גיט איר צו אים־פּעט, זי זאָל אין דער איבעררײס־צײט באַנײס נעמען וואַשן און ראַמען אין גרויסן קאָנטאָר־צימער. זי האָט שוין ווידער אַרויפגעשטעלט אַלע שטולן און טאַבו־רעטן אויף די טישן, זי ראַטשקעט אויף אַלע פיר, פילנ־דיק דאָס גאַנצע בלוט אין פּנים, און רײבט און רײבט מיט דער נאַסער שמאַטע, די פּאָדלאָגע־ברעטער.

פונקט דעמאָלט טראָגט עס אָן אַהין דעם אַמערי־קאַנער פּראָפעסאָר. עס זעט אויס, ווי גראָד הײנט, ווען אויף דער פּרואָוו־סטאַנציע קאָכט מיט אַרבעט און מיט זיצונגען, האָט ער דאָ ניט וואו זיך אַהינצוטאָן, אָט דער בכבודיקער גאַסט. אפשר האָט ער שוין גאָר חרטה, וואָס ער איז דאָ געבליבן אויף יום־טוב. בײ ריוועו, וואָס וואַשט און רײבט צום צווייטן מאָל די פּאָדלאָגע, פרעגט ער זיך נאָך אויפן דירעקטאָר:

— אין יעדן פון די אנשטאַלטן, שטאַלן, לאַבאָראַ־טאָריעס און וואַרשטאַטן זאָגט מען: דער דירעקטאָר איז דאָ נאָרוואָס געווען און איז אַוועקגעגאַנגען.

— איז קען איך אייך זאָגן דאָס אייגענע, — ענט־פערט ריווע אויף גיך, סאָפּעדיק אין מיטן הייסן פּאָד־לאָגע וואַשן, — ער איז נאָרוואָס געווען און איז אַוועק־געגאַנגען.

און ווי פּראָסט און אָן שום מיין זי זאָגט ניט אָט־די ווערטער, קלינגען זיי, הפנים, דאָך אין זיינע אויערן אַזוי, ווי גלייך מען זאָגט זיי אים אויף צעפּיקעניש. אַזוי, יעדנפאַלס, זעט ער אויס. ניט האָבנדיק מער וועגן וואָס מיט ריווען צו ריידן, בלייבט ער נאָך אויף אַ רגע, און זיי קוקן זיך דאָ אָן באַנייס אַ קאָן, אָט די צוויי מענטשן, וואָס, ווי נאָענט זיי זאָלן ניט שטיין איינער אַקעגן אַנדערן, לויערט דאָך צווישן זיי אָן אומגעהייַ־ערער מהלך — ער, דער אַראָפּגעקומענער פּראָפעסאָר, איז פון דאָרט, וואו אַלץ ווערט געטאָן בלויז צוליב געלט, און זי, ריווע, איז פונדאַנען, פון הי, וואו אַלץ, אפילו וואַשן די פּאָדלאָגע, ווערט געטאָן צוליב איינ־פּעסטיקן דעם יושר.

און נאָך אַלע מעשות האָט ריווע מיט צוויי מאָל וואַשן די פּאָדלאָגע ניט יוצא געווען. צום דריטן מאָל האָט זי זי אַ וואַש געגעבן שוין צו פּאַרנאַכט צו, נאָכ־דעם, ווי אין קאָנטאָר צום דירעקטאָר, וואָס האָט דאָרט אויף גיך אָפּגעפּראַוועט די לעצטע מענטשן, איז געקו־מען צו לויפן חוהלע וואָרטמאַנס יום־טוב־פּאַרפּוצט יינגל און האָט אים געגעבן צו וויסן, אַז דער קלוב איז שוין כמעט פול און אַז די מוטער זיינע און חבר זאַלמענקע זיינען שוין אויך אַהין אַוועקגעגאַנגען — זיי טאָקע האָבן אים, מוליך, געשיקט אַהער:

— גיי דערמאָן דאָרט דעם פעטער דיינעם, אַז ער

דאַרף עפענען די פּייערלעכע זיצונג.

„פּייערלעכע זיצונג...״ וויפל ריווע האָט זיך שוין מיט אָט די צוויי ווערטער ניט אָנגעהערט, פונדעסט־וועגן וואָלט זי אפשר, עס זאָל איר צו קיין בזיון ניט זיין, גאָר אינגאַנצן אָפּגעשוויגן, ווען מען טוט זי ראַפּ־טאָם אַ כאַפּ אויפן צימבל, זי זאָל דאָ גלייך זאָגן, וואָס איז די טייטש „פּייערלעך״. די סיבה פון איר אָפּ־שווייגן וואָלט באַשטאַנען אין דעם, וואָס די ווערטער „פּייערלעכע זיצונג״, ווייל זי הערט זיי אַלע יאָר אין פאַרבינדונג מיטן אָקטאָבער־יום־טוב, האָבן זיי פאַר איר ניט בלויז איין טייטש, נאָר אָן אַ שיער זייער וויכ־טיקע און טיף־האַרציקע טייטשן, גאָרניט אַרויסצוזאָגן זיי.

צו דער פּייערלעכער זיצונג, שטעלט זי זיך פאָר, מוז איצט אין קלוב זיין שוין איינמאָל לויכטיק. זי געדענקט נאָך פון אינדערפרי, ווי דער דירעקטאָר האָט אין קאָנטאָר ביים טיש גאָר פיין איינגעקנעלט מיטן עלעקטראָ־טעכניק מישא סטאָליאַרעווסקין, אַז היינט אין אָוונט און אַ גאַנצע נאַכט זאָלן ביי אים ניט זיין קיין שום „ערעסעטשקעס״ מיט דער עלעקטראָ־דינאַמאָ און מיטן טראַקטאָר, וואָס דרייט זי. „פּייערלעך״, קען מען ביי ריווען פועלן, איז די טייטש, אַז ביים אַריינ־קומען איצט אין אָוונט אינעם איבערגעפּולטן, מיט שיין פאַרגאָסענעם קלוב זאָל דיר זיין לויכטיק ניט בלויז אין די אויגן, נאָר אויך אין האַרצן, און ניט עס זאָל דיך דאָרט פּיקן, הלמאי האָסטו ניט אָפּגעטאָן דיין יערלעכע אַרבעט, ווי עס דאַרף צו זיין.

פּייערלעך טוט ריווע באַנייס זיך אַ וואָרף אויפ־ראַמען דאָס גרויסע קאָנטאָר־צימער, ווי נאָר חוהלע וואָרטמאַנס יינגל שלעפּט פון דאָרט אַרויס זיין פעטער דעם דירעקטאָר אינאיינעם מיט די פּאָר מענטשן, וואָס

גייען אים כסדר אַלץ נאָך. איצט וועט זי די קאָנטאָר לאָזן, זי זאָל אויף אַ גאַנצן אָוונט בלייבן „פּייערלעך״ איינע אַליין — אויג אויף אויג מיטן יום־טוב, וואָס זי האָט אין איר אַריינגעבראַכט — זי וועט אָוועקלויפן אין נאָענטן בעדל.

פּייערלעך פּליסט אין איר דאָס בלוט, בעת זי טוט זיך דאָרט געשווינד אַ פּאָרע אויס, אַ שווענק אָפּ, אַ וואַש און אַ צוואָג אויס. אין דער נאָז שמעקט איר מיט דער זייף, מיט וועלכער זי האָט זיך אָקאָרשט־אָ גע־זייפט אין בעדל, און מיט די פאַרשידענע זייפן, מיט וועלכע עס האָבן זיך אָקאָרשט־אָ געזייפט די אַרומיקע מענטשן.

ווען זי קומט נאָכדעם אין יום־טוב־פּאַרפּוצטן קלוב אַריין, איז איר שוין ווייט ניט גרינג זיך אַהין אַריינצו־שטופּן — עס שוויצן דאָרט די ווענט. עס שטופּן זיך אינאיינעם מיט איר מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט. די טירן, וואָס פירן אַריין גלייך פונעם פינצטערן דרויסן, בלייבן אַלעמאָל אָפן אויף אַ מינוט און מער. ווי אַ דאַמף פּליסט דאַן די פראָסטיקע לופט אַהין אין דער סאַמע לויכטיקייט אַריין, וואָס שטראָמט איבער קעפּ פון דער רויט־אָנגעטאָנענער בינע, און ריווע, בעת זי שטופּט זיך אַהין, זעט אויס אין אירע אייגענע אויגן פונקט אַזוי גרינג, ווי אָט דער דאַמף. און אין דער־אָ רגע ווערן ביי איר די געדאַנקען און די געפילן עפּעס טיפער און קלאָרער, ווי אַלעמאָל. און אַליין גלייבט זי זיך ניט, אַז דאָס, וואָס זי זעט אַרום זיך, קומט פאַר אויף דער אמתן, — ווייל, ווי קען עס דען געמאָלט זיין, אַז אַלץ, וואָס אויף דער גאַנצער וועלט אין פאַראַן ליבס און וויכטיקעס און פריינטלעכס, זאָל זיך עס איצט איינ־איינעם מיט איר האָבן אַריינגעקוועטשט אַהער אינעם גייעם קלוב, וואָס מען האָט אויסגעבויט דאָ אויף דער

פּראָװאָ־סטאַנציע אין מיטן דער פּוסטער טײַגע? און אין דער זעלבער צײַט איז איר קלאָר, אַז עס איז פּאָרט אױף דער אמתן — די פּאָרטרעטן אַרום דער רױט־באַהאַנגענער טריבונע, צו װעלכע זי קוקט מיט אױס־געגלאָזט־גלאַנציקע אױגן פֿון אַ כּלה אונטער דער חופּה, זײַנען פּאָרט לעניִנס און סטאַלינס פּאָרטרעטן, און זי, ריװע פֿון הינטער מינסק, פֿילט פּאָרט, אַז מיט איר אָפּגעטאָגענער אַרבעט קער זי זיך אָן מיט זײ עפּעס, װי קרובֿים, און עס װערט איר פֿון דעם אַזױ גוט און אַזױ לײַכט, װי זי װאָלט ניט געװאױיגן גאָרניט און װאָלט דאָך פּאָרפֿולט מיט זיך דעם גאַנצן קלוב. זי הערט, װי אױף דער טריבונע — זאַלמענקע האָט דאָרט באַרװאָס פּאָרענדיקט דעם פּאָרטראָג — לײענט מען דאָס צעטל פֿון די פּרעמירטע אודאַרניקעס: מען רופֿט דאָרט אױך אָן איר נאָמען און דעם נאָמען פֿון איר טאַטן דעם שמיד. איצט פֿילט זי שױן אינגאַנצן קלאָר, אַז זי געפֿינט זיך אױף דער פֿײַערלעכער זיצונג, און װען עמעצער זאָל בײַ איר אין דער־אָ רגע אַ פֿרעג טאָן מבֿינות אױף דער פֿײַערלעכער זיצונג, װאָלט זי געװיס גלײַך געענטפֿערט:

— נו, יאָ, דאָס איז עס דאָך.

פערטער קאַפּיטל

.1

די מאכלים, וואָס מען האָט דערלאַנגט צו די טישן, זיינען געווען דורכאויס היגע, אייגענע.

די פיש האָט מען אַליין געכאַפּט אין דער נאָענטער פאַרשייטער בירזשקע, וואָס אַז זי צעגיסט זיך, האָט מען מיט איר צו זינגען און צו זאָגן.

דאָס קרויט האָט מען אַליין אַרויסגעצויגן פון דער ערד, אַליין געשאַטקעוועט און אַליין געזייערט איינאַיינעם מיט גרינע פּאָמידאָרן און מיט פּיצעלעך פייער־דיקע־רויטע פעפערלעך.

דעם ווייַן האָט מען אַליין אויסגעקוועטשט פון ווילדע טייגע־ווינטרויבן און אים געטאָן אַלערליי סגולות, כדי אַרויסצוטרייבן פון אים דעם ביי־טעם פון באַרשטש.

נאָר גראָד דאָס — אַז אַלץ איז דאָ אייגנס — האָט ניט באַמערקט קיינער אַחוץ דעם אַמעריקאַנער גאַסט, דעם פּראָפעסאָר קאַלמענס. — ער האָט זיך געוואונדערט, הלמאי קיינער וואונדערט זיך ניט.

דאָס איז געווען אינעם יום־טובדיקן אָקטאָבער־אָוונט אין נייעם קלוב אויף דער בירא־בידזשאַנער פּרואוו־סטאַנציע. מען האָט זיך פאַרהוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

דער ווייַן אין די גראַפינען, וואָס מען האָט צונויפּגעשלעפּט פון אַלע פּרואוו־סטאַנציע־אַנשטאַלטן, איז געווען שוואַרץ ווי טינט און שטאַרק ווי ספּירט, און ביי די טישן — צונויפגעשטעלט, ווי אַ „חית", און פאַר־

שפּרייט מיט אַלץ, וואָס קען דינען פאַר אַ סערוועט, — האָט מען וועגן דער משקה גערעדט, ווי וועגן עפּעס טייגעדיק־ווילדס, שיער ניט ווי וועגן דער פאַרשיי־טער ביריושקע, וואָס קען אָפּטאָן אַ שפּיצל, און מען דאַרף זיך דעריבער היטן.

— מען דאַרף אים טרינקען פון אונטן אַרויף, — האָט זעלמאַנאָוויטש פון זיין אָרט ביים מיטלסטן טיש אָן עצה געגעבן דעם עולם: אָנהייבן פון דער לעצ־טער גלאָז און נאָכדעם טרינקען אויף צוריק.

און איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן אים גע־פאָלגט, איז געווען ריוועס פאָטער, דער שמיד — אַ פעסטער פאַמעלעכער מענטש מיט פולע קאַרעלן־רויטע ליפּן און מיט זייער אַ ווייך אויסגעלייגט בערדל, וואָס זעט אויס פונוויטנס ווי שוואַרצע וואַטע. פאַרגאָסן מיט העלער עלעקטרישער שיין, האָבן זיינע לייכט אויס־געקוליעטע אויגן ניט אַזוי געשמייכלט, ווי געפינקלט מיט אַ פאַרב פון דורכגעלויכטענעם פיש־ביין. ער האָט עס צוריק מיט עטלעכע מינוט פאַרשטאַנען דאָ דעם דירעקטאָר וואָרטמאַנען אויפן וואונק און איז אַרויס־געגאַנגען אין דרויסן אַ קוק געבן, צי האַלט ניט, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, ביי אונטערפוציעווען דעם טראָטואַר, וואָס דרייט לעבן די שטאַלן די עלעקטראָ־דינאַמאָ.

איצט — ער האָט זיך נאָרוואָס אומגעקערט פון דער שטאָק־פינצטער — איז אים דאָ דער גאַנצער העל באַלויכטענער יום־טוב ווי מיטאַמאָל אַריין אין די אויגן.

אויסגערעדט דאָס וואָרט „צען" מיט כוונה פון אַ מענטשן, וואָס באַקלערט זייער גוט יעדע טועכץ, צו ווערלכער ער נעמט זיך, האָט ער איינצייטיק באַוויזן אָפּ־צוטאָן דריי זאַכן: אַ שאָקל טאָן פונוויטנס מיטן קאָפּ צום דירעקטאָר, אַז מיטן טראַקטאָר גייט צו בשלום,

איבערקערן די ערשטע פולע גלאָז צו זיך אין די צע־גומענע קאַרעלן־רויטע ליפּן און אַרויסלאָזן אַ טיפן קרעכץ:

— וואָ! . . . — זיין אַרויסגערוקטע אונטערשטע ליפּ האָט אָן ווערטער געזאָגט מבינות אויפן ווייַן: „ער קריכט אין קאָפּ אַרייַן".

און דאָ באַלד אַ צייל געגעבן „ניין", האָט ער שטייענדיקערהייט אויסגעשטרעקט די גלאָז, מען זאָל זי אים באַנייס אָנגיסן, כדי ער זאָל נאָכן אויסטרינקען ווידער קענען ענדיקן מיט אַ קרעכץ:

— וואָ!...גיסט מיר אָן די „אַכטע".

אַרייַנגעגאָסן אין זיך אויף אַזאַ אופן אַ היפּש ביסל שוואַרץ געטראַנק און אַ בעט געגעבן די אַרומיקע, זיי זאָלן אים פירן דעם חשבון, וויפל איז אים נאָך גע־בליבן ציילן ביז „איינס", איז דער שמיד אויף אַ רגע געבליבן שטיין מיט צוגעמאַכטע אויגן און אַ טראַכט געגעבן וועגן זיך, ווי אַ וועגן אַ מענטשן, וועלכער איז שוין „איין מאָל אַ מבין" אויף אַלץ, וואָס אַרום־און־אַרום אין לעבן טוט זיך, איז ער מיט פאַרלייגטע הענט אַרונטער אַוועק זיך צוקוקן, וואָס טוט זיך בכלל ביי די טישן.

— זעסט צי ניין? — האָט ער שטיל אַ בורטשע געטאָן. — אַלע גראַגערן גלאַט אין דער וועלט אַריין... אָן עסק!

שיכור איז ער פונעם אויסגעטרונקענעם ווייַן ניט געוועזן, נאָר אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער, דער שמיד פון דער פּראָווינציע, איז מיטאַמאָל געוואָרן עפּעס זייער און זייער אַ קלוגער, דהיינו: די גאַנצע וועלט וואָלט איצטער־אָ געמעגט אַנטשוויגן ווערן און אויס־הערן, וואָס ער, דער שמיד פון הינטער מינסק, קען דאָ באַלד אַ זאָג טאָן. ער האָט זיך פּשוט באַדאַרפט

איינהאַלטן, כדי ניט אַ געשריי צו געבן:

— שאַט!

צוגעשאַרט זיך אַזוי פּאַמעלעך צו די אויבנאָן־געסט און דערקענט דאָרט אינעם כאַקי־העמדל און אי־נעם קרעפּטיקן האַלדז־און־נאַקן דעם זיצנדיקן פּאַרטיי־טוער ראובן זעלמאַנאָוויטשן, האָט ער וועגן אים אַ טראַכט געטאָן ווי וועגן נאָך איינעם זייער אַ טיף־קלוגן מענטשן און אויך אַ גוואַלדאָוונעם מבין אויף אַלץ, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך. ער האָט זיך אָנגעבויגן, צוגעמאַכט די אויגן ווי צו אַ תפילה און אַריינגעשעפּטשעט זעלמאַנאָוויטשן אין אויער אַריין:

— מען וועט אַרבעטן נאָך בעסער, ווי מען האָט געאַרבעט.

— הלוואי! — האָט, אומקוקנדיק זיך און אויפ־הערנדיק צו זופּן דעם שוואַרצן ווייַן פון זיין גלאָז, צו־געשאָקלט זעלמאַנאָוויטש.

זעלמאַנאָוויטש האָט דאָ באַלד געמוזט עפּעס ענט־פערן איינעם פון זיינע שכנים ביים טיש, נאָר היב־טער זיינע פּלייצעס איז דער שמיד נאָך אַלץ געשטאַ־נען אַביסל אָנגעבויגן און נישט קאָנטעט מיט זיך, — עס קומט אויס, ווי ער איז אויסן געווען צו דערמאָנען, אַז זיין נאָמען שטייט דער ערשטער אינעם צעטל פון די אודאַרניקעס, וואָס מען האָט היינט נאָך דער פייער־לעכער פאַרזאַמלונג באַלוינט, דעמאָלט ווען אין דער אמתן איז דאָס גאָר ניט מער ווי אַ טראָפּעלע פון דעם, וואָס אים וואָלט זיך וועלן זאָגן.

איצט וואָלט ער שוין געוויס געוווען אַ געשריי גע־טאָן זייער ערנסט און הויך:

— שאַט!

נאָר גראָד אין דער־אָ רגע, בעת ער האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן זיך אויסגעגלייכט, האָט ער דערפילט,

ווי די גאַנצע קלוב־געביידע מיט די טישן און מיט די מענטשן טוט זיך צוויי מאָל זייער אַ שטאַרקן וויג אַט אין איין זייט, אָט אין דער אַנדערער זייט. עס באַקומט זיך, אַז די גאַנצע וועלט טרייסלט זיך און נאָר ער איינער — דער שמיד פון דער פּרואָוו־סטאַנציע דאָ אינמיטן דער טייגע — שטייט אויף זיינע געזונטע פיס זייער פעסט, ווי אַן אייזן. מער ניט, וואָס דער שכל ביי אים אין קאָפּ ווערט עפּעס מיטאַמאָל ווי אויסגעלאָשן און ער הערט אויף צו וויסן, וואו געפינט ער זיך און וואָס איז מיט אים ביז איצט געווען און בכלל — ווער איז ער?

געעפנט צוריק די אויגן און דערזען, אַז דער קלוב וויגט זיך מער ניט — טומלענדיקע מענטשן אַרום די פאַרשפּרייטע טישן ציען זיך מיט די הענט צו די פלעשער ווייַן און צווישן אַלערליי פריילעכע קלאַנגען הייבן זיך אָן אויסצוטיילן טענער פון אַ קאָנצערטינע — האָט ער איינס־און־צוויי ווידעראַמאָל באַנומען וועגן זיך, אַז דאָס איז ער, דער שמיד פון דער פּרואָוו־סטאַנציע, ריוועס פאָטער, וועמענס נאָמען מען האָט היינט אויסגערופן צווישן די באַלוינטע אודאַרניקעס, און אַז היינט איז יום־טוב — דער פופצנטער אָקטאָבער־יום־טוב!

דער איינדרוק פון די ערשטע דריי־פיר אָקטאָבער־יום־טובים איז, דעם אמת געזאָגט, מיט דער צייט אַביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרן ביים שמיד אין זכרון, — ניט אַלע האָבן נאָך דעמאָלט געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי זיינען. דערפאַר אָבער האָט ער יעדן פון די ווייטערדיקע אָקטאָבער־יום־טובים געדענקט זייער גוט, ווי מען געדענקט נאָענטע באַקאַנטע, יעדן מיט זיין באַזונדער פּנים. אַן אודאַרניק איז ער שוין געווען אויך אינעם ביישטאָטישן קאָלווירט הינטער מינסק, פונוואַנען ער איז אָקאַרשט מיט אַ חדשים אַכט אַהער

געקומען. מיט יעדן אָקטאָבער־יום־טוב האָט ער זיך דאָרט אָנגעקערט אַ נאָענטער מחותן, און ווער שמועסט שוין פונעם איצטיקן, פופצנטן, אָקטאָבער־יום־טוב דאָ אויף דער פּרואָוו־סטאַנציע — אייגן בלוט!

און טאָקע וועגן דעם האָט איצט אויסגעטרונקע־נערהייט אַ טראַכט געטאָן דער שמיד. צוגעמאַכט דער־ביי באַניס די אויגן און זיך אויסגעגלייכט, האָט ער אויפגעהויבן אין דער הייך אַ האַנט און מיט אַן אויס־געצויגענעם פינגער אַ וואָרף געטאָן:

— עס וועט אַ רוח אין טאַטן!

ווען ווערנט וואָרנט ער, איז אים ניט געווען אינגאַנצן קלאָר, נאָר אַז אויף דער וועלט זיינען פאַראַן אַזוינע, וועמען עס קומט און מען דאַרף, עס זאָל זיי אַ רוח אין טאַטן, — אין דעם איז ער געווען זיכער.

שוין.

מער האָט אים אינווייניק ניט געבורבלט אַזוי שטאַרק, ער זאָל אַ געשריי טאָן „שאַט!" מיט „עס וועט אַ רוח אין טאַטן!" האָט ער אין אַ געוויסער מאָס יוצא געווען דאָס, וואָס אים האָט זיך געוואָלט זאָגן, — ער האָט געחלשט טאַנצן. צו זיינע אויערן האָבן מיט פיל קולות אַ שטראָם געטאָן די ווערטער פון אַ יידיש לידל, וואָס מען זינגט אַרום זעלמאַנאָוויטשן און מען האַקט עס אַלע מאָל איבער מיטן רעפּרעזן אויף רוסיש:

„אַך! כּאַראָשאַ זשיזן נאַשאַ סאָוויעטסקאַיאַ!"

אַ זוך געטאָן עמעצן מיט די אויגן צווישן יענע, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַרום די זינגענדיקע, און דערזען אַקעגן זיך דאָס אומבאַקאַנטע פּנים פונעם אַמע־ריקאַנער פּראָפעסאָר קאַלמענס, האָט ער צו אָט דעם פרעמדן בירגער אַ מאַך געגעבן גוטמוטיק און דאַך ווי אויף רייצן זיך:

— אַהאַ!

און אים האט זיך זייער פאַרוואָלט אַרויספּאַמפּען פון זיין טיפן אינווייניק דעם תמצית פון אַט דער „כאַ־ראַשאָ זשיזן נאַשאַ" — אַרויספּאַמפּען אים אין טאַנצנ־דיקן ברען, אויסאַרבעטנדיק דערביי אַלערליי בריהשע קונצן מיט זיינע פיס, וואָס אין די ענגלעכע נייע כראַ־מאָווע שטיוול. טאַקע דערפאַר, האָבנדיק פלוצים דער־הערט קאָנצערטינע־קלאַנגען פונעם ווייטן עק טיש, האָט ער אויף גיך אַהין אַ שזועב געגעבן און מיטאַמאָל פאַר־געסן אָנעם שעמעוודיק־שמייכלענדיקן פראָפעסאָר.

— היי! — דער שמיד האָט דערפילט, ווי די הענט צענעמען זיך ביי אים ווי פליגל. — שפּילט!

נאָר ביים ווייטן עק טיש האָט מען עפּעס ווי גאָר־ניט דערהערט זיין קול. אויף דער קאָנצערטינע האָט דאָרט געשפּילט דער זאַאָטעכניק ניקאָלאַי פּטאַשניקאָוו — אַ העל־האָריקער יונגער חברה־מאַן, אַ געראָטע־נער פּאַכמאַן און זייער אַ גוטער בטבע. לאַנגוואויקסיק און מאָגער, מיט אַ קליין מויל, וואָס באַשטייט ווי בלויז פון אַ שפּאַלט אָן ליפּן, און מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן פון אַ גרויסן מנגן, האָט ער אַלץ ברייטער און ברייטער צענומען די לעפלעך פון זיין קורצער נאָז און ממש זיך ווי איינגעשמעקט אין די ריינע טענער, וואָס ער ברענגט אַרויס פון זיין פילקאַנטיקן אינסטרומענט. געווען איז ער ניט אַזאַ געניטער קאָנצערטינע־שפּילער ווי אַ ליבהאָבער — כאָר־מייסטער. אַרום אים זיינען דאָ געשטאַנען דער עיקר יענע, וואָס זינגען אין זיין קליינעם וואָקאַלן קרייזל, און געהאַלטן האָט ער גראָד אינמיטן איינשטודירן מיט זיי איינעם אַ יידישן טיש־ניגון — אַ ניגון, וואָס ער האָט אָנומלטן געגנאַשט ביי ראובן זעלמאַנאָוויטשן. דעם שמיד, בעת ער איז אַהער צוגעקומען, האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן אַט דאָס גאַנצע בילד: באַ! אַ רוסישער! אַזאַ ספּע־

ציאַליסט אַ זאַמעכניק דאַרף מען זוכן, אַזוי זאָגט מען. דאָס ייִדישע ווייבל זיינס איז דווקא ניט אַזאַ איי־איי־איי . . . אפילו אַ גאַנץ שיינע, נאָר אַ שטענדיק־אויסגעפּוצטע „לײדיקגייערין אויף הויכע אַפּצאַסן". אַלע מאָל טראַכט זי זיך אויס אַ נייעם חלום, כדי אַוועק־צופאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן אין ראַיאָנעם שפּיטאָל. און בכלל . . . אַלע אויף דער פּראָוו־סטאַנציע ווייסן, אַז ווען ער קומט מיטיק־צייט אַהיים פון דער אַרבעט, טרעפט ער זי אָפטמאָל נאָך אין בעט און מוז אַליין אויפראַמען און אויף גיך עפּעס אָפּקאָכן. און פונדעסט־וועגן זע נאָר, ווי אים, דעם רוסישן, גייט איצט דאָ אין לעבן אַריין, מען זאָל אים דאָ נאָכזינגען ריכטיק דעם ייִדישן ניגון, וואָס ער שפּילט אויף דער קאָנצער־טינע! — אַלע מאָל, ווען עמיצער פון די נאָכזינגענ־דיקע פאַרקריכט אין „אוליסיע", פאַרקרימט ער זיך, צוקלאַפּנדיק זייער שטאַרק מיט אַ פוס, און עס איז ממש צו זען, אַז איבערטראָגן פון אַ צרה אַ ווייב איז אים מער ניחא ווי צו דערהערן אַ פאַלשן טאָן.

— אַ! אים האָב איך ליב, — האָט דער שמיד מיט אויסגעשטרעקטע הענט זיך אַ לאָז געגעבן אַרומ־נעמען דעם זאַמעכניק.

נאָר גראָד אין דער־אָ רגע איז אים זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן נאָך עפּעס: לעבן די יונגע זינגענ־דיקע מענטשן האָט ער דערזען זיין ריווען און דעם יונגן רימער עלי באַרשט, ווי זיי שטייען גאַנץ סטאַ־טעטשנע איינער אַקעגן אַנדערן — שוין אפילו צופיל סטאַטעטשנע. דער שיינער געזונטער יאַט האָלט אַלץ אין איין רעדן צו ריוועז, דעמאָלט ווען זי הערט ניט אויף אַרויפצוקוקן צו אים פון אונטער אַנגעברוגזטע ברעמען. עס באַקומט זיך, ווי מיט איר בליק וואָלט זי זאָגן: „איך הער, איך הער, וואָס דו רעדסט, נאָר

צי מען מעג דיר גלייבן, — דאָס וועט מען נאָך זען".
און אירע בייזלעך צוגעשלאָסענע ליפּן טוען דאָך פון
מאָל צו מאָל אַ ציטער, ווי ביי אַ כלה, וואָס קוקט אויפן
חתן.

— ריווע! — דער שמיד האָט זיך אַ לאָז געגעבן
זי אַרומנעמען און אויף קרעדיט שוין אַרומגענומען
אויך דעם יונגן רימער. — טאַנצן!

עס איז גראָד געווען די סאַמע העכסטע צייט דער־
רויף. דורכאויס ביי די טישן האָט דער צעצויגענער
טיש־ניגון אומדערוואַרט גיך זיך איבערגעגאָסן אין אַן
אייליק־אימפּעטיק פריילעכס. אונטערגעכאַפּט דאָס צע־
פלאַקערטע געזאַנג, האָט די קאָנצערטינע זיך אַהין
אַ לאָז געטאָן איינאיינעם מיטן זאָאָטעכניק, וואָס שפּילט
אויף איר. די בענק און די בענקלעך האָבן געגעבן אַ
פּאָר אָפּ צו די ווענט. קעפּ און אַקסלען האָבן זיך
צעהעצקעט, נאָך אײדער די מענטשן, צו וועלכע זיי
געהערן, האָבן באַוויזן אויפצושטיין פון די ערטער אַרום
די טישן. הענט האָבן זיך געהויבן אין דער הייך, ווי
אויף צו שעפּן פרייד פון ערגעץ אויבן, פון העכער און
פון נאָך העכער און באַוואַרפן מיט איר, ווי מען באַ־
וואַרפט מיט בלומען אַ חתן, דעם זקן לעוו איזראַילע־
וויטשן בעניומאָוויטשן. אַלע האָבן געוואָלט זען, וואָס
אַזוינס טוט ער אינמיטן דער מענטשן־ראָד, אָט דער
באַוואוסטער געלערנטער, וואָס האָט איבערגעלאָזט אין
כאַרקאָוו אַ קאַטעדרע און איז געקומען אַהער צו דער
סאָוועטיש־יידישער בויאונג אינמיטן דער טייגע. ער
האָט דאָרט פּשוט געטאַנצט דער אַלטער. מיט יעדן
טופּ פון זיינע פיס האָט ער ווי אויסגעקלאַפּט דעם טעם,
וואָס ער פילט דאָ אין דער בויאונג:

— אַ מחיה! אַ מחיה!

אים האָט מען ראָד־אַרום צוגעפליעסקעט. אַראָפּ־

קוקנדיק צו זיינע פיס, ווי צו עפּעס וואונדערלעכס, האָט מען געבראַכן פּיסקעס, כּדי צו פֿאַרהאַלטן אין די אויגן די נחת־טרער, און ניט געפֿילט, ווי מען ווערט אָט־אָט אַרויסגעשטויסן פֿון דער אַלץ־מער אָנוואַקסנ־דיקער מענטשן־ראָד. אַקעגן דעם פּראָפֿעסאָר האָט דער שמיד זיך געטראָגן מיט אַ טאַנץ פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט אויף דער וועלט עמעצן־וועמען צו וואַרענען:

— עס וועט אַ רוח אין טאַטן!

און אַרוםביידע האָט, ווי אַ וויכער, זיך אָוועקגעלאָזט דער יונגער אַגראָנאָם פּעטיא באַראַווסקי, וועלכער האָט קינדוויז גאָר ניט געוואוסט, אַז ער איז אַ ייד — מיט רוסישע „פּריסיאַדקעס“. אויפֿגעהויבן אין איין הויך אויסגעצויגענער האָנט די קאָנצערטינע, וואָס האָט זיך צעצויגן ווי ווײַט אירע קנייטשן האָבן דערלאָזט, און אַראָפּגעזעצט זיך נידעריק צו דער פּאָדלאָגע, האָט, טאַנצנדיק, זיך צעהוליעט דער זאָטעכניק פּטאַש־ניקאָוו. מיט אויפֿגעלייגטן צופֿליעסקען זיי אַלע האָט יוצא געווען ראובן זעלמאַנאָוויטש, און עס האָבן ניט געהאָלפֿן די קולות, וואָס עטלעכע אַרטיקע טוער האָבן דריי מאָל אַרויסגעלאָזט פֿון זיך, אַלע מיט איין אָטעם און מיט איין ריטם:

— חבר זעלמאַנאָוויטש! חבר זעלמאַנאָוויטש! חבר זעלמאַנאָוויטש!

באַטייט האָט עס: זאָל איצט אום יום־טוב טאַנצן מיט אונדז יענער, וועמען די פּאַרטיי שיקט אַהער אַראָפּ אַלע מאָל, ווען אונדז דאָ איז שווער. נאָר זעלמאַנאָוויטש האָט אַלץ שמייכלענדיק זיך אַרויסגעדרייט.

— אין געדאַנק טאַנץ איך אָפּטמאָל איינער אַליין, ווען קיינער זעט ניט, — האָט ער געענטפֿערט הוהלע וואָרטמאַן, — גלייב מיר.

און דאָ דערביי איז געשטאַנען דער פּראָפֿעסאָר

קאַלמענס און האָט צוגעקוקט, ווי אַרום אים צעפּלאַ־קערן זיך מענטשן אַלץ מער און מער. אויפגעהויבענע הענט ציען זיך העכער און העכער, און אין געמיש פון ברענענדיקן טאַנצן היפּען און טופּען טראַקטאָריסטן און וויסנשאַפטלער, אויפראַמעריגס און אַגראָנאָמען, מעלקערינס און אָנגעשטעלטע, מאַנצבילן און פרויען, יידן און רוסן.

דעם פּראָפעסאָר קאַלמענס איז בפירוש זייער געפעלן געווען, ווי אַזוי די מענטשן פאַרברענגען דאָ דעם אָקטאָבער־יום־טוב.

— זאָגן דעם אמת, — האָט ער זיך מודה געווען פאַר חוהלען וואָרטמאַן, — עס געדענקט זיך עפּעס גאָר־ניט, אַז מענטשן זאָלן זיין אַזוי־אַ פריילעך און דערצו נאָך זאָל דערביי זיין אין דער פריד אַזאַ זינען.

פון אָנהייב אָוונט אָן איז ער דאָ ניט אָפּגעטראָטן פון יעווא מאַיסייעוונא און מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ געפילט אין איר די שיינקייט פונעם יונגן בחורל שימ־לען, פונקט ווי אין וואַלד לעבן די האַלץ־פאַרגרייטער און אין קאַלווירט לעבן דער טונגוסקע האָט ער אין שימלס פנים געפילט איר, חוהלעס, שיינקייט.

עס איז גענוג זי זאָל דאָ אַ וואָרף געבן אויף אים דעם סאַמע קורצן בליק, ער זאָל זיך דערפילן גע־פלעפט פונעם שוואַרץ אָנגעטוענעם יום־טוב אין אירע אויגן און אפילו פון די דין־פאַרצווייגטע בלוט־רויטע אָדערלעך, וואָס אין די ווינקלען פון אירע באַזונדער גרויסע גלאַנציק־ריינע ווייסלעכער.

אַלע מאָל האָט ער געגעבן צו איר אַ רעד און אַ שעמעוודיקן קוק. אָפּגעשוויגן אַ ווײַלע, האָט ער ווידער געטאָן דאָס אייגענע, ניט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט גאָר בשעת־מעשה פריילעכערהייט געענטפערט עפּעס עמעצן פון די אַרומיקע און וואָס די גאַנצע צייט

האָט ער פאַר זיך געזען ניט מער ווי איינס אירס אַ רויט־אָנגעצונדן אויערן־לעפל. אויסגעקומען איז, אַז בלויז אין אָט־דעם צעפלאַקערטן אויערן־לעפל האַלט זיך אויף דער ערנסט, מיט וועלכן זי הערט אויס זיינע ווערטער, דעמאָלט ווען אינגאַנצן איר פּנים — דאָס חנעוודיק־ברוינס, כמעט דרייעקיקס — קער גאָר צום גאַנצן עולם דאָ און בלייבט פריילעך־צופרידן צי פֿור־נעם יום־טוב צי פונעם נייעם סאָרט קאָרן, וואָס איר איז אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן געלונגען אַרויסצוקריגן ביז אָט־דעם יום־טוב.

נאָר דער פּראָפעסאָר קאַלמענס איז בפירוש געווען איבערגליקלעך שוין בלויז פון דעם, וואָס ער קען דאָ איצט זיצן לעבן איר, און פון דעם, וואָס בכלל . . . — דער גאַנצער עולם געפעלט אים דאָ אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט גאָר דערויף קיין ווערטער ניט.

ער האָט פון שטענדיק אָן געהערט צו יענע מענטשן, וואָס ריידן זייער ווייניק, נאָר טראַכטן טראַכטן זיי אפשר פיל מער איידער אַנדערע באַרעדעוודיקע. די געדאַנקען וועגן זיך אַליין זיינען ביי אים געווען, זינט ער גע־דענקט זיך אין אַמעריקע, פאַרנעפּלט און אומקלאָר: איינער אַליין צווישן מיליאָנען און מיליאָנען טראָגט דאָרט דורך זיין לעבנס־קנייטל ער, פּראָפעסאָר קאַל־מענס. דער עיקר יאָרן זיינען אים אַוועק אין יענעם לאַנד, אַ לאַנד, וואו פרייהייט הייסט: פריי איינשליי־גען איינער דעם אַנדערן. און כאָטש אויף זיין לעבנס־וועג האָט ער דאָרט קיינעם ניט אָנגערירט, דאָך לעבט נאָך אין זיין זכרון פון דער אַמאָליקער היים: „מיינס איז מיינס, און דיינס איז דיינס — דאָס איז אַ מידה פון סדום“. אַך, דו פאָטער האַרציקער! אַז מען וויל, קען ער זיך פאַרגלייכן מיט אַ פּאַסאַזשיר אויף אַ שיף אינ־מיטן וועג אינמיטן ים — מיט אַן עלנטן פּאַסאַזשיר,

וואָס קען גאָר אפילו ניט די שפּראַך פון די איבעריקע פּאַסאַזשירן. אין באָרט קלאַפּן די כוואַליעס — אַמאָל קליינע, אַמאָל גרויסע, הויכע, ווי בערג. און ווי אויף אַ שיף אינמיטן ים, שווימען אין אים אָט אויף די געדאַנקען זיינע און אָט זינקען זיי אין אים איין, ווי אין כוואַליעס.

אויך איצט וואָלט ער זיינע מחשבות בשום־אופן ניט געקענט אַרויסברענגען פון זיך. אַוודאי האָבן זיי אַ שייכות צו דעם, וואָס אָט: דאָס לעבן האָט אים געלייטזעליקט און אים געבראַכט אַהער צו חוהלען. און אָט זיצט ער איצט דאָ לעבן איר און טוט אַלע מאָל אַ קוק אויף איר פייערדיק־רויטן אויערן־לעפּל מיט אַזאַ געדאַנק אין פאַרשטאַרבענעם האַרצן און מיט אַזאַ נחת, וואָס זי איז אויפן איין־און־פערציקסטן יאָר פון איר לעבן פּונקט אַזאַ, ווי ער האָט זי געטראָפן — אַ ווּאוילע!

צי ווייסט ער דען ניט, אַז פון אַלע טרוימען, וואָס האָבן אים אַהער געצויגן, האָט זיך געקענט אויסלאָזן אַ בוידעם? ער געדענקט שוין ניט, צי האָט ער ערגעץ געלייענט אָדער עמעצער האָט אים דערציילט אַן ענ־לעכע געשיכטע, ווי אַזוי איינעם האָט אַלע יאָרן מסוכן געצויגן זיך באַגעגענען מיט יענער, אין וועלכער ער איז יונגערהייט געווען פאַרקאָכט, און ווי אַזוי ער האָט נאָכדעם ביים באַגעגענען זיך מיט איר זיך פאַרשאָלטן דאָס געביין, ווייל, ערשטנס, האָט ער דערזען אין איר עפּעס גאָר ניט דאָס, וואָס ער האָט געדענקט . . . עפּעס ווי פון אַ שרפה . . . און צווייטנס, איז זי די גאַנצע צייט געזעסן אַקעגן אים זייער אומעטיק און אַלעמאָל, ווען זי האָט געטאָן אַ זיפץ, האָט ער ניט געוואוסט, צי דאָס באַדויערט זי, הלמאי האָט זי מיט אים אין איר יוגנט ניט חתונה געהאַט, צי אפשר באַזיפצט זי גאָר

דעם מאַן אירן, וועלכער איז איר ניט לאַנג געשטאָרבן.

ניין, ווייט פון דעם אַלעמען איז געווען חוהלע. זי איז געבליבן פונקט אַזוי פריש, קרעפטיק און ווייניק געעלטערט, ווי ער, פראָפעסאָר קאַלמענס, וועלכער זיצט דאָ לעבן איר מיט ראָז־פאַרביקע בעקעלעך, מיט גע־ציילטע גרויע האָר אינעם פינקטלעכן צוגעשווירענעם כמעט לויכטיקן בערדל און מיט פולע ממש יונגע ליפּן, וואָס אַז ער האַלט זיי צוגעשלאָסן, מאַכט ער מיט זיי דעם איינדרוק פון אַ מענטשן באַלד נאָך ענדיקן אַ מאָלצייט — פון אַ מענטשן, וואָס האָט געגעסן מיט מאָס, ניט צופיל און ניט צו ווייניק און קען טאָן ווײ־טער זיין אַרבעט.

אָבער ניט נאָר אַדאַנק דעם אַליין האָט ער זיך דאָ געפילט געלייטזעליקט דורכן לעבן.

ווי אַן אָפּפרישנדיק און יונג מאַכנדיק געזאַנג, האָט זיך אָפּגערופן ביים פראָפעסאָר קאַלמענס אין האַרצן די פאַרבראַכטע אָקטאָבערישע יום־טוב־נאַכט לעבן חוהלען און לעבן די מענטשן אַרום איר דאָ אויף דער פּרואָוו־סטאַנציע. און ווייל אָט די מענטשן זיינען אים כמעט אַלע ביז איינעם געווען זייער און זייער געפעלן, האָט זיך באַנייס געשטאַרקט אין אים דער חשק צו באַהעפטן זיך מיט זיי דורך זיין פּלאַן וועגן אַ פּרעכ־טיק פּאַרק־שטעטל לעבן דער טונגוסקע — וועגן אַ שטעטל אַ טרוים, וואו יענע, וואָס וועלן אַראָפּקומען מיט אַ מעבל־פאַבריק פון אַמעריקע, און יענע, וואָס אַרבעטן דאָרט אין קאָלווירט, וועלן שאַפן און לעבן אין איין בשותּפותדיקער קאָמונאַלערווירטשאַפט און מיט דעם דערווייזן, אַז ס׳איז מעגלעך צו שאַפן אַ גן־עדן דאָ אויף דער וועלט.

מיט אָט דעם געדאַנק איז דער פּראָפעסאָר קאַל־מענס ביי שאַריען אויף טאָג אַוועק פון דער שמחה

אין קלוב. אמת, פונעם געדאַנק איז אים נאָך אַלץ ניט אַרויס, ווי אַזוי דער פּראָפעסאָר בעניומאָוויטש האָט אים נעכטן אַ זאָג געטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געקענט הייסן: אויב אפילו ניט קוקן אויפן פאַרגעלייגטן פּלאַן ווי אויף אַן אוטאָפּיע, בלייבט דאָך איינצוזען אין אים עפּעס פאַנטאַסטישעס. אויך דער פּאַרטיי־טוער זעל־מאַנאָוויטש האָט שמייכלענדיק אַ מאַך געטאָן:

„דאָס איז פון דער אוטאָפּיסטישער סדרה". נו, מילא . . . איז וואָס? איז זאָל דאָ צווישן אַלע ישובים זיך געפינען איינער אַ פון דעם אַרט. דווקא אין אַזאַ ישוב, קלערט דער פּראָפעסאָר קאַלמענס, וואָלטן ניט ווייניק מענטשן חשק געהאַט זיך צו באַזעצן, און ווער ווייסט? מעגלעך, אַז אַהין וואָלט מיט דער צייט אַרי־בערגעפאָרן פון אַמעריקע אויך ער, דער פּראָפעסאָר קאַלמענס. סוף־כל־סוף איז ער איינער פון יענע, וואָס דעם סאָוועטישן לאַנד קענען זיי באמת מיטפּילן. ער האָט מיט גרויס מי קוים־קוים זיך אַרויסגעדראַפּעט פון טיפן דלות און האָט, ווי דער אמת איז, אָנגעהויבן איבערצולעבן עפּעס היימישעס, ווי נאָר עס איז אַהער אַריבערגעפאָרן איבער דער גרענעץ. מיט אַ באַזונדער גלויבן האָט ער דאָרט דערלאַנגט דעם ערשטן סאָוועטישן קאָנטראָל זיין אַמעריקאַנער פּאַס. מיט גלויבן וועט ער פונדאַנען אַוועקפאָרן מיט זיין פּלאַן קיין מאָסקווע — ער האָט אַן אידייע: ער וועט פאָרלייגן, אַז די פּרואָוו־סטאַנציע זאָל נעמען שעפּטום אויפן ישוב מיט דער געמישטער ווירטשאַפט לעבן דער טונגוסקע. די פּרואָוו־סטאַנציע, זעט ער, ציט אויף שטאַרקע טוער סיי פון פּראָסטע מענטשן סיי פון וויסנשאַפטלער — פון אַזעלכע, ווי חוהלע . . .

.2

אין אַזאַ צושטאַנד — אַ צושטאַנד פון אַ מענטשן,

וואָס טרעט אַריבער די שוועל פון אַ באַשאָטנט לעבן אין אַ העל־זוניקן, — האָט דער פּראָפעסאָר קאַלמענס אויף מאָרגן אײַנדערפרי זיך אויפגעכאַפּט אינעם קלייי־נעם צימערל ביים בוכהאַלטער אין דער היים, וואו מען האָט אים אײַנגעשטעלט אויף קוואַרטיר.

דורך דעם אָפענעם פענצטער־פאָרטל האָט גלייך פאַרשמעקט מיט דערוואַרעמטע ריחות פון דער נאָענ־טער טייגע. עס איז געווען אַ לויכטיקער און זייער געראָטענער יום־טובדיקער טאָג אויף דער פּראָווו־סטאַנציע, און דעם אויער האָט זיך איבער עפּעס גע־דאַכט, אַז עמעצער האָט נאָרוואָס אויפגעהערט צו זינ־גען און מוז באַלד אָנהייבן זינגען נאָכאַמאָל.

דער פּראָפעסאָר האָט ניט באַוויזן צו ענדיקן זיין איבערבייסן, ווי אַהער איז געקומען צו לויפן יעזוואַ מאַיסייעוונאס יינגל און האָט איבערגעגעבן, אַז די מו־טער בעט אים אַרײַנקומען אין קאָנטאָר — זי וואַרט דאָרט.

אַרום עלף אַזייגער, ווען דער גאַסט האָט זיך אָנ־געטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, האָט ער זיך דאָרט שיער ניט אָנגעשטויסן אויף עטלעכע יונגע מענטשן, וואָס שפּילן, ווי אום זומער, אין „גאָראָדקי“ און באַגעגענען מיט זייער אַ פריילעכן גוט־יום־טוב די אויפראַמערין ריווען. מען צערעדט זיך מיט איר וועגן דער נעכטיקער שמחה אין קלוב, און מען קוויקט זיך אַ ווײַלע מיטן געראָטענעם טאָג אין דרויסן גראָד היינט

— אום יום־טוב.

— ס'אַראַ זוניקער טאָג!

— דער שניי צעגייט זייער גיך און אויף דער זון ווערט מען אָפּגעברענט. ממש זומער! מען וואָלט גע־מעגט צעעפענען די פענצטער.

ביי דער אויסגעפּוצטער ריווען האָט טאָקע אַזוי

אויסגעזען דאָס פּנים, — ווי אין היינטיקן פריִען יום־טובדיקן פרימאָרגן וואָלט עס באַנייס אָפּגעבּרענט געוואָרן. זי האָט גלייך גענומען זיך באַטייליקן אין דער שפּיל.

„פיין", — האָט דער פּראָפעסאָר קאַלמענס ביי זיך אין האַרצן ממש אַ בענטש געטאָן אָט די פּשוטע פּיזישע איבונג, — „זייער פיין".

אין קאָנטאָר האָט ער געטראָפן ניט בלויז יעווא מאַיסייעוונאַ, נאָר אויך איר ברודער, דעם דירעקטאָר־וואַרטמאַנען, דעם אַלטן לעוו איזראַילעוויטשן און דעם פּאַרטיי־טוער זעלמאַנאָוויטשן.

ניט אַראָפּגעצויגן פון זיך די מאַנטלען, זיינען אַלע, חוץ יעווא מאַיסייעוונאַ, יום־טובדיק־לײדיקגײעריש געזעסן אַרום דעם גרויסן קאָנטאָר־טיש, און אין זייערע פּנימער איז געווען צו זען, אַז זיי זיינען אין דער־אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן נאָך עפּעס אַ מין לוסטיקן שמועס. ווער ווייסט, צי האָט מען דאָ נאָר־וואָס זיך ניט געווערטלט מכּוח דעם, וואָס „ביי קיין שום פּרוי, — ווי יעווא מאַיסייעוונא האָט אַנומלטן זיך אַליין מודה געווען, — איז ניט הפקר קיין פאַרליבטער אין איר מאַנצביל".

אַ ווײַלע איז מען אַזוי געזעסן מיט פּנימער, וואָס האָבן זיך נאָך ניט אויסגעגלייכט פון נאָך שמייכלען. נאָר אָט טוט דער גאַסט עפּעס אַ זאָג צו זעלמאַנאָוויטשן וועגן זיין פּלאַן, און מאָדנע ווערט צו קוקן אויפן אַלטן לעוו איזראַילעוויטשן. זיך איינגעהויקערט איבּעם דירעקטאָרס שטול, וואָס מיטן האַלב־קיילעכיקן אָנשפּאַר, און אַריינגעצויגן דעם קאָפּ איבּעם אויפגעשטעלטן קאָלנער פון זיין מאַנטל, באַקומט ער אַן אויסזען פון אַ דאָקטער, וועלכן מען האָט אַראָפּגעבראַכט צו אַ מת. איינס אַ ברוגזלעך אויג זיינס זוכט פּאַמעלעך אָפּ יעווא מאַיסייעוונאַ און מוסרט זיי אויס בלויז מיטן בליק:

„איי, קומט דיר אַריינליגן אַ חלק" . . . דעמאָלט טוען אירע דינע ליפּן קוים־קוים אַ ריב איינע די אַנדערע. אין די גרויסע ווייסלעכער אַרום דעם שוואַרץ־סאַמעטענעם יום־טוב, וואָס אין אירע אויגן, ווערט די לוסטיקייט פאַרדעקט מיט אַ שאָטן פון דרעמלענדיקער פאַרשמאַכטקייט, און אירע הענט טוען זיך אַ הייב אויף צו די אַרויפגעקעמטע גלאַנציק שוואַרצע האָר ביים נאַקן, ווי מיט דעם וואָלט זי געהייסן באַשולדיקן ניט זיך, נאָר די ווייבערשע האָר־נאָדלען, וואָס האַלטן זיך דאָרט שלעכט. דאָס זאָל הייסן: פאָרט אַ פרוי. דאָ באַלד נעמט זי אויפהייבן יעדן פון זיין שטול און בעטן, מען זאָל וואָס גיכער גיין צוגאַסט צו איר אַהיים.

פאַרוואָס זי בעט צו זיך צוגאַסט, ווייסן אַלע, כאָטש קיינער רעדט ניט וועגן דעם — מיט היינטיקן יום־טוב איז צונויפגעפאַלן איר אָנגענומען ווערן אין דער פּאַרטיי.

איצט גייט מען אַלע אינאיינעם מיטן גאַסט און מיט יעווא מאָיסייעוונאַ צום נייעם דירעקטאָר־שטיבל, וואו זי מיט איר ברודער וואוינען.

אין דרויסן איז אויף אַן אמת גאַנץ וואַרעם, שיער ניט זומערדיק. קאַפּענדיקע טראָפּנס כאַפּן אין זיך אַריין זוניק־שטראַלנדיקע פונקען, בעת זיי פאַלן פון די דעכער. די טראָפּנס ווערן דורך דעם ווי האַרטער, כמעט ווי שטיינדלעך, און קלאַפּן אויס די ריטמען פון פאַרשיידענע ניגונים, — יעדער דאַך זינגט זיך זיין באַזונדער לידל אָן אַ שטימע און אָן ווערטער.

דער צעגייענדיקער שניי שמעלצט זיך ווי ווייסער קוים פאַרבלויעטער ראַפינאַד, און עס שווינדלען דאָ און דאָרט אָנטפּלעקטע ערד־פלעקן, וואָס זעען אויס שוואַרץ ווי קוילן און דורכגעגעצטע מיט עפּעס זייער אַ פעטער זאַפט. אין ניט־פאַרדעקטן האַלדז־און־נאַקן,

אויב עס פֿאַלן אויף אים צו לאַנג די זוניקע שטראַלן, דערפֿילט מען ממש אַ ברי.

און אַרום־און־אַרום איז שטיל, ווי פֿאַר פּסח אויף אַ כוטאָר. פֿון אַ שאָטנדיק זאַרט, וואָס הינטער אַ פֿאַר־בייאיקער שטוב, טרעט פּאַמעלעך אַרויס עפּעס אַ צו גרויסער ווייסער האָן. ער שפּאַנט געהיט, ווי גלייך מען לאַקערט דאָ אויף אים פֿון אַלע זייטן. אין דער זו־ניקער לויכטיקייט אַריין רוקט ער אַלץ טיפֿער און טי־פֿער זיין קאָפּ מיטן צו לאַנגן בלוט־רויטן קאַם, וועלכן ער מוז אַלע מאָל אָפּוואַרפֿן אָן אַ זייט, ווייל ער פֿאַר־שטעלט אים די אויגן. אויב ער טוט נישט קיין קריי, איז דאָס דערפֿאַר, וואָס ער האָט ניט פֿאַר וועמען זיך אויסצופּיינען — ניטאָ אַרום אים קיין איין הון.

דאָס אַלץ דערגייט צום פּראָפֿעסאָר קאַלמענס ניט מער ווי אויף אַ האַלב צי אויף אַ דריטל. ער טראַכט מכוח דעם, וואָס אויב אין מאָסקווע, וואוהין ער פֿאָרט פֿונדאַנען, וועט פֿון זיין פּלאַן גאָרניט אַרויס, וועט אים דעמאָלט שוין אפֿשר מער קיינמאָל ניט אויסקומען אַהער אַראָפּצוקומען און ער פֿאַרברענגט, הייסט עס, איצט אין דער נאָענטקייט פֿון חוהלען דעם לעצטן טאָג.

דאָס פֿאַרטויבט אים אויף אַזוי פֿיל, אַז ער באַ־מערקט שוין אפֿילו ניט, ווען איז ער מיט אַלע אײַנ־איינעם אַריינגעקומען אינעם דירעקטאָרס נייעם שטיבל, ווען האָט מען דאָרט אויסגעטאָן די מאַנטלען אין קאָרי־דאָרל און ווען האָט מען אינעם פּראָסטלעכן מיט זון פֿאַרגאָסענעם עס־צימערל באַוויזן זיך אויסצוזעצן אַרום דעם יום־טוב־געדעקטן טיש, פֿון וועלכן דער אַוועקגע־שטעלטער כּיבוד קוקט, דאַכט זיך, אַביסל מיט פֿאַר־איבל, הלמאי האָט מען אים דאָ צו לאַנג געלאָזט וואַרטן.

פֿינף מענטשן טרינקען טיי, בייסן צו און קנאַקן גרויסע געטריקנטע צעדער־ניסלעך, ווער מיט אַ קנאַק־

ניסל און ווער — מיט די קרעפטיקע פינגער. פיר פון אַט די מענטשן זיינען היגע, סאָוועטישע, און דער פינפ־טער איז ער — דער פּראָפעסאָר קאַלמענס, — ער איז אַ גאַסט, אַן אַמעריקאַנער. אויך ער איז אַמאָל געווען אַ היגער, אַ רוסישער, און אויסגעמעקט ווערן גאָר אינ־גאַנצן פון זיין זכרון לאָזט זיך עס ניט.

אַמאַליק־היימיש זעט אים דאָ אויס ניט בלויז דער זודיקער ניקלנער סאַמאָוואַר אויפן טיש מיט דער טיי אין גלעזער, ניט אין קיין „טשאַשקעס", נאָר אפילו דער געוויינלעכער זוניקער פלעק — דער „וועזוריק", וואָס שפּרינגט דאָ אַרום פון וואַנט אויף וואַנט און פון פּנים אויף פּנים, ווייל פשוט — דאָ אין לאַנד האָט ער קינד־ווייז צום ערשטן מאָל זייער לאַנג נאָכגעקוקט אַזאַ „זייטשיק".

דער זונען־פלעק באַלויכט אַ האַלב פּנים ביים פּאַרטיי־טוער ראובן זעלמאַנאָוויטשן, בעת ער קוועטשט צו מיט זייער אַ שטאַרקער האַנט עטלעכע צעדער־ניס־לעך, ער פאַררייסט דערביי אַ קאַפּעלע דעם עלנבויגן, באַמערקט ניט, ווי אַרום זיין פעסטן ראָזן האַלדז צע־שפּיליעט זיך דערפון דאָס קעלנערל פונעם גרין־קאָר־טענעם העמדל, וואָס איז אויף אים פאַרצויגן מיט אַ מיליטעריש פּאַסיקל, און צעקנאַקט אַלע ניסלעך מיט־אַמאָל. ער האָט אַ פול מויל מיט געשמאַקע געטריקנטע יאַדערן, בעת ער ענטפערט לעוו איזראַילעוויטשן וועגן אַן עפּיזאָד אין די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פונעם פינפטן יאָר.

— איך געדענק. איך בין דעמאָלט געווען אַרעס־טירט אין קרעמענטשוג אינאיינעם מיט נאָך עטלעכע זיבעצניאָריקע ייִנגלעך.

און ווייל ער איז אין דער זעלבער צייט פאַרטאָן אין צעקוועטשן נייע ניסלעך מיט דער האַנט, באַקומט

זיך דעריבער, אַז זאָגן זאָגט עס ניט ער, נאָר דער זו־נען־פלעק, וואָס אויף זיין פּנים.

אויך דער פּראָפעסאָר קאַלמענס געדענקט עפּעס פון יענעם רעוואָלוציע־יאָר אין זיין קליינער געבורט־שטאָט לעבן דער אַמאָליקער רוסיש־פּרייסישער גרע־נעץ. ווי אַ מין העלער זונען־פלעק, געגליכן צו אָט־דעם „זייטשיק" אויף זעלמאַנאָוויטשעס פּנים, זיינען יענע געשעענישן פאַרבליבן אין זיין זכרון. נאָך מער, אים דאַכט זיך איצט שוין אפילו, אַז טיף אין האַרצן איז ער די גאַנצע צייט געווען אַ סאָציאַליסט אויך דאָרט, אינעם לאַנד, וואו יעדערער טראָגט דורך איינער אַליין זיין צאַנקענדיק אָדער העל לעבנס־קנייטל. באַזונדערס דאַכט אים אַזוי אויס איצט, בעת ער הערט זיך איין, וועגן וואָס רעדן דאָ ביים טיש אָט די פיר מענטשן, וואָס זיינען פון יענעם זונען־פלעק קיינמאָל אין ערגעץ ניט אַוועקגעפאָרן. שטעלט זיך אַרויס, אַז דעם אַלטן לעוו איזראַילעוויטשעס איינציקער זון — שוין אויך ווייט ניט קיין יונגערמאַן — איז אַן אָנגעזעענער דאָקטער ערגעץ דאָ אויפן ווייטן מזרח אין דער רויטער אַרמיי, אין וועלכער ער איז אַוועק נאָך אין די ערשטע טעג, ווען זי האָט זיך געגרינדעט. אויפן זון זיינעם פרעגט זיך נאָך ביי אים יעווא מאָיסייעוונא.

— יאָ, — ענטפערט איר דער אַלטער, — ער האָט געשריבן, אַז ער וועט אַראָפּקומען אויף יום־טוב, נאָר מסתם האָט אים דאָרט עפּעס פאַרהאַלטן.

דעם גאַסט ווערט דערפון מער קלאָר, ווי אַזוי האָט געקענט פּאַסירן, אַז דער פּראָפעסאָר בעניומאָוויטש זאָל איבערלאָזן אין כאַרקאָוו אַ קאַטעדרע, — דער אַל־טער האָט דאָ ערגעץ נאָענט זיין איינציקן זון. הייסט עס, אַז אַראָפּגעבראַכט אַהער האָבן אים ניט נאָר הימל־זאַכן. דאָס צווינגט אים באַנייס אַ קלער צו טאָן וועגן

יעווא מאַסייעוונאַס אַראָפּקומען וואוינען און אַרבעטן אַזש דאָ אין דער ביראָבידזשאַנער טייגע: אויך ביי איר איז דאָס שוין, הפּנים, ניט קיין הוילע פאַנטאַזיע, נאָר אַ רעזולטאַט פון אַריינגעוואַקסן ווערן אין רעאַלע לעבנס־פּראָצעסן דאָ אין לאַנד, ווי אַלץ איז געקניפּט און געבונדן — דאָס פינפטע יאָר, די אָקטאָבער־רע־וואָלוציע, די רויטע אַרמיי, דאָס בויען און דער אינ־טערעס צום בויען דאָ אין ביראָבידזשאַן.

— —

ביים טיש האָט מען גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי עס גייט צו די בויאונג דאָ אין דער ביראָבידזשאַנער טייגע. אין גאַנצן לאַנד האַלט דער סטאַלינישער פינפ־יאָר־פּלאַן שוין אין סאַמע רעכטן ברען. אַ כאַפּ געגעבן אַ שרייבפּענדל אין האַנט, האָט זעלמאַנאָוויטש אויף גיך געגעבן אַ רעכן אונטער די פּלאַן־פּראָצענטן, וואָס פאַרשיידענע אָרטיקע אונטערנעמונגען האָבן ביז אָק־טאָבער־יום־טוב אויסגעפילט. דאָס שטיקל פּאַפּיר מיט די אָנגעוואָרפענע ציפערן איז דאָ ביים טיש אַרומגע־גאַנגען פון הענט צו הענט. דער לעצטער האָט אינעם צעטעלע אַריינגעגראַבן די אויגן דער לאַנג־וואוקסיקער רויטלעכער דירעקטאָר.

די ציפערן האָבן באַוויזן, אַז פאַראויס, פאַר אַלע אָרטיקע אונטערנעמונגען, גייט די פּרואָוו־סטאַנציע, און דאָס האָט גלייך געבראַכט דערצו, וואָס דאָס פּנים איז ביי אים געוואָרן רויט ווי אַ צוויק. זייער שטיל, כמעט אומבאַמערקט האָט ער זיך אַרויסגעשטעלט פונעם צי־מער און פונקט אַזוי אומבאַמערקט איז ער דאָ אויס־געוואַקסן צוריק אינאיינעם מיט צוויי פלעשער ווייך, וואָס זיינען פריש־אויפגעקאָרקעט שוין געשטאַנען אויפן טיש, — אָנהייב זומער האָט ער אָט די צוויי פלעשער ווייך געבראַכט מיט זיך פון קאַווקאַז, וואו ער האָט אַ

חודש אָפּגערוט. אַליין איז ער שוין געזעסן אויף זיין פּריעריקן פּלאַץ אָן יעדער מינדסטער שייכות צו די פּלעשער. אַזאַ איז ער אויך געווען אין אַלע זיינע טור־עכצן אויף דער פּראָוו־סטאַנציע, ווי גליך די גאַנצע פּעסט־אַוועקגעשטעלטע אַרבעט טוט זיך דאָ אָפּ פון זיך.

דער זונען־פּלעק דאָ אין צימער האָט פּלוצים אָנ־געהויבן מאַכן זייער ווייטע שפּרונגען הין און צוריק, געגעבן אַ טאַנץ אַריין אין איינעם פון די אָנגעגאָסענע באָקאַלן און איז דאָרט דערטרונקען געוואָרן אינעם רויטן וויין. הפּנים, אַז ערגעץ אַקעגן האָט די גאַנצע צייט זיך געוויגט אַ געעפנט פענצטער־פּאָרטל און דאָס האָט מען עס איצט צוגעמאַכט. איצט האָט מען גע־טרונקען לחיים:

— בויער זאָלן צוקומען וואָס גיכער און וואָס מער.

— זיך נעמען אין די הענט אַריין.

— מען זאָל מער ניט אָפּשטיין פון די טעמפּן אין לאַנד.

לעוו איזראַילעוויטש האָט, נעמענדיק דעם באָקאַל אין האַנט, אויסגעקיילעכדיקט די אַלטע ברוסט, זיך אָנ־געבלאָזן און איז געוואָרן ענלעך אויף מענדעלע מוכר־ספרים.

— גראַד מיר דאָ זאָלן אָפּשטיין, — האָט ער אַ מאַך געטאָן, — פּע!

ער האָט נאָכן אויסטרינקען געקראָגן אַ ראָזלעכע פּאַרב אין פּנים און, צעוואָרעמענדיק זיך אַלץ מער און מער, גענומען אויסרעכענען, וואָס פּאַר אַ רייכטימער וואַרטן דאָ אויף פּאַבריקן און זאַוואָדן און בכלל, וואָס מיט דער צייט וועט דאָ זיין:

— פון בִיראָבידזשאַן קיין מאָסקווע וועט זיין מיט דער האַנט צו דערלאַנגען: מען וועט מער פליען ווי פאָרן מיט דער באַן.

באַקאַנט מיט די געאָלאָגישע אויספאָרשונגען, וואָס האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן, האָט ער גענומען אויסרעכע־נען, וואָס פאַר אַ פּראָדוקציע בּיראָבּידזשאַן וועט געבן דעם צענטער.

און ווידער זיינען דאָ דעם פּראָפעסאָר קאַלמענס געווען שטאַרק געפעלן אָט די מענטשן. איינהערנדיק זיך אין זייער שמועס, האָט ער גאַנץ קלאָר זיך פאָרגע־שטעלט, ווי אַזוי ער וועט אויף פאַרזאַמלונגען אין אַמע־ריקע דערציילן וועגן זיי: „זיי זיינען אַלע ענטוזיאַסטן. זיי געפינען זיך אַריבער אַכט טויזנט קילאָמעטער ווייט פונעם צענטער, און דער קאָפּ איז זיי אין מאָסקווע. זיי האָבן אין בּיראָבּידזשאַן אַ ראַיאָנעם צענטער און זיינען דורך אים פאַרבונדן מיטן כאַבאַראָווסקער קאַנט־אויספּירקאָם און דורכן קאַנטאויספּירקאָם — מיט מאָס־קווע. אינעם ראַיאָנעם צענטער איז ער, דער פּראָ־פעסאָר קאַלמענס, געווען פאַרבייפאָרנדיק, האָט ער גע־זען: פון אַ גאַנץ פּראָסטלעכער שטוב, וואו עס געפינט זיך דער פאַרטיי־קאָמיטעט, גייען, ווי פון אַ מוח, די אימפּולסן צו אַלע אַרומיקע ישובים, ווי ווייט זיי זאָלן ניט זיין. אין דער פּראָסטלעכער שטוב — דאָרט גע־פינט זיך אויך דער אויספּירקאָמיטעט, — קומט מען, כדי צו ווערן אויפגענומען, אויסגעהערט, אינסטרוק־טירט און זיך אומקערן צוריק צו דער אַרבעט".

אָט אַזוי פּראָסט און אמתדיק וועט ער וועגן דעם אַלעם דערציילן פאַר פאַרזאַמלטע יידן אין אַמעריקע. און ער איז זיך אַליין געווען געפעלן אין דער נייער פאַרשטייענדיקער ראָל זיינער.

אַלץ, וואָס ער האָט פאַר דער צייט פון זיין פאַר־ברענגען אין בּיראָבּידזשאַן דורכגעלעבט און דורכגע־מאַכט, אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעפילט אין פאַרביג־דונג מיט זיין פּלאַן, מיט די מענטשן, וואָס זיינען אים

דאָ געפּעלן, און מיט זיין באַציאונג צו חוהלען, איז אין אים דאָ אויף דער פּרואוו־סטאַנציע רייף געוואָרן, ווי עפּעס זייער וויכטיקס, פון איין שטיק געשניטן, און האָט אים אָנגעפּילט מיט אַ מין נייער ענערגיע, וועלכע ער האָט פון פריער ביי זיך ניט געדענקט. און דאָס האָט געבראַכט דערצו, וואָס וועגן זיין פּלאַן האָט ער אין יענעם יום־טובדיקן בייטאָג ביי יעווּאָ מאַיסייעוונא אין דער היים באַנייס גענומען ריידן ווי וועגן אַ שיינעם מענטשלעכן טרוים, וואָס אויף צו פאַווירקלעכן אים זיינען גראָד דאָ פאַראַן אַלע מעגלעכקייטן.

בטבע אַ מענטש, וואָס איז צוגעוואוינט צו טאָן דריי מאָל אַ שעמעוודיקן שמייכל, איידער ער וועט ביי זיך פּועלן צו זאָגן עמעצן „איר זייט ניט גערעכט", האָט ער איצט שוין גאָר אַליין ניט באַמערקט, ווי איינגע־שפּאַרט און אפילו אַביסל גראָבלעך ער גיט מיט יעדן וואָרט זיינעם צו וויסן:

— מאַכט ניט אויס, מיינס וועל איך טאָן ווייטער!

ער האָט ניט געקאָנט ניט באַמערקן, ווי אַלע אַרום אים באַמיען זיך אויסצומיידן אָט דעם שמועס. געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגער, האָט זעלמאַנאָוויטש מיט אַן אויס־זען פון אַ מענטשן, וואָס דער קאָפּ איז אים שוין גאָר ערגעץ אַנדערש, גענומען צוליב עפּעס אונטעראיילן דעם דירעקטאָר. נאָר אויך דאָס האָט דעם גאַסט ניט אָפּגעשטעלט.

אויב אינעם לעבן פון אַ מענטשן מיט אַ שוואַכ־לעכער נאַטור קען פּאַסירן, אַז די געשעענישן פון עט־לעכע געציילטע טעג זאָלן אים מיטאַמאָל איבערברעכן און אים אָנפּילן מיטן פאַרהאַרטעוועטן ווילן דורכצו־פירן דאָס, וואָס ער האָט פאַרטראַכט, זיינען אַזעלכע געווען אינעם פּראָפעסאָר קאַלמענסאָס לעבן די טעג, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אויף דער פּרואוו־סטאַנציע.

ער האָט נאָכדעם זיך מודה געווען פאַר יעווא מאַיסייעווגאַ:

— איך האָב זיך שוין לאַנג אַזוי ניט געפילט, ווי דאָ ביי אייך אין שטוב.

— ווי אַזוי? — האָט געפרעגט יעווא מאַיסייעווגאַ.

עס האָט געדויערט אַ ווײַלע, ביז ער האָט געענטפערט:

— ווי אַ פּראָווינציעלער צווישן גרויסשטעטיקע.

דאָס איז געווען צו פאַרנאַכט צו, ווען ער איז געבליבן מיט איר אינצווייען ביים פּירקאַנטיקן טיש — אַ יום־טובדיק פאַרשפּרייטער טיש מיט שיריים פון כיבוד, האַלב אָפּגעטרונקענע באָקאַלן ווײַן און שאָלעכצער פון ניסלעך.

ער האָט געוואַרט, זי זאָל פרעגן ביי אים: „פאַרוואָס?"

נאָר זי האָט בלויז אָנגעשטעלט אויף אים דעם שוואַרץ־סאַמעטענעם יום־טוב, וואָס אין אירע אויגן. פאַר וועמען דער יום־טוב זייערער איז שוין אַלט געווען פערציק אָדער איין און פערציק יאָר, — פאַר אים איז ער געבליבן דער זעלבער פאַרכישופנדיקער, וואָס אין דער יוגנט, און פילנדיק אים אָנגעשטעלט אויף זיך, האָט ער ניט געקענט ניט זאָגן דעם אמת:

— דאָ אינעם ווײַטן פאַרוואָרפענעם טייגע־העק זייט איר אַלע, ווי איך זע, כסדר פאַרטאָן אין אינטערעסן, וואָס גייען אָן אַ גאַנצע וועלט . . . אפילו אָט איצט, אום יום־טוב, ווען איר רוט אָפּ. און איך אין שיקאַגאָ, אַז איך קער זיך אַוועק פון מיין פאַך — דערגרונטעוועז די עקאָנאָמיק פון אַלערליי אַגראָ־ווירטשאַפטן און לייענען וועגן דעם לעקציעס — וואָס בלייבט מיר דעמאָלט?

מיט די ווערטער „אינטערעסן, וואָס גייען אָן אַ

גאַנצע וועלט" האָט ער איר געגעבן צו וויסן, ווי האָלט עס בכלל מיט אים, און ער איז געבליבן ביז גאָר צו־פרידן, וואָס מיט זיין זיצן דאָ לעבן איר איז ער אויף קיין האָר ניט ענלעך צו אַ באַיאָרנטן מאַנצביל, וואָס שדכנט זיך צו אַ ווילד־פרעמדער פרוי. דאָס האָט ער דאָ געפילט בעת אַלע זיינע באַגעגענישן מיט איר. אין אַ וויסן כאַלאַט איז זי געשטאַנען אין סעלעקציע־פּאַוויליאָן אין יענעם אָונט, ווען ער האָט זי אויף דער פּרואַוו־סטאַנציע צום ערשטן מאָל דערזען, און אירע פינגער, מיט וועלכע זי האָט געהאַלטן אינמיטן פאַרזעצן עפּעס אין אַ קאָרעטע מיט ערד, האָבן אונטער דער שטאַרקער עלעקטרישער שיין אויסגעשטראַלט אַזאַ זויבערע דורכזיכטיקייט, אַז געדאַכט האָט זיך אים: די בלאַטיק־שוואַרצע ערד אין דער קאָרעטע האָט אויף זיי קיין שליטה ניט און קען זיי ניט אויסשמירן. און נאָך האָט זיך אים געדאַכט: פּונקט אַזאַ זויבערע דורכזיכטיקייט שטראַלט אויס איר פּנים נאָך אַזוי פיל און אַזוי פיל יאָרן לעבן מיט אַ מאַן, וואָס איז איר צוריק מיט אַ געוויסער צייט געשטאָרבן. ער האָט דעמאָלט, צוגייענדיק צו איר, זי אָנגערופן ביים נאָמען, האָט זי אויף אים אַ הייב געטאָן די שוואַרצע אויגן, וואָס מיט די גרויסע פאַרשמאַכטע ווייסלעכער, און אירע פינגער האָבן דערביי ניט אויפגעהערט אויסצוזעצן זוימען אין דער קאָרעטע מיט אַזאַ רואיקייט, ווי מען לייגט אויס אוזאָרן. שוין דעמאָלט האָט ער גלייך דערפילט, אַז סיי מיט זיין פּנים סיי מיט עפּעס־וואָס אַנדערש האָט ער ביי איר קיינמאָל ניט אויסגענומען — ניט אין זיין יוגנט און אויך ניט איצט. דער געדאַנק וועגן דעם האָט געדריקט אויף אים די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט זיך געפונען אויף דער פּרואוו־סטאַנציע, נאָר אויף קיין איין האָר ניט געענדערט זיין באַציאונג צו איר.

מיט אַלע חושים האָט ער געפילט, אַז זיינע רעכט אויף צו ריידן מיט איר אַזוי־אַ אינטים, ווי ער רעדט איצט פאַר זיין אַוועקפאָרן, זיינען באַזונדערע רעכט. זיי באַשטייען אין דעם, וואָס ערשטנס: בישטאָ גאָר דער מענטש, וואָס זאָל בלייבן גלייכגילטיק, ווען צו אים אין טיר קלאַפּט אָן עמעצער פון זיין היים, פון זיין שטאָט, פון זיין קינדהייט. און צווייטנס: ניט וויסן, אַז דאָס, וואָס זי איז געווען און געבליבן פאַר אים, איז זי ניט געווען פאַר קיינעם, ניט וויסן דאָס האָט זי איצט שוין ניט געקענט. זי האָט געהאַט אַ מאַן. מסתם האָט ער זי ליב געהאַט און אפשר שטאַרק ליב געהאַט. קיינעם האָט דאָס לעבן ניט באַשענקט מיט אַזעלכע צאַרטע און שטאַרקע געפילן צו איר, ווי אים — געפילן, וואָס האָבן אים אַמאָל פאַרשלייערט פון איר אַזש אויף יענער זייט אָקעאַן און אים איצט ווידער צו איר געבראַכט. און פאַר דעם אַלץ פאָדערט ער פון איר גאָרניט — ער איז בלויז דורך־און־דורך דורכגעדרונגען מיט דאַנק צו איר. אַזוי האָט ער טאַקע איצט נאָך אַ ווײַלע שווייגן געזאָגט צו איר:

— אַ דאַנק . . . אַ גרויסן, גרויסן דאַנק.

— פאַר וואָס? — האָט זי זיך געוואונדערט און ממש אין פאַרלוירנקייט אָנגעשטעלט אויף אים דעם שוואַרץ־אָנגעטוענעם יום־טוב, וואָס אין אירע אויגן.

ער האָט אַ רגע מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ זיך איינגעקוקט אין אָט די אויגן אירע. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אַ גאַנץ לעבן זאָל זיך פאַרקלייבן אין אים אַ פּאָר אויגן און אַזוי ציען צו זיך און ציען.

— איך האָב שטענדיק געהאַט אַ סך, אַ סך, פאַר־וואָס איך צו דאַנקען, — האָט ער געזאָגט, — און באַזונדערס איצט. אַדאַנק אייך האָט מיך דאָס לעבן גע־

בראַכט אַהער, איך זאָל אַליין מיט די אויגן זען, וואָס עס טוט זיך דאָ אין לאַנד, און מיר ווילט זיך זיין דאָ באַטייליקט כאָטש מיט עפּעס וואָס, אומבאַדינגט, אומ־באַדינגט.

ער האָט אַראָפּגעקוקט צו זיינע פינגער, וואָס פאַ־רען זיך מיט די פרענזלעך פונעם טישטעך, און האָט שטיל צוגעגעבן:

— שוין פון אָט דעם ווילן אַליין האָב איך זיך דערפילט מער מענטש . . . ווי דער אמת איז.

און ווי אויף צו דערמאָנען זיך, צי ער האָט שוין אָפּגעזאָגט אַלץ, וואָס אים האָט זיך געוואָלט, האָט ער מיטאַמאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ פּאָר מאָל אַ פינטל געטאָן מיט די וויעס.

מיט דעם וואָלט זיין שמועס מיט איר זיך געווען געענדיקט. ווען זי זאָל פּלוצים ניט געווען ביי אים אַ פרעג טאָן, צי בלייבט ער ביי זיין באַשלוס מכוח פאָרן מיט זיין פלאַן קיין מאָסקווע.

— אָ, יאָ! — האָט ער געענטפערט מיט זיכער־קייט, וואָס האָט צו זאָגן: וועגן דעם קען גאָר ביי אים קיין צווייַ מיינונגען ניט זיין.

זי האָט אַ טראַכט געטאָן:

— איך וויל אייך מיטגעבן אַ בריוו צו מיינס אַ געשוועסטערקינד, — האָט זי געזאָגט.

און זי האָט אים געראָטן, אַז איידער ער וועט אין מאָסקווע נעמען עפּעס טאָן אין פאַרבינדונג מיט זיין פלאַן, זאָל ער זיך דורכרעדן מיט איר געשוועסטער־קינד.

צי האָט מען דאָס ניט געקענט טייטשן, אַז זיין פלאַן גיט זי דאָך צו אַ וועלכע־ס׳ניט־איז באַדייטונג און אַז זי גיט ניט אויף די האָפענונג צו באַגעגענען זיך מיט אים דאָ נאָכאַמאָל?

אינעם בוזעם־טאָש מיט אָט דעם בריוו צו יעוואָ מאָיסייעווגאס געשוועסטערקינד אין מאָסקווע און אין הארצן מיט אַ געפיל פון אַ מענטשן, וואָס טרעט אַרי־בער אין זיין לעבן פון אַ שאָטנדיקער זייט אין אַ העל־באַלויכטענער, האָט דער פּראָפעסאָר קאַלמענס אויף מאָרגן אינדערפרי פאַרלאָזט די פּרואוו־סטאַנציע און שפּעטער, אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג, זיך ניט אויפ־געהערט צו פילן, ווי איינער פון די סאַמע באַשעפטיקטע פּאַסאַזשירן אינעם טראַנס־סיבירער עקספרעס, וואָס טראָגן זיך צוליב וויכטיקע ענינים פונעם ווייטן מזרח קיין מאָסקווע.

3.

אין ביראָבידזשאַן בין איך געווען אין איין צייט מיטן פּראָפעסאָר קאַלמענס — אַרומגעפאָרן איבערן ראַיאָן כמעט מיטן זעלבן מאַרשרוט, וואָס ער, — נאָר טרעפן זיך דאָרט מיט אים איז מיר קיין איין מאָל ניט אויסגעקומען.

אינעם נייעם ישוב לעבן דער טונגוסקע בין איך געשלאָפן אויפן זעלבן שמאָלן בעטל, וואָס מען האָט צוליב אים אַריינגעשטעלט צום מאַלער אַבראַשען אין צימער.

— אַ געהויבן בעטל, — האָט אויסשפּרייטנדיק אויף דעם אַ ליילעך, געזאָגט די באַלעבאָסטע היינדל, — אויף דעם איז געשלאָפן אַ צדיק.

— ווער איז דאָס געווען דער צדיק ? — האָב איך געפרעגט ביי איר אויף מאָרגן אינדערפרי ביים וואַשן זיך.

זי האָט געהאַלטן אינמיטן צונויפנעמען אין קיך די שאָלעכצער פון קאַרטאָפל, כדי מיטצונעמען מיט זיך כאָטש עפּעס־וואָס פאַרן פי אין די שטאַלן.

— זאָגט שוין איר אַליין, — האָט זי געזאָגט מיט

אַ שמייכל, — אַ פּראָפעסאָר אַזש פון שיקאַגאָ . . . נעמט ער און פּטרט אַזוי פיל הוצאות אויף אַראָפּצוקומען אַזש אַהער צו אונדז. וואָס איז? ער ווילֿ אַ קוק טאָן, ווי מיר לעבן דאָ . . . נו, איז ער ניט אַ צדיק?

דער מאָלער אַבראַשע — ער איז אָנגעקומען מיט אַן אָברעם האָלץ פון דרויסן — האָט דערויף בייזלעך אַ מאַך געטאָן:

— אַט־אַט . . . איך, למשל, וואָלט ניט געפּטרט אפילו קיין איין גראָשן אויף אַוועקצולאָזן זיך קיין שי־קאַגאָ, כדי אַ קוק צו טאָן, ווי לעבט זיך דאָרט דעם פּראָפעסאָר קאָלמענס . . . אַ טשודאַק!

פון דעם איז געוועזן צו דרינגען, ערשטנס, אַז ער, דער יונגער, געזונטער און זייער פּייאיקער מאָלער, וואָס טוט דאָ אײנאייגעם מיט די קאָלווירטניקעס אַלע שווערע אַרבעטן, קוקט אויף זיך בשום אופן ניט ווי אויף אַ „טשודאַק", און צווייטנס, אַז פון דעם פּראָפּע־סאָר האָט ער דאָ קיין שום התפּעלות ניט געכאַפּט.

וואָס איז שייך צו מיר, בין איך אין קאָלווירט אָנ־געקומען פונעם ראַיאָנעם צענטער, און פון די שמועסן אין אויספּירקאָם און אין ראַיקאָם איז מיר געוועזן קלאָר, אַז אויפן פּראָפעסאָרס אַראָפּקומען אַהער קוקט מען ווי געווײנלעך אויף די באַזוכן פון פרייַנטלעכע אויסלענ־דער. קיינעם איז דאָרט, פּונקט ווי דאָ, ווייניק־וואָס געלעגן אין זינען סיי דער פּראָפעסאָר סיי זיין פּלאַן — מען האָט געהאַט אַנדערע זאָרגן.

באַזונדערס האָט מען דעמאָלט געהאַט וועגן וואָס צו זאָרגן אינעם ישוב ביי דער טונגוסקע, וואו איך בין געווען שוין ניט צום ערשטן מאָל און וואו אַלע האָבן געוואוסט, צוליב וואָס איך קום אַראָפּ. דאָס שטרעבן בייצוקומען אַלערליי שוועריקייטן אין דער אַרבעט און ווערן מיט דעם אָפּגעשפּיגלט אינעם אַלגע־

מיינעם גרויסן לעבן פונעם לאַנד איז צו יענער צייט שוין געווען איינע פון די נייטיקסטע באַדערפעענישן אין די סאַמע פאַרוואָרפענע ישובים.

מעגלעך, אַז ווען דער פּראָפעסאָר קאַלמענס זאָל אויף דעם אַלעם געווען קענען אַ קוק געבן מיט די אויגן פון אַן אַרטיקן, וואָלט ער שוין במילא געווען אַ קוק געגעבן מער ניכטער אויף זיך מיט זיין פּלאַן.

עס איז געווען באַלד נאָך אָקטאָבער־יום־טוב. און אין ישוב איז אַראָפּגעקומען ראובן זעלמאַנאָוויטש, וועמען מען האָט אין ראַיאָן ערשט ניט לאַנג געהאַט אויסגעקליבן פאַרן צווייטן סעקרעטאַר. אויך ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער באַלעבאַסטע הינדל אין שטוב.

אַראָפּגעקומען איז זעלמאַנאָוויטש, ווי ער פירט זיך, אומגעריכט, ניט האָבנדיק אָנגעזאָגט אויף פריער, מען זאָל אים אַרויסשיקן אַ פור צו דער סטאַנציע וואָלאָטשייעווקע. ער האָט איבמיטן וואָכעדיקן בייטאָג זיך אָנגעטראָפן אויף אַ פערד־און־שליטל פונעם וואָלאָטשייעווקער חזירים־ראַטווירט און ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיטן יונגן קאָלווירט־פּאַרזיצער נאָטל זלאַטקינען מער געשוויגן ווי גערעדט, אויפן פּאַרזיצערס „וואָס מאַכט איר?" האָט ער צוערשט ווי גאָר נישט געקלערט ענטפערן. ער האָט אויסגעזען פאַרהאַרטעוועט ווי אַ שטיין. נאָר געכאַפּט אַ קוק צו דער לינקער קעשענע פון זלאַטקינס לעדערנעם לייבל — אין אָט דער קעשענע האָט זלאַטקין אין אַלע גוטע און שלעכטע צייטן אַרומגעטראָגן מיט זיך אַ וועלכס־ניט־איז לערנביכל, כדי צו קענען אין דעם אַריינקוקן אין יעדער פרייער מינוט, און שטענדיק האָט ער זיך מסוכן געשעמט, ווען מען האָט אים געפּאַקט ביי אָ־דער אַרבעט, — געכאַפּט אַ קוק צו אָט־דער קעשענע און דערזען, אַז זי איז, ווי שטענדיק, טראָגעדיק, האָט זעל־

מאַנאָוויטש מער ווייך אַ מאָך געטאָן:
— איך בין געקומען זיך זאָרגן פאַר דיין שיינקייט.
זלאַטקין האָט צוערשט אַ בלאָז געטאָן די באַקן, דערנאָך האָט ער ביטערלעך זיך פאַרקרימט. זיין חתונה מיט דער באַלעבאָסטע הינדלס עלטערן מיידל איז אַלץ אָפּגעלייגט געוואָרן איבער דער ביטערער לאַגע אין קאָלווירט.
— אַביסל שפּעטלעך, — האָט ער געזאָגט.
— פאַרוואָס? — זעלמאַנאָוויטש האָט מיטאַמאָל באַקומען גאַנץ בייזע ברעמען.
— נו, — זלאַטקין האָט געהאַלטן אין איין אומקוקן זיך צו דער טיר: ער האָט געוואָלט, עס זאָל אַריינקומען דער פאַרטאָרג קליאַמקיס, — איר וועט שוין אַליין זען.
— איך האָב שוין געזען ביים אַריינפאָרן אַהער, — האָט געזאָגט זעלמאַנאָוויטש, — די פערד לאָזט איר אַרויס, זיי זאָלן זיך פּאַשען אויפן שניי . . . זיי זאָלן זוכן דאָרט דעם מן פונעם הימל . . .
— יאָ, — האָט טרויעריקלעך מודה געווען דער פאַרזיצער, — דערווייל געפינען זיי נאָך אַ גרעזל אונטערן שניי, עס וועט זיין נאָך ערגער.
דעם קאָלווירט — ער איז דערווייל נאָך געווען אַ פּיצוכטלעכער — איז ווירקלעך פאַרגעשטאַנען זייער אַ האַרבער און שווערער ווינטער, — אַלץ איבער דער פאַרפלייצונג, וואָס האָט אָוועקגערויבט דעם גרעסטן טייל פון די פיטער־גראָזן און פונעם אָנגעשניטענעם היי. אַלע אָנדערטהאַלבן מאות בהמות און קעלבלעך, עטלעכע צענדליק פערד און אַרום צוויי הונדערט ראסן־חזירים האָבן שוין איצט אין סאַמע אָנהייב ווינטער אָנגעהייבן ביסלעכוויז מאָגער ווערן און אונטערקרענקען.
דער גאַנצער ישוב האָט געאַרבעט אָנגעשטרענגט

און שווער, געקראָכן פון דער הויט אויף אַרויסצוקריגן
ביי דער אַרומיקער טייגע כאָטש וואָס־ס׳איז־ניט פאַרן
פי אין די שטאַלן. און ניט נאָר די מענטשן, אפילו די
הייזער האָבן, ווי עס האָט זיך געדאַכט, כסדר געהאַלטן
אין איין וואַרטן און אויסקוקן:

— פונוואַנעצן קען קומען די הילף?

— — — — — — — — — — — — — — — —

רעכטס איז געלעגן דער לאַנגער שטיין־געבליבע־
נער טייך טונגוסקע — אַ תכריכים־ווייסער וועג אין אַ
פאַרגליווערטער וועלט אַריין. לינקס האָבן אין טויט־
שטילקייט זיך אויפגעהויבן געדיכטע וועלדער אויף
סאָפּקעס און אויף בערג און אין לבנה־נעכט געשראָקן
דעם ישוב מיטן יאָמערדיקן בילן פון הונגעריקע וועלף.

אין זוניקע פראָסטיקע פרימאָרגנס האָט מען פון
מאָל צו מאָל געהערט פון דאָרט אַ קראַך — יוגנטלעכע
בריגאַדעס האָבן געוואַלגערט איינציקע צוגעקליבענע
ביימער מיט זאַפטיק־ווייכע צווייגלעך, וואָס קענען געבן
דעם פי כאָטש די מינדסטע זעט. און ווי מיט אײַז־
קאַלטן חוזק־געלעכטער האָט אויף יעדן בוים־געוואַל־
גער זיך אָפּגערופן פון נאָענט און פון ווייט די טייגע:

— עס וועט ניט העלפן! עס וועט ניט העלפן!...

און אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין האָבן מענטשן דאָ
דערפילט די גרויזאַמקייט פון דער נאַטור, ווי מען דער־
פילט זי אויף אַ שיף, וואָס טרינקט זיך איין־אַליין אינ־
מיטן ים.

ביי דער באַלעבאָסטע הינדלען אין שטוב, ווען זעל־
מאַנאָוויטש איז אַרום דריי אַזייגער בייטאָג אַהין פאַר־
פאָרן, האָבן ניט נאָר די מענטשן — אפילו דער טיש,
די בענקלעך און די שימערירנדיק־ווייסע האַלבע פאַר־
הענגלעך אויף די פענצטער — אויסגעזען ווי אין אַ
שווערן וואָכעדיקן תענית.

פאַרבונדן דעם קאָפּ אין אַ שאַלעכל, מען זאָל איר פּנים ניט אַרויסזען, האָט אין קיך לעבן דער ניט געהייצטער פּליטע זיך אויסבאַהאַלטן דער באַלעבאָסטעס יונגע מיידל. די אויגן זיינען ביי איר פאַרבליבן אָנגעשוואָלן פון נאָך איר היינטיקן גאַנץ־פריענדיקן וויינען אין ווינקל פון דער סאַמע ציכטיקער חזירים־שטאַל, וואו איינע אַ ניינצנפּודעוודיקע „זי״, וואָס געפינט זיך אונטער איר אויפזיכט, האָט געהאַט ניין טויטע חזירימלעך.

— אַז מען האָדעוועט זיי מיט דער רוח ווייסט וואָס? — האָט זי דאָרט אונטערגעכליפּעט, — מיט היגיענע האָדעוועט מען זיי . . .

— נו, געננוג, — האָט אויף איר דאָרט זיך אָנגעבייזערט דעם קאָלווירט־פאָרזיצערס פאָטער איסר זלאַטקין, אַ מענטש אַ שטילער, נאָר אַ האַרבלעכער.

ער איז געוועזן דער באַלעבאָס אויף אַלע שטאַלן, און פון דער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דאָס גאַנצע קאָלווירט־פי, האָט ער זיך געפילט צוויי מאָל געטראָפן. ערשטנס, איז ער געוועזן דורכאויס זיכער, אַז אַלע מעגן זיך ביי אים לערנען, ווי אַזוי אַרומצוגיין אַרום בהמות — ער האָט, ווי אַ געוועזענער בינדיוזשניק, אַלע יאָרן געהאַט צו טאָן מיט פערד, און גראָד ביי אים זאָל אַזוינס־אַ פּאַסירן — אַ שיינע מעשה! . . . צווייטנס, האָט ער דעם יונגן קאָלווירט־פאָרזיצער אָנגעקערט ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַן אייגענער טאַטע — סך־הכל! — און יעדער בייז־אַנשיקעניש ביי אים אין די שטאַלן פאַלט במילא, ווי אַ פלעק אויף זיין זון נאַטלען, וועגן וועמען ער רעדט קיינמאָל מיט קיינעם ניט טאַקע נאָר דערפאַר, וואָס ער טראַכט וועגן אים כסדר ביי זיך אין האַרצן:

„שוין איינמאָל אַ נאַטל!״

דאָס האָט צו אים, דעם אַלטן זלאַטקינען, געהערט די המצאה:

— כל־זמן מען קען זיך דערביוועז אונטערן שניי צו אַ גרעזל, מעג מען אַלע טאָג אויף אַ פּאָר שעה אַרויס־לאָזן די פּערד אין דרויסן. עפּעס־וואָס וועט זיי אין מויל אַריינפאַלן.

היינט גיי זיי אַ נביא, אַז אין איינעם פון די ערשטע זוניק־פראָסטיקע בייטאָגן, ווען מען וועט די פּערד אַרויסלאָזן אין דרויסן, וועט פּלוצים אַנטראָגן אַהער זעלמאַנאָוויטשן און ער וועט באַלד ביי זיין אַריינפאָרן אין ישוב גלייך דערזען, ווי ביי איינִיקע פּערד קען מען שוין איבערציילן די ריפּן, — אין שטאַל, וואו עס איז האַלב־טונקל, וואָלט ער דאָס אפשר ניט אַזוי גיך גע־ווען באַמערקט. עס קומט אויס, ווי ער, דער פאָטער זלאַטקין, וואָלט מיט דעם, ווי אומיסטן, אונטערגע־שטעלט דעם זון אַ פיסל.

דער אַלטער זלאַטקין האָט אויף זיין לעבן שוין געהאַט פאַרשידענע שלעכטע צייטן. ער געדענקט, ווי איינמאָל אין אַ מסוכן היציקן זומער־טאָג איז ביי אים פּלוצים אינמיטן גאַס איינגעשפּאַנטערהייט אַוועקגעפאַלן פון אַ זונען־שלאָג דאָס פּערד — אַ געזונט אייזערן פּערד, אַ „שור הבור", אויף וועלכן אַלע בינדיוזשניקעס האָבן אים מקנא געווען. נאָר אסור, אויב ער איז דע־מאָלט ביי זיך אַראָפּגעפאַלן אַזוי שטאַרק ווי איצט, צו פאַרנאַכט צו, ווען ניט ווייט פון די שטאַלן האָט ער געטראָפן אויסגעשטעלט אין אַ סגל זיין זון באָטלען מיטן לעדערנעם רעקל, דעם פאַרטאָרג קליאַמקיסן אי־נעם מאַנטל מיט די קורץ געוואָרענע אַרבל און זעל־מאַנאָוויטשן איבעם געשטעפּטן וואַטאָווע לייבל און אין די אונטערגענייטע ווייס־־פוישטענע „בורקעס". עס איז געווען ביי אים, איסר זלאַטקינען, גאָר עפּעס אַן אַנ־

דער מין וויטיק, ווען ער האָט דערהערט, ווי בייזלעך אויסגעמוסרט עס ווערט דאָרט זיין זון, דער קאָלווירט־פּאָרזיצער, און במילא אויך דער פּאַרטאָרג.

זעלמאַנאָוויטש:

— וואו זשע זייט איר געווען די גאַנצע צייט, ברוי־דערלעך? פאַרוואָס האָט איר פאַרשוויגן די לאַגע אין אַלע באַריכטן אין אויספּירקאָם און אין ראַיקאָם?

קליאַמקיס מיט אַ צוריקבייזער:

— מיר האָבן דען פאַרשוויגן?

נאָטל:

— מיר האָבן אָנגעגעבן די ציפער פון אַלץ, וואָס די פאַרפלייצונג האָט ביי אונדז אָוועקגעפּטרט.

זעלמאַנאָוויטש:

— יאָ, איר האָט דאָך אָבער פאַרזיכערט, אַז אין די ווינטערדיקע חדשים וועט איר ווי־ניט־איז אויס־קומען.

קליאַמקיס:

— מיר האָבן געהאָפט, אַז מיר אַליין וועלן זיך אַן עצה געבן און זיך אויסדרייען . . . וואָס וועלן מיר גיין דולן אַ קאָפּ דעם צענטער? סילאָס האָבן מיר דאָך פאַרגרייט גענוג . . . מיר האָבן געהאָפט . . .

זעלמאַנאָוויטש:

— אויף וואָס האָט איר געהאָפט?

נאָטל האָט אָנגערופן דעם נאָענטן אַלט־איינגעזע־סענעם רוסישן קאָלווירט:

— זיי האָבן אונדז שוין ניט איין מאָל אונטער־געהאָלפן . . . און היי בלייבט ביי זיי פון יאָר אויף יאָר, האָבן מיר געמיינט: זיי וועלן אונדז אויסבאָרגן... נו, כאַפּן זיי זיך ניט.

פון דער זייט האָט דער אַלטער זלאַטקין צוגעקוקט, ווי זעלמאַנאָוויטש ווערט וואָס אַ רגע מער אויפגעע־

בראַכט, שמייסנדיק דערביי מיט בייזע ווערטער, ווי מיט ריטער:

— רעדט מיט מיר באָלשעוויסטיש! איר האָט מיט חשבון פאַרשוויגן דעם אמת, און שטאַמלט ניט, זייט זיך מודה. איר האָט, ווי גרויסע קאָפּ־מענטשן, באַשלאָסן: ערשטנס, מיט וואָס וועט מען אונדז, אומ־שטיינס־געזאָגט, העלפן אין צענטער? צווייטנס, איר האָט מורא געהאַט: דער אויספירקאָם, צי דער ראַיקאָם קען נאָך, חלילה, באַשליסן, מען זאָל פאַנאַנדערשטעלן אויף ווינטער דאָס פּי אין אַ פּאָר ראַטווירטן און ווער ווייס, צי מען וועט עס נאָכדעם אַזוי גרינג צוריק אַרויס־קריגן. איר האָט ניט געגלייבט דעם ראַיקאָם, טייַ־ערינקע. איז וואָס, מאָלט זיך אייך אויס, זייט איר דאָ ביי אונדז? אַ קאָלווירט צי אַ קוסטאַר־אַדינאָטשקע?

„אוי, ער האָט געפּאַקטביים סאַמע פּופּיק, — האָט אַ טראַכט געגעבן דער אַלטער זלאַטקין, — פּאַרטיק!"

און ער האָט, ווי ער האָט נאָכדעם אַליין זיך מודה געווען, „געגרעשעט" בעסער ניט זיין דאָ קיין עדות און וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן.

אינאיינעם מיט זעלמאַנאָוויטשן, מיט נאָטלען און קליאַמקיסן זיינען מיר אין יענעם פאַרנאַכט אויסגעווען אין אַלע שטאַלן, וואו די האַלב־הונגעריקע בהמות זיי־נען שוין געווען צוגעוואוינט זיך אומקוקן אויף יעדן אַריינגעקומענעם, צי ברענגט ער ניט פאַר זיי עפּעס־וואָס צום קייען. אַ סיווע בהמה אָן הערנער, לעבן וועלכער עס איז, ווי לעבן אַ ליבלינג, געשטאַנען דער אַלטער זלאַטקין, האָט מיט אירע טונקעלע און גרויסע, כמעט מענטשלעכע אויגן זיך אומגעקוקט, דער עיקר, אויף זעלמאַנאָוויטשן — פּשוט, ווייל ער איז צווישן אונדז געווען דער סאַמע הויכער. נאָר אויסגעקומען איז דאָך, ווי דער עיקר פון אים וואָלט זי אויף עפּעס

געהאַפּט. זי האָט אַזש דערביי אויפגעהערט אַ רגע צו מעלה־גרהן.

די פינצטערקייט ביי זעלמאַנאָוויטשן אין פּנים איז געווען אַ קאַפּריזע, ווי עס טרעפט צו זען אויף פּנימער פון שיינע געזונטע מאַנצבילן, ווען זיי זיינען באַזונדערס שטאַרק מיט עפּעס אומצופרידן. ער האָט אַלץ געשוויגן.

— זיי זיינען נאָך גאַנץ יונגע, — האָב איך געפּרוּווט פאַרענטפערן דעם קאָלווירט־פאַרזיצער און דעם פאַרטאָרג, — און בכלל דער גאַנצער קאָלווירט... ניט אַלע האָבן דאָ נאָך אפילו חתונה געהאַט.

דאָס איז געווען שפּעטער, ווען אינצווייען מיט זעלמאַנאָוויטשן האָבן מיר זיך אומגעקערט פון די שטאַלן צו דער באַלעבאָסטע הינדלען אין שטוב. זעלמאַנאָוויטש האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ בליק, וואָס האָט געקענט האָבן נאָר איין טייטש: „ביסט אַ נאַאיוּוער מענטש“.

— עס איז דען נאָר זיי אַליין? — האָט ער געזאָגט וועגן נאָטלען און וועגן קליאַמקיסן, — עס איז געטאָן געוואָרן מיטן הסכם פונעם גאַנצן קאָלווירט: אַלע האָבן זיי מורא געהאַט, אַז אויב מען וועט אויף ווינטער אָוועקשטעלן דאָס פי זייערס אין אַ סאָווירט, איז ווער ווייסט, צי וועט מען עס זיי נאָכדעם צוריק אומקערן . . . זיי זיינען דאָ נאָך אַלע אַביסל צו אַלט . . .

אינעם זעלבן אָוונט אויף דער פאַרזאַמלונג אין קלוב, האָבנדיק אויסגעהערט אַלעמענס טענות און תירוצים, האָט זעלמאַנאָוויטש גענומען איינקנעלן מיטן עולם, מיט וואָס שיידן זיך אונטער די געפילן פון קליינבלעכן פּריוואַט־אייגנטום און פון ברייטן געזעלשאַפטלעכן אייגנטום. צום פאַרטאָרג קליאַמקיסן — דעם פאַרזיצער אויף דער פאַרזאַמלונג — האָט ער דערביי אפילו קיין איין מאָל זיך ניט אומגעקוקט. דאָס האָט געקענט

הייסן: מיט דיר, דעם פאַרטאָרג, וואָס האָט צו דעם דערלאָזט, וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן באַזונ־דער. אָבער ניט נאָר פון דעם האָט דעמאָלט זיך גע־נומען ביי קליאַמקיסן זיין שווערער צושטאַנד. כאָטש אין זיין טבע איז ניט געווען צו איבערנעמען זיך דאָ אַקעגן עמעצן, דאָך . . . ער פאַרגעסט ניט, אַז ער איז געווען כמעט פונעם ערשטן דור קאָמוניסטן. ער האָט געדינט אין דער רויטער אַרמיי און האָט דאָרט קאָמאַנ־דירט מיט אַ ווזוואָד . . . ער איז שוין אַלט ביי די אַכט און צוואַנציק יאָר. ער איז דאָ דער פאַרטאָרג, היינט ווי טאַקע האָט עס געקענט פּאַסירן? ער איז דאָך, ווי דער אמת איז, פאָרט געווען איינאיינעם מיט אַלע אין קאָלווירט, מען זאָל, חלילה, ניט אַרויסלאָזן דאָס פּי פון די הענט . . . און אויב ס׳איזווירקלעך אַזוי, איז וואָס פאַר אַ פאַרטאָרג איז ער?

ביז גאָר דערשלאָגן און נישטיק האָט ער דעריבער זיך געפילט ביים איינהערן זיך, ווי מיט צוגעקליבענע ביישפּילן דערפירט זעלמאַנאָוויטש די פאַרזאַמלונג דער־צו, זיי זאָלן אַליין גוט אויסלאַכן דאָס אייגענע ניט אויסגעלעבטע געפיל פונעם „מעלקי סאָבסטווועניק“. מיט יעדן נייעם געלעכטער האָט דער עולם ווי מודה געווען זעלמאַנאָוויטשן: „אי דו שמייסט גוט אַריין, אי ס׳איז מיט דיר פריילעך“.

— אוי, קען ער אונדז, — טוט אַזש אַ קרעכץ דער אַלטער זלאַטקין, — ער קען אונדז נאָך פון דער היים.

אַ צווייטן מער שטילן קרעכץ טוט ער, ווען דער ערשטער נאָך זעלמאַנאָוויטשן נעמט דאָס וואָרט אַ יונג בחורל—בלוט און מילך, געראָטן מיט די קוים שפּראָצנ־דיקע וואָנסעלעך אין אַ ביז גאָר שיינעם ציגיינערל, אין וועמען אַלץ יאָגט זיך וואָס גיכער צייטיק צו ווערן.

דאָס איז שימל, וועגן וועמען די באַלעבאָסטע הינדל זאָגט, אַז ניט נאָר ביי איר — ביי אַלע אין קאָלווירט איז ער די נשמה. ער קומט נאָרוואָס אָן פון די אָנגע־שניטענע פאַרפלייצטע פיטער־גראָזן, וואָס זיינען אין דער טייגע אַ קילאָמעטער זעקס פונעם ישוב געבליבן ניט צונויפגעשאַרט און מען האָט ביז די שטאַרקע פרעסט ניט געקענט צו זיי צוקומען. דער בליק, מיט וועלכן דער באַיאָרטער זלאַטקין שעצט אָפּ פאַרטראַכטערהייט שימלען, קען האָבן נאָר איין טייטש:

— נו, ווי דען? סע איז שוין דאָ מיט אַ נייס.

די מעשה איז, וואָס ביים רעדן וועגן אַט־דעם יונגן שוואַרץ־חנ'עוודיקן יאָט קומט ער קיינמאָל ניט אָן צום וואָרט „ער" און איז יוצא מיט די זילבן „סע" און „עס". אָנגעהויבן האָט זיך עס נאָך צוריק מיט צוויי חדשים, ווען, אַראָפּגעקומען אַהער פונעם אַבלוטשער סקיפּידאַר־אַרטעל — אַראָפּגעקומען מיט דער פולער זיכערקייט, אַז דווקא ער, איסר זלאַטקין, וועט לערנען דעם גאַנצן יוגנט־קאָלווירט, וואָס הייסט עס אַרבעטן — האָט ער אין קאָנטאָר אויף דער וואַנט־צייטונג אי־בערגעלייענט: „דער בריגאַדיר שימל", „דער בעסטער בריגאַדיר" און איז דערפון געבליבן ביי זיך אַביסל געפּאַלן. דערצו נאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן: סך־הכל איז „עס" אַ שנעק פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן, זייער אַ שטילס, אַ רואיקס, נאָר „עס" קערט איבער וועלטן.

שפּעטער, זיך דערוואוסט, אַז קיין טאַטע־מאַמע האָט „עס" ניט — דער פאָטער, אַ פּאַרטיזאַן, איז אומ־געקומען אין בירגער־קריג — און אַז אויפגעצויגן האָט זיך „עס" צוערשט אין אַ קינדערהיים, דערנאָך — דאָ אין דער יונגער קאָמונע, — האָט דער אַלטער זלאַט־קין איינמאָל פאַר אַלעמאָל ביי זיך געפּועלט, אַז מיט דעם־אָ זיך פאַרמעסטן איז ניט שייך — ס'איז אַ שטיקל

אימפעט פונעם נייעם לעבן און שוין. צו שימלען איז ביי אים פון דעמאָלט אָן פאַרבליבן אַ געפיל ווי צו אַ פליענדיקער קויל פון אַ ביקס צי פון אַ האַרמאַט: וויבאַלד מען האָט זי אויסגעשאָסן, ווערט שוין גאָרניט ניט העלפן — וועסט זי ניט דעריאָגן. און דאָך איבגאַנצן קאַלט צו שימלס אויפטוען איז ער ניט געווען, און קיינער האָט דערפון ניט געהאַט אַזאַ הנאה ווי זעלמאַנאָוויטש — איינער פון יענע, וואָס באַנאַנד מיט דער שטרענגער ערנסטקייט, מיט וועלכער זיי פירן דורך זייער אַרבעט, כאַפּן זיי אויף אַלערליי טשיקאָווע קליייניקייטן.

— צו אָט די צוויי איז כדאי זיך צוקוקן, — האָט ער מיר געראָטן, בעת מיר האָבן שפּעטלעך אין אָוונט זיך אומגעקערט פון דער פאַרזאַמלונג, — זיי זיינען פון אונדזער נייעם סאָרט קאָנקורענטן.

אויף מאָרגן אינדערפרי איז אָנגעפּעלצטערהייט אויף אַ פערד־און־שליטל צוגעפאָרן צו דער באַלעבאָסטע הינדלס שטוב דער קאָלווירט־פאָרזיצער. אָנגעפּעלצטערהייט האָט אין שטוב שוין געוואַרט זעלמאַנאָוויטש. זיך געלאָזט גיין צו דער טיר, האָט ער פּלוצים זיך אָפּגעשטעלט, אַ טראַכט געטאָן, זיך אומגעקוקט און אָנגעבלאָזנערהייט געפרעגט ביי מיר, צי האָב איך ניט קיין חשק מיטצופאָרן אינעם שכנהשן אַלט איינגעזעסענעם רוסישן קאָלווירט:

— סע איז דאָ ניט ווייט . . .

זיך דערפילט שיער ניט אין דער לאַגע פון אַ יינגעלע, וואָס הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין, צו וואָס נעמט מען עס מיט זיך מיט, בין איך דאָך מיטגעפאָרן.

אין דרויסן — מיר האָבן קוים באַוויזן זיך איינמאָסטען אויפן שליטן — איז לעבן אונדז אויסגעוואַקסן דער מאָלער אַבראַשע. ער איז געווען ווינטער־

דיק אָנגעטאָן. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ היפּש פּעקל מאַלעריש קלאַפּערגעצייג, און עס איז געווען צו זען, אַז ער איז גרייט זיך אַנטשעפּען אפילו אינעם שאָטן פונעם קליינעם שליטן, אַבי מיטצופאָרן. ער איז געווען פאַרסאַפּעט און פול מיט אימפּעט.

— ווּעסט פאָרן אַן אַנדערס מאָל, — האָט צום מאָלער אַ ברום געטאָן דער קאַלווירט־פאָרזיצער, און זיינע באַקן האָבן זיך אָנגעבלאָזן, כדי אויסצובאַהאַלטן דעם אָנשווימענדיקן שמייכל, — דיינס וועט דאָרט נישט אַנטלויפן . . .

— וואָס איז ? — האָט מיט האַרץ פּראָטעסטירט דער מאָלער.

— גאָרניט, — האָט געענטפערט נאָטל, — איני־פירן וועט זיין שווערלעך פאַרן פערד.

זעלמאַנאָוויטש — ער איז געזעסן נעענטער צום פערד — האָט אַ צי געגעבן די לייצן, און דער שליטן האָט געריִרט פון אָרט.

פון הינטן איז ביז גאָר פאַרלוירן שטיין געבליבן דער מאָלער מיטן פּעקל אין האַנט. זיינע אויגן האָבן אונדז נאָכגעשיקט פאַראיבלדיקע בליצן.

— מסתם דאַרף ער דאָך אַהין, — האָב איך געפּרוּווט דערגיין ביי נאָטלען, מיט וועמען איך בין געזעסן פאָרעטש הינטער זעלמאַנאָוויטשעס פּלייצעס.

— גאָר ! — האָט איצט שוין מיט אַ פול שמייכל אָוועקגעמאַכט נאָטל. — פאַראַן דאָרט קסעניא, דעם קאַלווירט־פאָרזיצערס שוועסטערל . . . טאַקע גאָר־גאָר אַ שיין מיידל . . . דאָס האַלט ער זי אינמיטן מאָלן . . . הקיצור . . .

ער האָט פאַרענדיקט כמעט מיט אַ זיפץ :

— איר וועט באַלד אָנקוקן אַ קאָלווירט . . . הלוואי

אויף אונדז געזאָגט געוואָרן כּאַטש אין דריי־פיר יאָר אַרום.

4.

אַ קאַלווירט — אַ מוסטער.

דאָס האָט זיך געלאָזט פילן שוין באַלד ביים אַריינ־פאָרן אַהין מיטן גוט איינגעפּרעסטן שליטוועגס — אַ גאַנץ ברייטלעכער שליטוועגס פאַרביי אַ הילצערנער אַרקע מיט אויפשריפטן, וואָס זיינען פאַרבליבן פון נאָך אָפּגעבן עמעצן אין אָקטאָבער־יום־טוב אַ ברייטן ברוך־הבא.

מעגלעך דערפאַר, וואָס די קליינע פעסטע הייזלעך איןביידע זייטן דאָרפישער גאַס זיינען כמעט אַלע גע־ווען געדעקט מיט בלעך, האָט זיך געדאַכט, אַז דעם הויך אָנגעפּאַלענעם שניי טראָגן זיי אויף זיך זייער גרינג, כמעט מיט פאַרגעניגן, — זיי וואַרעמען זיך נאָר אונטער אָט דעם שניי שיער ניט ווי אונטער ווייסע זאַנטיקעס אויף אַ פּליאַזש, וואָס איז פאַרפלייצט מיט בלענדענדיקער זון.

די פענצטער און די לאָדן ביי די שטיבער, גע־פאַרבט וואו בלאָו, וואו גרין, האָבן אינאיינעם מיט די דערבייאיקע באַשניטע קוסטעס ווי געהאַלטן אין איין ווינקען צו אונדזער אַריינפאָרנדיקן פערד־און־שליטל:

— ווינטער־לעבן, האַ? אַ מחיה!

פריש־אָפּגעשאָבן פון שניי, האָבן אין ביידע זייטן גאַס זיך געצויגן שמאָלע הילצערנע טראָטואַרלעך — מען האָט נאָך אַרויסגעזען די סימנים פונעם אייזנ־גראָבן, וואָס האָט זיי, הפּנים, אָקאָרשט־אָ געהאַט באַ־אַרבעט. לענגאויס דער גאַס האָט מען דאָ און דאָרט געזען דורכגיין אויף זיי אַ קאַלווירטלער. די ברעטער האָבן פריילעך אונטערגעסקריפּעט אונטער זיינע פיס, און דעמאָלט האָט זיך געפילט אין זיין שפּאַנען אַ גרויס־

שטאַטיש איילן פון אַרבעט צו אַרבעט.

— קוקט, — האָט מיט בענקשאַפט אין קול געזאָגט נאָטל, ווען מיר זיינען אויף אונדזער פערד־און־שליטן אַריינגעפאָרן אינעם גרויסן דורכאויס אַרומגעצוימטן און פאַרבויטן קאָלווירט־הויף, — דאָ־אָ איינמיטן וואַקסט ביי זיי אום זומער קווייטן אין קלומבעס. ט׳האָט איר בענק אַרום און אַרום.

נאָך האָט ער געזאָגט:

— זיי האָבן, דאַכט זיך, שוין גענוג וואוהין זיך אַהינצוטאָן מיטן רעמינענט און מיט אַלץ מיטאַנאַנדער, און מען הערט ניט אויף צו בויען. הערט, ווי מען טעסעט מיט די העק . . . אָט דאָרט אין ווינקל, איר זעט? מען קנאַקט שוין דאָרט אַרויף קראָקוועס פאַר אַ נייעם דאַך. מען רוט ניט אויך איצט, אום ווינטער . . . אוי, רוחות!

עס איז געווען ביי אַ פראָסט פון אַ גראַדוס אַכצן, נאָר אויף דער זון האָט מען אים ווייניק געפילט, און די קלעפּ פון טעסענדיקע העק האָבן וואָס אַ רגע אַלץ מער פאַרשטאַרקט דעם חשק צו לעבן אויף דער וועלט.

— מען דאַרף, זיי זאָלן אייך אַרויסרופן אויף פאַרמעסט, — האָט זעלמאַנאָוויטש אָן שום רחמנות אַ טרייבער געטאָן נאָטלען.

— לאָזט אַביסל קומען צו זיך, — האָט פאַרשעמט געטומלט נאָטל, — און לאַכט ניט . . . מיר וועלן זיך נאָך מיט זיי פאַרמעסטן.

אין דער הרחבהדיקער וואַרעם אָנגעהייצטער קאָנטאָר האָט איינצייטיק זיך אַ וואָרף געגעבן אין די אויגן די שטאַרק רויטע פרישע אָנגעפאַרבטע פאָדלאָגע און דאָס אַקעגנדיקע בלאַנק־ווייסע און זייער ברייטע פענצטער. ציכטיק, ווי אין אַן אַפּטייק, זיינען דאָרט געשטאַנען די דריי אָפּגעזונדערטע טישן, אַרום וועלכע עס איז

קיינעם ניט געווען צו זען. דערנאָך האָבן אינאיינעם מיטן האַווקען פון אַ הינטל זיך דערהערט טריט פונעם פינצטערן קאָרידאָרל, וואָס טיילט אָפּ די צווייטע האַלב שטוב. די דאָרפיש־ברייטע טיר, וואָס פירט אַהער פו־נעם קאָרידאָרל, האָט זיך צעעפנט, און די אויגן זיינען אומדערוואַרט פאַרבלענדזשעט געוואָרן פון עפּעס אַזוינס, וואָס איז העל־בלאָנד און ראָז־פאַרביק, און צאַפּלדיק־יונג, און זייער ציכטיק, און האַסטיק־רירעוו־דיק און אין דער זעלבער צייט ביז גאָר רואיק, און אַלץ אינאיינעם איז עס אַ שלאַנק מיידל מיט אַ באַגיס־קענדל אין האַנט — אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן, וואָס קוקט מיט קוים־קוים בוילעטע טונקעלע אויגן, און די קרעם־געלבלעכע האָר, פאַרדרייט פון הינטן אין אַ קינדערש־אומבאַהאָלפענעם קובלעק, זיינען ביי איר אַזוי שטייף פאַרקעמט אַרונטער, אַז די הויט אויף איר יונגן שטערן זעט אַזש אויס ווי אָנגעצויגן, און פון העכער איר אייבערשטער ליפּ קוקט אַראָפּ עפּעס האַלב־רויטס, ווי ביי קינדער באַלד נאָך וואַשן זיך. זי האָט געזאָגט וועגן איר ברודער דמיטרי סטאַכאָוויטשן, אַז מען איז אַוועקגעגאַנגען אים רופן, און דערביי האָט זי אויפגיך באַגאָסן די פּאָר וואַזאָנעס אויפן פענצטער און איז אַוועק, — זי איז געבוירן געוואָרן נאָר אויף צו באַגיסן וואַזאָנעס.

— דאָס איז זי . . . קסעניא, — האָט מיט שמייכל־דיק־אָנגעבלאָזענע באַקן צו מיר אַ מאַך געטאָן נאָטל זלאַטקין.

דערביי האָט ער מיט אַ גראָבן פינגער ווי אַ וורִיז געטאָן אַהין, וואו מיר האָבן היינט אינדערפרי, אָפּ־פאַרנדיק פון דער באַלעבאָסטע הינדלס שטוב, געלאָזט שטיין מיטן פּעקל אין האַנט דעם מאַלער אַבראַשען. אַ רגע האָט דעריבער זיך געגלייבט, אַז ער שטייט דאָרט

נאָך אַלץ אין דער פּאַזע, אין וועלכער מיר האָבן אים געלאָזט.

פאַרוואָס עפּעס האָט זיך געדאַכט, אַז פון דער טיר־קליאַמקע, צו וועלכער דאָס מיידל האָט ביים אַוועקגיין זיך צוגערירט, שמעקט איבער דער גאַנצער קאָנטאָר מיט אַ ריח פון וועסנע?

איך האָב געקוקט, ווי זעלמאַנאָוויטש בייזערט אָן די ברעמען און טוט פּאַמעלעך אַ פיר איבער מיט אַ האַנט איבער איינער אַ באַק זיינער — אַזוי טוט מען מעכאַניש, ווען מען וויל זיך דערמאָנען, ווי לאַנג איז שוין, זינט מען האָט זיך אָפּגעגאָלט. נאָר פאַרוואָס זיינען מיר אַלע דריי נאָכן מיידלס אַוועקגיין געבליבן אַזוי פאַרטראַכט?

— עס טרעפט זיך! — האָב איך אָן חשבון אַ זאָג געטאָן.

— וואָס טרעפט זיך? — האָט ניט פאַרשטאַנען זעלמאַנאָוויטש.

— נו, עס טרעפט זיך: נאָכן אויספאָרן אַ וועלט קומט מען אָן אין אַ ביז גאָר פאַרוואָרפענעם העק און מען דערפילט גלייך, אַז דאָ האָט מען גאָר אפשר באַ־דאַרפט זיין די גאַנצע צייט.

— יאָ, — האָט באַטראַכטנדיק מיך מיט אַ צו־זאַמענגעצויגן אויג, מודה געווען זעלמאַנאָוויטש, — עס טרעפט זיך...

און מיט אַ מאַך פון דער האַנט געגעבן צו פילן, אַז אָט דער שמועס איז געענדיקט. אים איז, ווי ווייט עס איז געווען צו זען, געלעגן גאָר עפּעס אַנדערש אין קאָפּ.

פון ערגעץ אין פעלד האָט זיך אומגעקערט קסע־ניעס ברודער, דער קאָלווירט־פאַרזיצער דמיטרי סטאַ־כאָוויטש — אַ קליינוואוקסיקער, אַ דאַרינקער, ניט קיין

געגאַלטער, מיט גלאַנציק־קלוגע און צו גרויסע קאַרע אויגן — און פונעם אַרט ברוך־הבא, וואָס ער האָט זעל־מאַנאָוויטשן אָפּגעגעבן, איז געווען צו זען, אַז אי ער פרייט זיך מיט זיין אַראָפּקומען, אי ער וואָלט דאָ גלייך אַ בעלן געווען תופס צו זיין מיטן אויג, וואָס אַזוינס זאָל באַטייטן אָט דאָס פלוצימדיקע אַראָפּקומען זיינס.

— אַהאַ! — האָט ער געזאָגט, באַמערקנדיק דאָ דערביי נאָטלען.

— פון מאָסקווע, — האָט מיך פאַר דמיטרי סטאַ־כאָוויטשן פאַרגעשטעלט זעלמאַנאָוויטש.

און אָקאָרשט אין יענער רגע האָב איך באַנומען, צוליב וואָס ער האָט מיך אַהער מיטגענומען, — ער האָט געוואָלט, אַז די גאַנצע צייט, וואָס ער וועט דאָ פירן דעם נייטיקן שמועס, זאָל אויף עפּעס אַ נאַטיר־לעכן אופן פון מאָל צו מאָל דורכקלינגען דאָס וואָרט מאָסקווע.

— וואָס טוט מען איצט ביי דיר אין פעלד, מען וואַרפט אָפּ מיסט? — האָט פון פאַרטראַכטקייט אַרויס זיך נאָכגעפרעגט זעלמאַנאָוויטש.

— אָט־אָט . . . מיסט, זעסטו, איז ביי אונדז ווייניקלעך, — האָט, אַנבייגנדיק פאַמעלעך דעם קאָפּ, ווי ניט וויסנדיק אַרויסגעלאָזט פונעם מויל דמיטרי סטאַ־כאָוויטש. ער האָט זיך אַ קראַץ געגעבן אין איינער פון זיינע ניט אָפּגעגאָלטע באַקן און פון אונטן אַרויף זיך געזייטלט מיט די אויגן אויף זלאַטקינען.

— אָט ביי אים, — האָט ער געזאָגט, — איז פאַראַן איבעריק מיסט, איז אָבער אַביסל ווייטלעך פון דאָרט צו פירן.

זעלמאַנאָוויטש האָט צוגעקוקט, ווי נאָטל האָט שכל זיך אַנצובלאָזן ביים ענטפערן:

— וואָס ביי אונדז איז פאַראַן, דאַרפן מיר אַליין...

מיסט, וויפל מען זאָל ניט האָבן, קומט עס צוניץ.

— אָ־אָ! — האָט זיך שיער ניט צעלאַכט דמיטרי סטאַכאָוויטש, — דאָס נעמט ער אָנבאָטן אַ מקח, נאָך איידער מען דינגט זיך . . . גראָד דאָס האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט.

— לערן אים, לערן אים, — האָט געזאָגט זעלמאַנאָוויטש, — ס'איז אויף דיין קאָפּ: ער קלערט אינגיכן זיך אַרויסרופן אויף אַ פּאַרמעסט.

— ער — מיך?

מיט אַ געזייטלטן בליק האָט דמיטרי סטאַכאָוויטש באַנייס באַטראַכט זלאַטקינען.

— גוט, — האָט ער אויסגעלאָזט מיט אַ טאָן פון „אדרבא“, — עס וועט מיר ווערן פריילעכער דאָ אין דער טייגע.

אין דער זעלבער צייט האָט ער קלוגיטשקערהייט באַמערקט, ווי נאָטל נעמט ניט אַוועק זיין בליק פון זעלמאַנאָוויטשן, וואַרטנדיק, ער זאָל וואָס גיכער אָנהייבן דעם סאַמע נייטיקן שמועס. און ווי אומיסטן אויף אַרויסצודרייען זיך פון אָט דעם שמועס, האָט דמיטרי סטאַכאָוויטש פאַרבעטן אַלעמען אין דער צווייטער האַלב שטוב, וואו ער וואוינט מיט זיין פאַמיליע.

— כאָטש מיין באַלעבאָסטע זיצט ניט איין אין שטוב, — האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר זיין פרוי, דער פעלדשערין, — זי איז ערגעץ־וואו אויפן דאַרף צי אין מעדיצינישן פונקט.

אין ערשטן גרויסן חדר — אַ מין געמיש פון אַ זאַל, פון אַן עסצימער און פון נאָך עפּעס — האָט גלייך אַ צי געטאָן מיט אומדערוואַרטער געמיטלעכקייט. אַ ווילע איז געווען ניט קלאָר, פונוואַנען די געמיטלעכקייט נעמט זיך; פון די פאַרביקע אויסגעשפּרייטע רעדנעס אויף דער אָפּגעוועקסלטער פּאָדלאָגע,

פון די פיל וואזאנעס, וואס זיינען אין ווינקל געשטאנען אויף טרעפלעך אין א שורה איינע העכער פון דער אנ־דערער, צי גאר פון קסעניען, וואס האט דא שטיל גע־נומען באלעבאסטעווען ארום די געסט.

א געבויגענער וויג־שטול, פארפוצט מיט אן אויס־געניים סטעזשקעלע, האט טיפער אין צימער געוואָרט, אז א ליידיקגייער זאל זיך אויף איר א הוידע טאן — ווער ווייסט, ווי לאנג דער וויג־שטול האט דא אינ־מיטן טייגע שוין אזוי־א געווארט?

זעלמאנאָוויטש, ווען דער באלעבאס האט מיט דער וויג־שטול געוואלט מכבד זיין, האט ליבער זיך צוגעזעצט אויפן ברייטן באנק־בעטל, וואס איז אינ־איינעם מיט א שטיק וואנט געווען פארשפרייט מיט א צו גראבן און צו לאנגן קילים.

נעענטער צו די פענצטער איז אין אלכסון צו דער שיין געהאנגען אויף א מאלברעט א גערעמט לייוונט, און פון דארט האבן אראפגעקוקט צוויי ניט דערמאלטע פי־גורן: די פיגור פון דער ביז־גאר העלער קסעניען, און דא דערביי — ווי א קאנטראסט צו קסעניען, — די פיגור פונעם קויל־שווארצן שימלען פונעם קאלווירט ביי דער טונגוסקע. צו אט דעם ניט דערמאלטן בילד האט דער מאלער אבראשע היינט אינדערפרי, נעבעך, אזוי שטארק זיך געריסן. זיין גרעסטער פעלער איז, ווי דער פארטארג קליאמקיס האט אויסגעפונען, באַ־שטאנען אין „משוגענעם יאגן זיך נאך קאנטראסטן“.

ארויסגעוויזן האט זיך, אז קסעניא — זי האט געענדיקט א צעניאריקע שול אין כאבאראווסק — האט דא זומער־צייט געגעבן שימלען „אוראקן“.

— ער איז דארט ביי דיר נאך אלץ דער בעסטער בריגאדיר? — האט וועגן שימלען פארטראכטערהייט געפרעגט ביי זלאטקינען זעלמאנאָוויטש, — וועסט אים

זאָגן: פאַראַן אַ באַשלוס, מען זאָל אים שיקן קיין כאַבאַראָווסק זיך לערנען.

און אויסמעקנדיק, ווי אַ קורצזיכטיקער, אַ פּאָר ווערטער ביי זיך אין נאָטיץ־ביכעלע, האָט ער פאַראייבערגעוואַרפן זיך מיט נעם גטעאַן צום באַלעבאַס:

— מיר האָבן דיר פאַרשאַפט דעם פאַרגעניגן אויפצונעמען ביי זיך געסט דאָ אינמיטן דער טייגע, איז מיט וואָס, דמיטרי, קלערסטו זיך אויסקויפן פאַר אָטדער הנאה?

— מיט וואָס דו ווילסט, טייערער.

מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן דער שמועס, נאָך וועלכן נאָטל זלאַטקין איז דאָ די גאַנצע צייט שיער ניט אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט:

— זאָג נאָר, טייערינקער...

זעלמאַנאָוויטש האָט געפרעגט ביי דמיטרי סטאַכאָוויטשן, וויפל האָט ער היי. יענער האָט באַקומען אַזאַ פּנים, ווי גלייך דאָס וואָרט „היי“, כאָטש ער האָט עס שוין אַמאָל געהערט, מוז ער, פונדעסטוועגן, אָנשטרענגען דעם זכרון, כדי צו דערמאָנען זיך, וואָס אַזוינס באַטייט עס.

— היי? — ער האָט קלוגיטשקערהייט אַראָפּגעקוקט צו זיינע הענט, וואָס רייבן די קני. — נו, יאָ... מיר האָבן, פאַרשטייט זיך... וואָס איז דען?

— וויפל היי האָסטו, וויפל דאַרפסטו און וויפל, רעכנסטו, וועט דיר בלייבן?

דמיטרי סטאַכאָוויטש — נאָך אַ רגע שווייגן:

— ווער קען דען אַזוי פּינקטלעך אויסרעכענען?

— און זיינע ווייסע ציין, וואָס האָבן זיך באַוויזן, בעת ער האָט אַ שמייכל געטאָן, האָבן פון זייער זייט ווי צוגעגעבן: וויפל מיר האָבן, זאָל אונדז וואויל באַקומען.

זעלמאַנאָוויטש — צו מיר, ווי ער וואָלט זיך פאַר־קלאָגן אויף זיין שווערן לעבן דאָ:

— אַ מאָדנע זאַך! זיי ווערן דאָ ביי אונדז געהאַר־טעוועטע אַזעלכע . . . גאָר ניט צו פאַרשטיין . . . זיי פאַרגעסן זיך... כאַפּט איינער אַריין עפּעס־וואָס אין די הענט, ווערסטו עס ביי אים ניט אַרויסרייסן, סיידן מיט אָפּצווענגעס.

נאָר אין דער זעלבער צייט האָט זיך גאָר געפילט, אַז סך־הכל האָט ער הנאה, וואָס דער גוטמוטיקער דמיטרי סטאַכאָוויטש ווערט אַזאַ „שווערער פאַרשוין", ווען עס קומט אים אויס אַרויסצולאָזן פון דער האַנט עפּעס־וואָס פונעם קאָלווירטס געזעלשאַפטלעכן פאַר־מעגן.

— נו, נו, — האָט ער אַ וועק געגעבן ווי פון שלאָף דעם אומעטיק געבליבענעם באַלעבאָס, — אָן שטיק! איבעריק היי ווערט ביי דיר פאַרפוילט יאָר־איין, יאָר־אויס. היטסט עס און האָסט נאָכדעם ניט אין דער אַרומיקער טייגע וועמען עס צו פאַרקויפן, און דאָ אין שכנות הונגערט דאָס פי ביי אים־אָ . . .

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אויף זלאַטקינען, קסע־ניא — אויך. זי האָט זיך געגרייט אָנצוקומען לערנען אין אַגראָנאָמישן אינסטיטוט און, זיצנדיק קינדערש איינגעהויקערט דאָ ביי דער זייט, האָט זי זיך צוגעהערט צום שמועס מיט אַזאַ אינטערעס, ווי גלייך דאָס הערט זי שוין די ערשטע אַגראָנאָמישע לעקציע. גראָד אין דער־אָ רגע האָט זלאַטקינען זיך געוואָלט, מען זאָל אויף אים וואָס ווייניקער קוקן. און דאָ נאָך האָט, זייטלעכ־דיק אויף אים די אויגן, אַ מאַך געטאָן דמיטרי סטאַ־כאָוויטש:

— ווער עס האָט היי, יענעם קומט פי.

— אַהאַ! — האָט אים געפּאַקט פאַרן וואָרט זעל־

מאַנאָוויטש. — אַזוי־זשע רעד, באַלעבאָס. דערויף, קומט אויס, האָסטו געוואָרט די גאַנצע צייט: אויב דמיטריס היי וועט ניט גיין צו עמעצנס פי, וועט עמעצנס פי גיין צו דמיטריס היי. זיי זיך מודה. נו, און ווי איז מיט העלפן אַ שכנהשן קאָלווירט זיך שטעלן אויף די פיס?

— ע, כאַפּ ניט, — האָט אויף די אַלע טענות אָוועק־געמאַכט מיט דער האַנט דמיטרי סטאַכאָוויטש, — זאָל זאָגן זלאַטקין, צי האָב איך אים ניט געוואָרנט: „שנייד ניט קיין היי אויף קיין נידעריקע ערטער, שפּיי דערויף, וואָס די ערטער זיינען נאָענט, עס וועט דיר אויספּאַלן באָקאָם!" זאָל ער אַליין זאָגן, צי האָבן מיר כאָטש איין מאָל זיך אָפּגעזאָגט פון אויסהעלפן זייער יונגן קאָלווירט.

— אמת, — האָט מסכים געווען זעלמאַנאָוויטש,

— וועגן דעם האָבן מיר ניט איין מאָל געשריבן ביי אונדז אין דער צייטונג. טאָקע דערפאַר דאַרף איך נאָך מער אָנגיין די שווערע צייט, וואָס זיי לעבן איצט איבער.

מיט אַ צוגעבויגענעם קאָפּ צום אַקסל האָט ער אַ שפּאַן געגעבן איבערן צימער און גענומען בייזלעך אונטערברומען, פאַרגעסנדיק דערביי, אַז ער טרעט אָן אויף פאַרביק־אויסגעפּוצטע פּאָדלאָגע־רעדנעס, וועלכע מען וואָלט אפשר גאָר באַדאַרפט אַרומגיין:

— ניט דערויף, זעסטו, האָט מען איינגעפירט ביי אונדז קאָלווירטן, עס זאָל יעדן פון זיי ניט אָנגיין, וואָס עס טוט זיך ביים אַנדערן.

און אָפּגעטראַכט אַ ווילע און געכאַפּט אַ קוק, ווי דמיטרי סטאַכאָוויטש זיצט נאָך אַלץ דאָ ביי דער זייט און שווייגט, האָט ער, ווי אויף ניט אויסצורײדן שוין מער קיין וואָרט וועגן היי, גאַנץ הויך אַ פרעג געטאָן

ביי מיר:
— האָ? איז ווען, זאָגסטו, פאָרסטו אָפּ צוריק קיין מאָסקווע?
— וואָס דאַרף מען ריידן גלאַט אין דער וועלט אַריין? — האָט דמיטרי סטאַכאָוויטש כמעט מיט אַ זיפץ זיך אומגעקערט צום שמועס וועגן היי. — קום אַריין אין קאָנטאָר, וועלן מיר אַ קוק טאָן, וויפל האָבן מיר. ביי אונדז ווערט אַלצדינג פּינקטלעך פאַרשריבן.
— פון דעם וואָלסטו געוועזן באַדאַרפט אָנהייבן, — האָט, נאָכגייענדיק דעם באַלעבאָס אין קאָנטאָר אַריין, געזאָגט זעלמאַנאָוויטש.
אין אַ קורצער ווילע אַרום האָט ער אַ רוף געגעבן אַהין אויך זלאַטקינען, און איך בין געבליבן אייך־אַליין מיט קסיעניאַן — אַ יונג נפש, צו וועמען די אויגן ציען זיך אַליין פון זיך, ווי די אויגן ביי אַ פּיצל קינד, ווען פאַר זיי באַוויזט זיך עפּעס זייער פאַרביקס אָדער אָפּגעפּאָלירט־פינקלענדיקס. אַ שפּאַן געגעבן און זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם בילד, וואָס הענגט אויף דער מאָלברעט אין אַלכסון צו דער שיין, האָב איך געענו־מען באַטראַכטן אַבראַשעס קונסט, ווי דורכשטודירן באַנייס אַ קאָן און אפשר שוין אפילו מיט אַ מינע פון אַ גרעסערן מבין, ווי איך בין, אָבי צו זיין באַלעבאָס אויף די אייגענע אויגן.
— דאָס בילד איז נאָך ניט פאַרענדיקט, — האָב איך פון דער צימער־טיפקייט דערהערט קסיעניאַס שטיל קול.
— יאָ, דאָס זע איך, — האָב איך געזאָגט, איינ־קוקנדיק זיך נאָך מער ערנסט אינעם בילד.
עס איז אַזוי אַוועק אַ מינוט און מער.
— איך ווייסט ניט? — האָב איך פּלוצים באַנייס דערהערט דעם מיידלס קול. — מער האָט קיינער זיך

ניט געקליבן קומען היינט אַהער פונעם קאַלווירט?

איך בין געווען זיכער, אַז זי מיינט דעם מאַלער אַבראַשען, נאָר איך האָב געהאַט אַ טעות. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קסיעניאַ האָט אַ גרונט צו האָבן יסורים, פאַרוואָס מיט אונדז איז ניט געקומען שימל, ווייל פּשוט: עס איז נאָך ניט געווען דער פאַל, אַז אויף אַ פור, וואָס גייט אַהער פונעם קאַלווירט, זאָל זיך ניט אַרויפכאַפּן שימל.

— סיידן ער איז קראַנק אָדער ער איז בכלל ניטאָ אין קאַלווירט, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעלע פון אַ זיגערין.

און טאַקע דאָ באַלד, אַ לויף געגעבן אין קאָנטאָר און זיך געזאַמט דאָרט אַ ווײַלע, האָט זי זיך אומגעקערט זייער אַ צופרידענע און אויף גיך גענומען אַראָפּוואַרפן פון די פּיס די גרינגע שטוב־שיך און אַרויפציען אויף זיי קליינע, ווינטערדיק־וואַרעמע פוישטן.

— ער בלייבט דאָ נעכטיקן, — האָט זי שיער ניט מיט קינדערשער פרייד געזאָגט וועגן זעלמאַנאָוויטשן, — ער וועט דאָ זיין אין אָוונט אויף הײַנטיקער פאַרזאַמלונג, און מיר האָט ער אָפּגעטראָטן זיין אָרט אין שליטן . . . איך פאָר מיט אייך צוגאַסט צו אייך אין קאַלווירט.

עס האָט, פונדעסטוועגן, אַביסל געדויערט, ביז פון קאָנטאָר האָבן אינאיינעם מיט זעלמאַנאָוויטשן זיך אומגעקערט ביידע קאַלווירט־פאַרזיצערס. דערפאַר אָבער האָבן אַלע דריי אויסגעזען ווי זיגער. אַלץ איז געווען אָפּגעמאַכט: פאַרן היי וועט זלאַטקין זיך צעצאָלן טייל־ווייז מיט מזומן, טיילווייז מיט צושטעלן אַהער אויף זיין אייגענעם טראַנספּאָרט אַזוי פיל און אַזוי פיל באַמיסטיקונג. עס בלייבט בלויז פאַרצולייגן דאָס אַלץ היינט אין אָוונט אויף דער קאַלווירט־פאַרזאַמלונג. נאָר

דמיטרי סטאַכאָוויטש גלויבט, אַז דער אָפּמאַך לויגט דעם קאָלווירט און וועט אָנגענומען ווערן. זעלמאַנאָ־וויטש איז ווירקלעך געבליבן נעכטיקן, און בעת מיר האָבן זיך גענומען קלייבן אַוועקצופאָרן, האָט ער אונדז שוין אפילו ניט באַמערקט — ער האָט אינאיינעם מיט דמיטרי סטאַכאָוויטשן שוין פאַנאַנדערגעקליבן די אָר־טיקע ענינים מיט דעם זעלבן ערנסט, מיט וועלכן ער האָט נעכטן פאַנאַנדערגעקליבן די ענינים אין שכנהשן יידישן קאָלווירט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— נו? — האָב איך אויפן שליטן אַ מונטער גע־טאָן זלאָטקינען, — איז ווען וועט זיין ביי אייך חתונה?

דאָס איז געווען צו אָוונט צו, ווען מיר האָבן אויפן פערד־און־שליטן זיך דערנעענטערט צום ישוב ביי דער טונגוסקע.

— איי, — האָט ער פאַרזאָרגט אַ מאַך געגעבן, — היי איז ערשט אַ האַלבע מעשה . . . די פאַרפּלייצונג האָט ביי אונדז אַוועקגעפּטרט אַלע פּיטער־גראָזן.

און ער האָט דאָך דערביי אַ שמייכל געטאָן, אויב ניט מיטן גאַנצן פּנים, איז יעדנפאַלס מיט אַלע זיינע ווייסע פאַרנטיקע ציין. ווי־ניט־ווי האָט ער זיך איצט אומגעקערט אין קאָלווירט ניט מיט ליידיקע הענט. ער האָט דאָרט געהאַט אָנצוזאָגן צוויי גוטע בשורות אויף אַמאָל. ערשטנס:

— מיט היי וועט מען ווי־ניט־איז אויסקומען.

און צווייטנס:

— שימל וועט פאָרן לערנען.

שימלען האָבן מיר אין ישוב ניט געטראָפן. פון דער באַלעבאָסטע הינדלען האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז בייטאָג איז ער אַוועק מיט אַ בריגאַדע אין דער טייגע צו די פאַרבליבענע פּיטער־גראָזן. מיט אַן אויס־

זען שיער ניט פון זייער אַ יונגער אַלמנהלע איז דאָ ביי דער זייט געבליבן שטיין די שטאַלטנע קסיעניא און האָט פּלוצים אויפגעהערט אַראָפּצושאַרן פון זיך די שטרויעלעך, וואָס זיינען אויף איר פאַרבליבן נאָך איר אַרויסקריכן פונעם שליטן.

— ס'אַ משל! — האָט די באַלעבאָסטע הינדל גע־זאָגט וועגן דער בשורה, אַז שימלען שיקט מען, ער זאָל זיך לערנען, — וואָס מיר „שיקן אים לערנען״? צו וואָס דאַרף ער עס? אַז ער קען שוין גאָר אַלצדינג נאַאיזוסט, שימל!

דערפאַר האָט אויך זי געהאַט עפּעס־וואָס אונדז אָנצוזאָגן: פון מאָסקווע איז איר אָנגעקומען אַ טעלע־גראַמע. איר איז שיער ניט אַרויס די נשמה — זי האָט געמיינט ווער ווייסט וואָס. לאָזט זיך אויס: דאָס באַדאַנקט דער שיקאַגער פּראָפעסאָר, וואָס מען האָט אים דאָ אַזוי פיין אויפגענומען.

— נו? — האָט, איבערציילמענדיק די הענט אויף דער ברוסט, געפרעגט די באַלעבאָסטע הינדל. — זאָגט שוין איר אַליין: איז ער ניט אַ צדיק? — און נאָך האָט זי געזאָגט — שוין בלויז צו מיר: — איר פאָרט דאָך פונדאַנען צוריק קיין מאָסקווע, איז פאַרשפּאָרט מיר אַ טעלעגראַמע און זאָגט דאָרט דעם פּראָפעסאָר . . . — זי האָט מיט אַ שמייכלדיק חנדל צונויפגעשנורעוועט די ליפּן: — אַ דאַנק פאַר אַ דאַנק.

(סוף)